STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00499

GEKLIBENE SHRIFTN

Samuel Niger

Permanent preservation of this book was made possible by
David & Jean Shechet
in honor of
the Gantse Mishpokhe

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ניגער

שלום עליכם

זיינע וויכטיגסטע ווערק, זיין הומאָר און זיין אָרט
אין דער אידישער ליטעראַטור.

אידישער קולטור פאַרלאַג
ניו יאָרק, 1928

Copyright 1928 by
Samuel Charney
New York

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 200

אינהאַלט

זייט

פון פּראָפעסאָר — — — — — — — — — — — — — — 5

1. שלום עליכם, אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק:

א. די העכסטע מדרגה — — — — — — — — — — — 19
ב. מענדעלע — און שמ״ר — — — — — — — — — — 20
ג. רעאַליזם — און שמריזם — — — — — — — — — 26
ד. די ערשטע טריט — — — — — — — — — — — — 29
ה. „אידישע“ ראָמאַנען — — — — — — — — — — 44
ו. שלום עליכם — און זיין לעזער — — — — — — — 48
ז. די ווירקונג פון מענדעלע מוכר ספרים — — — — — 62
ח. מענדעלעס סאַטירע — און שלום עליכם׳ס הומאָר — 66
ט. טביה דער מילכיגער — — — — — — — — — — — 69
י. מאָטל פייסי דעם חזנ׳ס אינגל — — — — — — — — 77
י׳א. מנחם מענדל מיעהופּעץ — — — — — — — — — 89
י׳ב. כתרילעווקע — — — — — — — — — — — — — 97
י׳ג. הומאָר, קאָמיזם, פּאַטאָס — — — — — — — — 102
י׳ד. שלום — — — — — — — — — — — — — — — 104

2. דאָס אידישע און דאָס אוניווערסאַלע אין טביה דעם מילכיגן:

א. פּראָלאָג — — — — — — — — — — — — — — 118
ב. דאָס גרויסע געווינס — — — — — — — — — — 121
ג. אַ בוידעם — — — — — — — — — — — — — — 126
ד. היינטיגע קינדער — — — — — — — — — — — 135
ה. האָדל — — — — — — — — — — — — — — — 140
ו. חוה — — — — — — — — — — — — — — — — 144
ז. שפּרינצע — — — — — — — — — — — — — — 149
ח. טביה׳ס הומאָר — — — — — — — — — — — — 156

3. „פונ׳ם יאַריד“ — — — — — — — — — — — — — — 158
4. דאָס שלום-עליכם-בוך — — — — — — — — — — — — 179
5. שלום עליכם דער בריוו-שרייבער — — — — — — — — 215
6. עלעמענטן פון שלום-עליכם-הומאָר פאַר שלום עליכם׳ען — 227

פון פאַרפאַסער

דאָס בוך איז ניט אָנגעשריבן געוואָרן מיט איינמאָל. זיינע פאַרשיידענע קאַפּיטלאַך זיינען פאַרפאַסט (און פאַרעפנטלאַכט) גע־וועןּ אין פאַרשיידענע צייטן — צווישן די יאָרן 1912 און 1926.

די אַלע טיילן פונ'ם בוך זיינען אָבער געענדערט געוואָרן אין אַ סך פּרטים, איידער זיי זיינען צונויפגענומען און סיסטעמאַטיזירט געוואָרן פאַר דער איצטיגער אויסגאַבע. גאָר אַ באַזונדער גרויסע צאָל שינויים, הוספה'ס און אויסבעסערונגען איז נויטיג געווען פאַר דעם ערשטן עלטסטן טייל — דער „אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק". אָבער דאָס איז שייך נאָר צו די איינצלהייטן. דער הויפּט־מאָטיוו און דער גרונט־טאָן איז געבליבן, ווי געווען. וואָרים שוין אין 1912 האָט דער פאַרפאַסער געהאַט דעם קוק, וואָס ער האָט איצטער, אויף שלום עליכם'ס קינסטלערישער פּערזענלאַכקייט און איר וואונדער־לאַכסטער אייגנשאַפט — דעם הומאָר.

אָבער נאָר ביסלאַכוויז, נאָך אַ לאַנגען אינעווייניגסטן ישוב־הדעת, איז דער אויטאָר געקומען צו דער אָפּשאַצונג פון שלום עליכם'ען, וועלכע געפינט זיך אין דעם דאָזיגן בוך. פריער איז שלום עליכם'ס פאָלקס־גייסט, זיין „ניט־מאָדערנער" אופן שרייבן און דערהויפּט זיין הומאָריסטיש לעבנס־געפיל מיר נישט געווען גענוג נאָענט, גענוג פאַרשטענדלאַך.

הומאָר איז אַ זאַך פאַר קינדער און רייפע מענטשן. דער יוגנט איז ער פרעמד. אויך דעם איידעלן פאָלקס־טאָן באַנעמט נאָר די תמימות און די געלייטערטע קלוגשאַפט.

אַ חוץ דעם, איז די אידישע יונג־אינטעליגענץ, ערב דעם

צוויטן צענדליג יאָר פון היינטיגן יאָרהונדערט פאַרכאַפּט געוועזן פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע מאָדעס און מאָדערניזמען. איז פאַר אַ גרויסן טייל פון דער דאַמאָלסטיגער ליטעראַרישער יוגנט שלום עליכם געוועזן צו „אַלטמאָדיש". אַזוי, צום ביישפּיל, האָבן מיר זיך נישט געקאָנט גאָר פאָרשטעלן, אַז דער זייער פּאָפּולערער הומאָריסט, דער באַרימטער פאָלקס־דיכטער, זאָל זיין אַ מיטאַר־בעטער אין די „אינטעליגענטישע" „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטן", וועלכע זיינען אַרויס אין יאָר 1908. אויף אונזער הימל האָט העל געלויכטן נאָר איין וועגווייזנדיגער שטערן — פּרץ. מיר זיינען געווען פול מיט זיין הייסן ענטוזיאַזם, מיט זיין יום־טוב'דיגקייט, מיט זיין ראָמאַנטיק, מיט זיין יוגנטלאַכער אומרו. פאַר דעם שטילערן און רואיגערן ליכט, פאַר די שמייכלענדיגע בליקן פון שלום עליכם'ען האָבן מיר דאַן נאָך נישט געהאַט קיין אויג. ער איז געווען פאַר אונז צו לייכט, צו איינפאַך, צו „ווינציג ראַפינירט", צו „וואָכעדיג". דאָס איז נאָך מער אין אונז פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך זיין סיסטעמאַטישן מיטאַרבעטן מיט גרויס ערפאָלג אין דער — דאַן נישט לאַנג אויפגעקומענער ביליגער פּרעסע.

און ווען עס איז אָפּגעריכט געוואָרן אין יאָר 1908 זיין פינף־און־צוואַנציג־יאָריגער ליטעראַרישער יובילעי, האָב איך געשריבן וועגן אים אַן אַרטיקל, אין וועלכן עס האָט זיך געפילט אָט די אומ־זיכערע יוגנטלאַכע באַציאונג. דער עסעי איז פאַרעפנטלאַכט גע־וואָרן אין די נומערן 5 און 6 פון א ווילנער וואָכנבלאַט מיט'ן נאָמען „דער טאָג". אין איר זיינען שוין אויסגעדריקט געוואָרן אייניגע פון די געדאַנקען, וואָס זיינען דער יסוד פון דעם דאָזיגן בוך, אָבער אין דעם אַלגעמיינעם טאָן פון דער אָפּשאַצונג איז געווען עפּעס פון „כבדהו — וחשדהו", און דער עסעי איז אין דעם דאָזיגן בוך, פאַרשטייט זיך, נישט אַריינגענומען געוואָרן. אָבער אייניגע שטעלן פון אָט דער ערשטער יוגנטלאַכער אַרבעט מיינער וועגן שלום עליכם'ען וויל איך דאָ ברענגען. אין אַ געוויסן זינען זיינען זיי, ווי געזאָגט, כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ גרויסן טייל פונ'ם דאַמאָלסט־יונגן ליטעראַרישן דור, איז אפשר כדאי זיי אויפצוהיטן.

איך האָב שוין דאַן פאַרשטאַנען דעם כאַראַקטער, אָבער נישט דעם פולן ווערט פון שלום עליכם'ס הומאָר. כ'האָב נאָך נישט

קלאָר געגוג געפילט, אַז אויב סאַטירע איז געזעלשאַפטלאַך נוצ־לאַכער, ווי הומאָר, איז דערפאַר אָבער קינסטלעריש הומאָר נישט אין ערך אַ העכערע מדרגה, ווי סאַטירע. האָב איך (מיט קליינע סטיליסטישע ענדערונגען) געשריבן:

„די ווערק שלום עליכם'ס זיינען אָנגעשריבן אַלס הומאָריס־טישע; אַלס סאַטירישע דאַרפן זיי ערשט אָנגעשריבן ווערן — דורך אַן אַנדערן, ניט דורך אים. ער האָט געשאַפן מאַטעריאַל פאַר אַ סאַטיריקער, אַליין איז ער ניט קיין סאַטיריקער.

פון וואָס ווערט געוועבט די סאַטירע? פון ליבע און פאַר־אַכטונג. שלום עליכם האָט אַ האַרץ פול מיט ליבע, אָבער אָנשטאָט פאַראַכטונג, האָט ער רחמנות. צום געפיל פון רחמנות ווערט תמיד צוגעמישט פאַראַכטונג, אָבער די פאַראַכטונג פון סאַטיריקער איז אַ ריינע, אַ בייזע פאַראַכטונג, אָן אַ ברעקל רחמנות.

רחמנות, נאָך מער ווי שלום עליכם, האָט מענדעלע, דער „זיידע". נאָר אין דער צייט, ווען שלום עליכם קוקט אויף די העלדן, וואָס ער שילדערט, פון דער זייט, מיט אַ שמייכל פון אַ סקעפּטיקער, — קוקט אויף זיי מענדעלע פון דער הויך, פון אויבן אַראָפּ, מיט אַ שמייכל פון אַ קריטיקער, — מיט אַ שמייכל אַ ביטערן און אַ שטעכעדיגן...

די סאַטירע איז אָנגעזאָפּט מיט צער און מיט צאָרן; שלום עליכם וויים פון צער, אָבער ניט פון צאָרן. זיינע פיילן זיינען שפּיציגע, אָבער ניט קיין שאַרפע. און אָן גיפט. זיי מאַכן נישט קיין וואונד אין דעם אָרט, וואו זיי טרעפן, זיי קיצלען נאָר.

וואָרים דער הומאָר שלום עליכם'ס, דער פּאַטאָס פון זיין הומאָר איז אַ ווייכער און אַ שטילער. דער פּאַטאָס פון דער סאַטירע איז דער פּאַטאָס פון שטורם. די סאַטירע — דאָס איז דער אויפ־געוואַכטער, דער אויפגעבראַכטער געוויסן. דער סאַטיריקער איז שטענדיג מיט כעס און מיט עמיצן אומצופרידן, שטענדיג שטראָפט ער און פּראָטעסטירט און איז אין כעס. אייך דוכט זיך — ער לאַכט, אָבער ער קריצט מיט די ציין. און לאַכט ער — לאַכט ער נישט, ווי אַ שטיל וואַסערל אויפ'ן זון, נאָר ווי אַ ים אַ קאָכיגער, — נישט מיט אַ שמייכל, נאָר מיט שוים אויף די ליפּן, מיט אַ שטורם

אין ברוסט... נישט מיט ווייכע ריידעלאַך נעמט ער אונז, נאָר מיט ווערטער, ווי שפּיזן אָנגעברענטע, נעמט ער אונז דורך; ווי שטיקער גאַל, ווי שטיקער פייער רייסט ער זיי — די רויטע ווערטער — פון הארצן ארויס...

שלום עליכם אין זיינע ראָמאַנען לאָזט זיך אויך אריין אַמאָל אין מוסר זאָגן; ס׳איז אָבער דער מוסר פון אייזיק מאיר דיק, פון דעם קלוגן, אָבער קאַלטן אידן, ניט דער מוסר פון ביאַליק, וואָס פּלוצלונג, ווי אַ שטורם, ווי אַ פייערדיגער האָגל, ברעכט ער אויס און טוט דונערן און בליצן און מאַכט ציטערן די הערצער, ווי דער באַרג סיני, ווען ס׳האָט געהערט פון אים דער נביא... נישט דער מוסר פון איבסען, וואָס, ווי שוימענדיגער וויין, ווי ברענענדיגע טראָפּנס גיסט ער זיך אריין אין דעם שטילן, אין דעם קאַלטן בעכער פון דער קונסט...

די סאַטירע — דאָס איז די קונסט, וואָס וויל ניט בלויז שאַפן, נאָר אויך אָפּשאַפן, די קונסט, וואָס ווערט גענערט פון דער מאָראַל, די עסטעטיק, וואָס האָט זיך דערהויבן ביז צו דער מדרגה פון עטיק... דער סאַטיריקער איז שטענדיג אַ מאָראַליסט, ער האָט אַ פּרינציפּ, וואָס אין זיין נאָמען פּראָטעסטירט ער געגן דערווירקלאַכקייט. די קאָמעדיע פון דער ווירקלאַכקייט איז פאַר אים אַ טראַגעדיע. שלום עליכם אָבער מאָלט די קאָמעדיע פון לעבן ניט אַלס מאָראַליסט, דעריבער ניט אַלס סאַטיריקער, נאָר אַלס הומאָריסט. דעם הומאָריסט פעלט דער מאָראַלישער פּאַטאָס. ער איז אַלץ און אַלעמען מוחל. די קאָמעדיע פון לעבן איז פאַר אים נישט מער ווי אַ קאָמעדיע. ניט ווייל ער וויל אָפּלאַכן שיל־דערט ער זי, נאָר ווייל עס ווילט זיך אים לאַכן.

שלום עליכם האָט ליב לאַכן צוליב לאַכן. ער האָט ליב דאָס לאַכן, אַלס קונסט. דער זינגער האָט ליב זיין געזאַנג, זיינע בילדער האָט ליב דער מאָלער, שלום עליכם איז פאַרליבט אין דאָס לעבערלאַכע. דאָס לעבערלאַכע פאַרשאַפט אים פאַרגעניגן. ס׳גע־פעלט אים, ווי איינעם געפעלט די זון, ווען זי גייט אויף, און דער אַנדערער האָט ליב ביינאַכט זיך צוהערן ווי עס רוישט אין דער פינסטער אונטער׳ן בריק דאָס וואַסער... יעדער קינסטלער האָט זיך זיין פייזאַזש. דער געלעכטער איז שלום עליכם׳ס פייזאַזש. צו

אים האָט ער זיך ליב צוקוקן. אים האָט ער ליב צו מאָלן... דער־ציילט ער אייך אַ מעשה פון אַ כתרילעווקער אידן, אָדער אַ כתרי־לעווקער אידענע, אָדער אַ כתרילעווקן פערד (מתושלח), אָדער אַ כתרילעווקן „ריאַבטשיק", אָדער כתרילעווקער קינדער (אַה, ווי ליב האָט זיי שלום עליכם, אָט די „קונדסים" די כתרילעווקער!), — זאָל אייך נישט דוכטן, אַז ער האָט דאָ עפּעס אַ מיין, אַ רמז, אַ משל מיט אַ נמשל, און טאָמער האָט ער טאַקע עפּעס אַ מיין, זאָל עס אייך נישט אָרן, וואָרים אים אַרט עס אויך נישט, דער עיקר איז פאַר אים די הנאה, וואָס ער האָט פון דעם קאָמישן „פּייזאַזש", פון די קאָמישע ליניעס, פון דער קאָמישער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך דער העלד זיינער, דער כתרילעווקער אָדער דער מאַזעפּעווקער"...

און אָט דאָס איז געווען פאַר מיר דאָן צופיל, אָדער — צו ווינציג. כ'האָב שוין געוואוסט, ווי דער לעזער זעט, דעם סוד פון שלום עליכם'ס הומאָר, אָבער כ'האָב נאָך נישט געוואוסט, ווי אים צו שעצן, און כ'האָב געזוכט צו פ אַ ר ע נ ט פ ע ר ן שלום עליכם'ען פאַר זיין לאַכן צוליב לאַכן. כ'האָב געמוזט אויסזוכן עפּעס אַ ז כ ו ת אויף זיין פריילאַכקייט.

„די פריילאַכקייט, האָב איך געשריבן, איז אפשר נישט אַזוי טיף, דערפאַר איז זי נישט אַזוי פּערזענלאַך, ווי דער אומעט. אומע־טיג איז יעדערער פאַר זיך; פריילאַך איז מען צוזאַמען. אונז איז שווערער איבערצוגעבן דעם אַנדערן אונזער טרויער, ווי אונזער פרייד. ווען מיר זעען, אַז יענער איז אומעטיג, מאַכן מיר אַן אומעטיגע מינע — אפשר דערפאַר, ווייל מיר פילן, אַז אין האַרצן ביי זיך זיינען מיר נישט אומעטיג געוואָרן. אָבער אין דער געזעל־שאַפט פון אַ דערפרייטן מענטשן, דערלויבן מיר זיך אומעטיג צו בלייבן: אויב יענעם איז מיט אַן אמת פריילאַך אויפ'ן האַרצן, וועט ער געווים אויך אונז פריילאַך מאַכן... וואָרים אויב פון טרערן ווערן מיר איינזאַם און רייסן זיך אָפּ פון דער וועלט, איז דער שמייכל, וואָס בליט אויף אויף די ליפּן ביי אונז — אַ צייכן פון סימפּאַטיע, אַ כשוף, וואָס ציט צו און פאַראייניגט...

אָט דער כשוף שטעקט אין די ווערק שלום עליכם'ס.

די אידישע שרייבער זיינען כמעט אַלע פאַראומערטע, פאַר־

שלאָסענע אין זיך. דערפאַר בלייבן זיי איינזאַם, און זיי איז שווער זיך צו פאַראייניקן מיט'ן לעזער. דער אידישער לעזער האָט אליין גענוג צרות, דעם אנדערנס תפלה איז אים שווער צו פאַרשטיין... שלום עליכם קומט צום לעזער מיט אַפּגעווישטע טרערן, אויפ'ן געזיכט שיינט אַ שמייכל, אין דעם שמייכל איז נישטאָ אפשר קיין מונטערקייט, ער שאַפט אָבער אַן אילוזיע פון פריילאַכקייט, און די פריילאַכקייט איז ווי אַ פייער אין אַ פינסטערער נאַכט: זי ט־ייסט, זי ווינקט, זי רופט...

און מען רופט זיך אָפּ".

אָט די גרויסע מעלה שלום עליכם'ס, זיין נאָענטקייט צום לעזער, איז פאַר מיר — און נישט פאַר מיר אליין נאָר — געווען דאָן אַ חסרון. וואָס נעענטער ער איז געווען צום לעזער, אַלץ העכער איז געוואַקסן די וואַנט צווישן אים און אונז — „אינטעליגענץ". און איך האָב געפילט אַ באַדערפניש צו געפינען אָדער אויסצו־טראַכטן אַ „טיפערן", אַן „איינזאַמערן" שלום עליכם'ען, אַזאַ, וואָס זאָל זיין ענלאַכער אויף אונז, יונגע „אינטעליגענטן". און איך האָב זיך געטרייסט, אַז

„שלום עליכם'ס זיינען פאַראַן צוויי: איינעם האָבן באַשאַפן די לעזער, ער געהערט זיי; דער אַנדערער געהערט צו אים אליין. ער איז אָן אַ פּסעוודאָנים, נאָר קיינער ווייס נישט זיין נאָמען... אים לייענען ניט אידן קאָמיוואָיאַזשאָרן און סתם באַלעבאַטים — אין וואַגאָן פּאָרנדיג. מיט אים איז מען שבת נאָך וואָרמעס ביי אַ גלעזל טיי נישט מכבד די געסט, זיי פריילאַכער צו מאַכן. ווער ווייס צי האָט גאָר דער דאָזיגער „שלום עליכם" אַזאַ פריילאַכן נאָ־מען, ווי דער, וואָס אין וואַגאָן און ביי די טיי (אפילו זיין נאָמען איז געווען פאַר אונז „צו פריילאַך"!). ס'איז אַ סברה, אַז ער איז גאָרנישט אַזוי באַרעדעוודיג, ווי יענער, און ס'קאָן זיין, ער איז אַ שטילער, זייער אַ שטילער, אַ פאַרזאָרגטער, מיט פאַרטראַכטע אויגן און אפשר טאַקע גאָר אַ מרה־שחורה'ניק, אַ פּעסימיסט, פון יענעם מין פריילאַכע פּעסימיסטן, וואָס פאַר לייטן שטעלן זיי זיך די פאַרב אין די באַקן, באַהאַלטן די וואונדן, פאַרטומלען

זיך און לאַכן און זינגען און שפּרינגען און, אויב זיי האָבן אין זיך אַ פונק פון אַן אַרטיסט, ווי שלום עליכם, פאַרגעסן זיי אַ ווײַלע טאַקע אָן זיך, ווערן באַגײַסטערט און פאַר׳שכור׳ט פון דעם טאַלאַנט, וואָס זיי באַזיצן, — יע, ס׳איז אַ טאַלאַנט — זיך פרײַלאַך צו מאַכן און פרײַלאַך צו מאַכן אַנדערע. נאָר ווי די מינוט גייט פאַראיבער און זיי קומען צו זיך און דערפילן זיך — דערפילן זיי ווידער די קלעמעניש און דעם ווייטאָג, וואָס אין האַרצן, און שווײַגנדיגע און קאַלטע און איינזאַמע בלאָנדזשען זיי אַרום, און אויב איר האָט אויערן צו הערן דעם ניגון פון אַן איינזאַמער נשמה — הערט איר, ווי זי זינגט שטיל און מעלאַנכאָליש:

שוכני בתי חומר,
למה תשאו עין?...

ווילט איר הערן אַן אָפּקלאַנג פון אָט דעם פאַרבאָרגענעם אורמעטיגן ניגון שלום עליכם׳ס, לייענט אין אַ רואיגער צײַט, אַזוי אַמאָל פאַרנאַכט, ווען עס ווילט זיך אײַך נישט לאַכן און רעדן הויך אויפ׳ן קול, נאָר מיט עמיצן צוזאַמען שווײַגן און וועגן עמיצן טראַכטן און האָבן אויף עמיצן רחמנות — אין אַזאַ שטילער און גוטער צײַט לייענט דעם ערשטן „אידישן ראָמאַן" שלום עליכם׳ס,— דעם נאַאיוון, דעם סענטימענטאַלן, דעם ווייכן, דעם לירישן ראָמאַן „סטעמפּעניו"... „סטעמפּעניו" איז אַלטמאָדיש — אַלע בעסערע ווערק שלום עליכם׳ס זײַנען אַלטמאָדיש, לויט דער פאָרם און לויט׳ן אינהאַלט, — נאָר ווי גוט וואָלט געווען, ווען שלום עליכם, אַליין אַ מענטש פון דער אַלטער וועלט, וואָלט ש ט ע נ ד י ג געשריבן פונ׳ם אַלטמאָדישן, כ׳מיין פונ׳ם ק ל י י נ ש ט ע ד ט ל ד י ג ן אידישן לעבן, פון מאַזעפּעווקע און כתרילעווקע, וואו שלום עליכם פילט זיך ווי אין דער היים... ווי גוט וואָלט געווען אי פאַר אונז, אי פאַר שלום עליכם׳ען, ווען אָנשטאָט דעם „מבול", וואו דער סאַמע אַלטער שלום עליכם האָט זיך צונויפגעפּאָרט מיט דעם סאַמע מאָדישן נאַטפינקערטאָן, — וואָלטן מיר צוריק אָנהויבן לייענען די ריינע און כשר׳ע „אידישע ראָמאַנען" שלום עליכם׳ס, וואו ס׳איז דאָ אַזוי פיל לעבעדיגע בילדער, אַזוי פיל באַ׳חנ׳טע קינסטלערישע פּאַראָדיעס אויפ׳ן אידישן לעבן, וואָס איז אי טראַגיש, אי קאָמיש, אַזוי פיל

רירעווידיגע צניעות און אָפנקייט און הארציגקייט, אזוי פיל אידישע נשמה מיט אידישן הומאָר, מיט אידישן טרויער...

נאָר נישט דוקא אין „סטעמפּעניו", אפילו אין די מעשיות „פאַר אידישע קינדער" און אפילו אין „טביה דער מילכיגער" קאָנט איר דערפילן אַ אָפּקלאַנג פון דעם טרויעריגן הארציגן ניגון, וואָס איז פארבאָרגן אין שלום עליכם'ס אינטימע טיפענישן. איר הערט זיך נאָר צו צו טביה'ס מעשיות משלים און ווערטלאך, וועט איר פארשטיין, אַז וואָס מער קלעמעניש אין דער נשמה ביי אים, אַלץ מער המצאה'ט ער זיך, און איר ווייסט נישט, צי וויל ער עס אייך פריילאַכער מאכן, אָדער ער מונטערט עס נאָר זיך זעלבסט...

נאָר וועגן דעם שלום עליכם'ען, דעם באַהאַלטענעם, דעם אינטימען, איז אַ סך, אַ סך צו רעדן. אַ סך גוטעס און אַ סך אומעטיגעס. אַ פּאָר ווערטער וויל איך דאָ זאָגן וועגן דעם לעזערס שלום עליכם, דעם פריילאַכן שלום עליכם מיט די ניין מאָס רייד, מיט די פסוקים, מיט די ווערטלאך, מיט די אַנעקדאָטן, מיט די המצאות. אָט דער שלום עליכם ווינצלט זיך עס וועגן זיך: „וואָס זאָל נעבאך טאָן אַ ראָמאַניסט, וואָס וויל, אַז אַלע קלאַסן לעזער זאָלן צופרידן זיין?" („סענדער בלאַנק") און אָט דער שלום עליכם מאַכט טאַקע, אַז „אַלע קלאַסן לעזער" זאָלן צופרידן זיין פון אים — אפילו די, וואָס אויסער שלום עליכם'ען נעמען זיי אַ אידיש ביכל אין האנט נישט; אָט דעם שלום עליכם'ען לעזט מען עס רעדלאַכוויז אין די וואַגאָנעס, און שבת נאָך וואַרמעס גיט מען אים צו טיי, אָנשטאָט „וואַרעניע", און מען פילט זיך מיט אים ווי מיט אַ אייגענעם מענטשן און מען גיט אים אָפּ כבוד און מען פייערט זיין יובילייי"...

אָט דער שלום עליכם, דער פריילאַכער, איז דאָן געווען נים אונזער, נאָר דעם לעזערס ליבלינג, און אפילו דער יובילייי שלום עליכם'ס איז געווען אַזוי ווי נים אונזער, נאָר דעם לעזערס יום־טוב, און מיר האָבן נאַאיוו איראָניזירט:

„ווי קומט עס, אַז אידן, באַלעבאַטישע אידן, זאָלן כבוד אָפּגעבן אַ שרייבער? האָבן מיר זיך שוין דען אויסגעלערנט שעצן

און ליבן טאַלאַנט? ניין, אַ טאַלאַנט איז נאָך אַלץ ביי אונז גאָר־נייעט, מיר זיינען אים מקנא, אויב ער קריגט אַ שם אין דער וועלט, אָבער ליבן אים, שעצן אים — דאָס ניט. אַ מאָדנעם טאַלאַנטלאָזן טייטש האָט דאָס וואָרט טאַלאַנט אויף אונזער וואָכעדיקן זשאַרגאָן: האָבן אַ טאַלאַנט הייסט ביי אונז האָבן אַ מלאכה אין האַנט. ביי אַ טאַלאַנט, וואָס איז ניט קיין קוואַל פון פרנסה, נעמען מיר גאָר־נישט, דוכט זיך אונז, — און דערפאַר גיבן מיר אים גאָרנישט. געבן אַ דאַנק פאַר גייסטיגער אָדער עסטעטישער הנאה, וואָס מיר האָבן פון דעם אַנדערען — דערפון האַלטן מיר ניט. פאַר גייסטיגן פאַרגעניגן דאַנקבאַר זיין האָט זיך אייראָפּע געלערנט ביי דער גריכישער קולטור, דערנאָך ביי דער ריטערישער אַריסטאָקראַטיע. ביי איר איז דאָס גייסטיגע, איבערהויפּט דאָס עסטעטישע פאַר־געניגן געוועזן אַ באַדערפעניש פון טאָג־טעגלאַכן לעבן, אָן עסטעטישן קאָמפאָרט האָט זי ניט געקאָנט אויסקומען. ביי אונז איז אָבער לאַנג שוין נישטאָ קיין אַריסטאָקראַטיע... דאָס צופרידנ־שטעלן פון אונזערע גייסטיגע (רעליגיעזע) באַדערפענישן איז גע־וואָרן אַ פונקציע פון געוויסע מענטשן (כלי קודש), פון וועלכע מיר האָבן אויפגעהערט צו פאָדערן באַגייסטערונג און רוח הקודש (איך רעד וועגן מתנגדים: צו דער װעלטלאַכער ליטעראַטור פאַרהאַלטן מיר זיך דאָך אַלע, ווי מתנגדים). מיר זיינען אַלע מיוחסים ביי זיך, מיר זיינען אַ „פאָלק פון כהנים", — און דער־פאַר זיינען די כהנים אונזערע — כהנים אָן אַ פאָלק...

פון וואַנען זשע נעמט זיך דאָס, וואָס שלום עליכם איז אַזוי פּאָפּולער, אַזוי באַליבט ביי די אידישע לעזער? שלום עליכם האָט אויסער דעם אַלגעמיינעם, אָן אייגענעם שלום עליכם׳שן לעזער־קרייז: דעם מיטל־אידישן בעל־הבית, רויכטיגער, בעל־הבית׳ל, —און דעם „אַסימילירטן" (אין גענזן־פיסלאָך) „אינטע־ליגענט" (אויך אין גענזן־פיסלאָך). דער דאָזיגער „אינטעליגענט" האָט אין זיך דאָס, וואָס מ׳קען אָנרופן טשאַלנט־ראָמאַנ־טיק. דאָס איז אַ באַזונדער מין אידישע „ראָמאַנטיק". זי דריקט זיך אויס אין דער „בענקשאַפט" נאָך קוגל, נאָך ליאָקום־צונזער, נאָך אַ אידישער אָפּערעטע, סתם נאָך אידישע נבול פה און אַנדערע אידישע „פאָלקס זאַכן". צו דער נייער אידישער ליטע־

ראטור אָבער, אויסער שלום עליכם׳ען, האָט דער דאָזיגער קוגל־ראָמאַנטיקער, פאַרשטייט זיך, קיין שום שייכות נישט, — היינט פרעגט זיך טאַקע, פון וואַנען נעמט זיך עס, אז דער אידישער עולם, דער קאַלטער, וואָכעדיגער אידישער עולם זאָל רעדן מיט אַזאַ היץ וועגן אַ אידישן ליטעראַרישן יום־טוב? — דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס שלום עליכם באַזיצט אַ זעלטענע פייאיגקייט צו בלייבן אָפּט פאַר זיך אַליין און אין דער זעלביגער צייט זיך באַהעפטן און צו־זאַמענגיסן מיט׳ן לעזער, רעדן אויף זיין לשון און אים טרעפן, ווי מען זאָגט, אין פּינטל״...

און אָט דאָס האָבן מיר אים נישט געקאָנט מוחל זיין. איז אָפּגעפּסק׳נט געוואָרן, אז

„שלום עליכם׳ס ווערק שטייען אימיטן צווישן קונסט און פאַרוויילונג, נאָר אָפּטמאָל האָבן זיי אין זיך ביידע זאַכן: אי קונסט, אי פאַרוויילונג. צוויי נשמות זיצן אין שלום עליכם׳ן: די נשמה פון אַ קינסטלער און די נשמה פון אַ פעליעטאָניסט: אַמאָל שטרייטן זיי צווישן זיך, נאָר מערסטנטיילס לעבן זיי בשלום: דער קינסטלער טוט דאָס זייניגע, דער פעליעטאָניסט — דאָס זייניגע. דער קינסטלער האָט בטבע ליב מאָס, פּראָפּאָר־ציע; זיין אויפמערקזאַמקייט און באַגייסטערונג קאָנצענטרירט ער אויף איין זאַך, און די זאַך זעט ער זאָל אַרוים האַרמאָניש, גאַנץ, איינגעשלאָסן אין זיך, אָן תרעובות׳ן. דער פעליעטאָניסט אָבער לעבט מיט דער מינוט. וואָס אים גייט אויפ׳ן זינען אַרויף, דאָס שרייבט ער. ער שפּרינגט פון איין ענין צום אַנדערן. ניט די גאַנצ־קייט פון דער זאַך איז אים טייער. ער יאָגט זיך נאָך שורות... שורות טרעפן זיך ביי שלום עליכם׳ן אַזוינע, וואָס קיינער וועט זיי ניט אָנ־רופן פעליעטאָנען. דאָס זיינען קונסט־שורות, גענומען פון דער נשמה. נאָר וואָס עפּעס שורות, ביי שלום עליכם׳ן זיינען פאַראַן גאַנצע בלעטער, וואָס עס ווילט זיך זיי לעזן און איבערלעזן, — בלעטער אָנגעזאַפּט מיט צער און באַוועבט מיט אַ שמייכל און באַגאָסן מיט אַ וואַרעמקייט און מיט אַ ליכטיגן תמימות׳דיגן חן; בלעטער, וואו ס׳איז ניטאָ קיין גרויסע חכמה, אָבער

ס'איז פאַראַן אידישע פּקחות, און ס'פּילט זיך אַן אויג פון אַ קינסטלער, און ניט אַזוי אַן אויג צו זען, ווי אַן אויער צו הערן, אַן אויער, וואָס לאָזט קיין איין קלאַנג, דוכט מיר, ניט דורך, אויב נאָר ער קאָן נוצן דער פּייאינקייט, דער אַרטיסטישער פיי־אינקייט, וואָס שלום עליכם האָט צו שילדערן דאָס קאָמישע, וואָס שטעקט אין דער ערנסטקייט, און די ערנסטקייט, וואָס ליגט אין דער קאָמיק פאַרבאָרגן...

די דאָזיגע בלעטער, וואו פון פלאַכן וויץ ווערט טיפער הו־מאָר, פון ווילדע גוזמאות — אַ פיינע קינסטלערישע קאַריקאַטור, און וואו פּשוט'ע אַנעקדאָטן שאַפן אַן ערנסטע קאָמעדיע, — די דאָזיגע בלעטער זיינען דערווייל די איינציגע אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור. צום באַדויערן, אָבער, זיינען זיי א י י נ צ י ג ע, געציילטע, קאָן מען זאָגן, אויך אין שלום עליכם'ס ווערק: א ל ס ג א נ צ ע, מאַכן די ווערק שלום עליכם'ס, אויסער אַ פּאָר אויסנאַמען, דעם איינדרוק פון פעליע־טאָנען: געכאַפּט, געשפּרונגען, געיאָגט זיך נאָכ'ן וואָרט, נאָכ'ן ווערטל"...

אָט די, מיט יוגנטלאַכער העזה אויסגעדריקטע, מיינונג איז געווען דאַן די מיינונג פון אַ סך „אינטעליגענטע לעזער". אַ סך פון זיי האָט דאַן אמת פאַרדראָסן, וואָס „דוקא פאַר די פעליעטאָ־נען מיט די ווערטלאַך מיט דער „אַסקאַקורדע דבאַרבאַנטע דפאַר־שמאַכטע דקאַרנאָסע" — האָט דער לעזער שלום עליכם'ן ליב, און ווער וויים (האָב איך צוגעגעבן) צי ניט דער לעזער אינזערער איז שולדיג דערין, וואָס די לעצטע צייט באַגעגענען מיר אַלץ זעלטענער און זעלטענער שלום עליכם'ן דעם ליריקער, שלום עליכם'ן דעם אמת'ן הומאָריסט און אַלץ אָפטער און אָפטער שלום עליכם'ן דעם צייטונגס־פעליעטאָניסט, שלום עליכם'ן, וואָס די דע־מאָראַליזירטע קליינקרעמערשע פּרעסע אונזערע צווינגט אים זיך אַראָפּצולאָזן ביז צום אידישן שערלאָק האָלמס"...

„דער לעזער האָט זיך איינגעוואוינט צו זוכן ביי שלום עליכם'ן

פארוויילונג, ניט קונסט. ווען ער לעזט שלום עליכם'ן וויל ער זיך ניט אריינטאָן אין דער זאַך, ער וויל נאָר פריילאַכקייט און לעבערלאַכקייט, ער וויל נאָר הנאה האָבן און „לעקן די פינגער" פון דער שפּראַך, וואָס באַשטייט פון „ווערטלאַך", ניט פון ווער־טער... אָן צווייפל, אַ געוויסער מין אויבנאויפיגקייט און „לייכט־זיניגקייט" ליגט אין דער נאַטור ביים שלום עליכם'ן, אַלס הומאָ־ריסט און סקעפּטיקער; אָבער דאָס איז דאָך ניט די טעמפּע, זאַטע לייכטזיניגקייט פון שלום עליכם'ס לעזער, דעם בעל הבית'ישן אידן. דאָס איז די בליענדע, וואויל־שמעקעדיגע לייכט־קייט פון דער ארטיסטישער נשמה, וואָס איז פארליבט אין פאָרמען, אין פארבן, אין ליניעס, ניט אין אידעען. שלום עליכם איז אַלס קינסטלער פארליבט אין די ליניעס, אין די קרומע, צוצויגענע, פרייע, לאַבעדיגע ליניעס פון דער קאַריקאַטור. אַלס ארטיסט, איז שלום עליכם אַ קאָמיקער, אַלס מאַלער, איז ער אַ קאַריקאַטוריסט. לויט זיין קונסט־מעטאָד געהערט ער צו די „רעאַליסטן". נאָר זעלטן ווען ער איז „רעאַליסטיש". ער איז שטענדיג מגזם, מאַכט פון אַ וואָרט אַ קוואָרט, פון דעם קלענסטן קאָמישן שטריכעלע שאַפט ער אַ קאָמישע פיגור, און דאָך איז ער וואַרהאַפטיג, והראיה, איר גלויבט אים, ד. ה. איר גלויבט ניט, אַז מנחם מענדל און שיינע שיינדל מיט די אַלע אַנדערע יעהופּעצער און כתרילעווקער „העלדן" זיינען טאַקע „גענומען פון לעבן", נאָר זיי שטייען פאַר אייך, ווי לעבעדיגע, זיי ווירקן אויף אייך, און האָבן זייער אייגענע וואַרהאַפטיגקייט, — די וואַרהאַפטיגקייט פון דער קאַריקאַטור".

אָט אַזוי האָב איך דאָן געזוכט שלום צו מאַכן צווישן מיין אינעווייניגסטער טיפער ליבשאַפט צום גרויסן הומאָריסט און מיין „מאָדערניסטיש"־אינטעליגענטישער מורא פאַר זיין לייכט־קייט און פאָלקסטימלאַכקייט. אָבער אָנשטאָט שלום איז אין מיר געוואָרן עפּעס „ויתרוצצו". און עס זיינען פאַרגאַנגען יאָרן, ביז די פאַרשיידענע, אָפט סתירה'דיגע, איינדרוקן זיינען אויסגעגליכן געוואָרן, און כ'האָב הינטער די אַלע, אמת'ע און כלומר'שטע,

פלעקן אָנגעהויבן צו זען שלום עליכם׳ס ג ע ז י כ ט מיט זיין קלאָרן שמייכל...

שלום עליכם האָט אַליין אזוי ווי מורא געהאט פאר זיין הו־מאָר און געשעמט זיך מיט אים, ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן. ער האָט געהאלטן פארשטיקט אין זיך זיין פרייען, פרישן געלעכ־טער עטלאכע יאָר נאָכאנאנד. און אָט אזוי האָט שפּעטער מיט א דור אויך א גרופּע לעזער זיינע געמוזט קעמפן מיט זיך און מאכן פעלערן, ביז זי האָט זיך פארגונען צו מאַכען א ברכה אויף דער ברכה פון דער אידישער ליטעראטור, אויף שלום עליכם׳ן.

ברוקלין, נ. י., 18־טן פעברואַר, 1928.

1. שלום עליכם

(אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק)

א. די העכסטע מדרגה.

אזוי ווי אַ סך אַנדערע שרייבער, וואָס זייער לעבנס־ציל, ליטעראַטור, איז געוואָרן ביי זיי אַ מיטל צום לעבן, — האָט אויך שלום עליכם געמוזט פיל שרייבן. איז אָבער פיל אָפּט — צופיל... דער אומפּראָדוקטיווער מאַכט נאָך אַנדערע, דער צו־פּראָדוקטיווער — זיך אַליין. ער וויל נישט פאַרלאָזן דעם וועג, וואָס האָט געפירט צו גליק, בפרט נאָך אַז ער האָט אים אַליין אויסגעטראָטן...

וויל איך דערמיט זאָגן, אַז שלום עליכם האָט נאָכגעזאָגט זיין אייגענעם נוסח? אַז ער האָט אונז שוין אין זיינע ערשטע געלונ־גענע שאַפונגען אַנטפּלעקט זיין געזיכט, געגעבן זיין פול בילד, און אַז די ווייטערדיקע ווערק זיינען געוועזן נאָר קאָפּיעס? אָ, ניין, פאַר־קערט, אָפּט האָט זיך געדוכט, אַז זיין קוואַל וועט זיך קיינמאָל ניט אויסשעפּן, און אַז די פּאָרטרעטן־גאַלעריע, וואָס האָט געלעבט אין זיין פאַנטאַזיע און אין זיין זעלטענעם זכרון, וועט זיך ציען און ציען, אָן אַ סוף און אָן אָן אויפהער... האָט ער דאָך נישט אָפּגע־לאָזט פון אויג זיינע כתרילעווקער. שריט ביי שריט איז ער זיי נאָכגעגאַנגען, אויסשפּירנדיג זייערע אַלע געננגלאַך, אויפכאַפּנדיג יעדעם וואָרט זייערס, יעדעס תנועה'לע און מיטמאַכנדיג מיט זיי אַלע וואַנדערונגען — זייער איבערקלייבן זיך פון שטעטל אין שטאָט אַריין, פון איין מדינה אין דער אַנדערער, פון אייראָפּע

קיין אמעריקע... ער האט אונז אפגעגעבן חשבונות פון זייערע אלע פירעכצן, פון זייערע אלע חכמה'ס און חכמה'לאך, וועגן און וועגעלאך, פון זייערע אלע האפענונגען, חלומות, שלעק, צרות און יסורים. ער האט אונז באקאנט געמאכט מיט די נייע ווערטער און ווערטלאך, המצאה'ס, וויצן און איינפאלן, וואס זיינען צוגע־קומען אין זייער מבוהל'דיגן, ניט איינגעשטעלטן, ארימען און רייכן לשון... ער האט אונז אפט אויסגעזען צו זיין און ער איז געווען דאס אפענע אויג און דאס וואכע אויער פון דער אידישער וועלט; ער איז געווען דער גרויסער לעבעדיגער פנקס, וואו עס איז פאר־שריבן און פארצייכנט געווארן דער נעכטן און דער היינט פון אונזער לעבן... ניין, ער האט זיך נישט איבערגעחזר'ט, אזוי ווי עס חזר'ט זיך ניט איבער די נאטור אין איר אייביגער אומפארענ־דערלאכקייט.

דאך, אינאיינעם מיט די נייע בילדער, וואס ער האט געהאלטן אין איין שאפן, האט ער אפט אויסגעשטעלט אויך קאפיעס פון אלטע. איז אויב מיר ווילען פארזוכן דעם אמת'ן טעם פון זיין שאפן, מוזן מיר זיך ווענדן נישט צו אלע ווערק זיינע, נאר צו זייערע מוסטערן.

יעטווידן דיכטער, ווען מען וויל אים אפשאצן ווי געהעריג איז, מוז מען אוועקשטעלן אויף דעם העכסטן שטאפל, וואס ער האט ווען עס איז דערגרייכט, בפרט נאך אזא, וואס לאזט זיך מיט א כיון אראפ אמאל אין דער נידער און מישט זיך צונויף מיטן ברייטן עולם: — אזא קינסטלער מוז מען אודאי ארויפברענגען אויף זיין אמת'ער מדרגה, איידער מען פרובט זיך שאפן פון אים א בילד.

ב. מענדעלע — און שמ״ר.

אבער איידער מיר גייען איבער צו די מוסטערהאפ־טיגע ווערק פון שלום עליכם'ן, וויל איך זאגן א פאר ווערטער וועגן זיינע קוואלן... וועט מען פרעגן: שעפט דען דער דיכטער פון אנדערע ברונימער, א חוץ זיינע אייגענע? וויל איך זיך דא ניט ארייגלאזן אין ווייטע חקירה'ס וועגן דעם ענין. איך גיב צו, אז פאר דעם, וואס וויל געניסן מיט אן אמת דעם

דיכטער, איז וויכטיג נישט דאָס פּרעמדע, נאָר דאָס אייגענע, וואָס אין אים. דאָך לוינט צו ריידן וועגן דער הויפּט השפּעה, וואָס אונזער שרייבער האָט באַקומען פון דרויסן. ווייל זי קאָן אונז ווייזן דעם וועג, וואָס פירט צו דעם אינעווייניגסטן קוואַל פון זיין שאַפן...

צוויי נעמען בעטן זיך אויפ'ן פּען, ווען מען שרייבט וועגן דער דרויסנדיגער לופט, וואָס שלום עליכם האָט אריין־ און ארויסגעאָטעמט, — צוויי נעמען, וואָס זיינען ווייט איינס פון דאָס אנדערע, ווי מערב פון מזרח, און וואָס עס איז שווער זיי גאָר צו דערמאָנען איינס לעבן דעם אנדערן אָן א „להבדיל" — דאָס זיינען: מענדעלע מוכר ספרים און... שמ"ר.

מענדעלע'ן האָט שלום עליכם אליין אָנגערופן „זיידע"; מיט דעם יחוס פון א „איבערגעגעבענעם אייניקל" האָט ער זיך אליין אויסגעברימט... דער „זיידע" איז געוועזן זיין אידעאַל. „איך פאַר ביז אָדעם, שרייבט ער צו ש. דובנאָוו'ן אין יאָר 1988. ענדליך וועל איך זען אבראמאָוויטש'ן. ער איז א גרויסער מענטש"... און נאָך אין יאָר 1885 האָט ער זיך אין א בריוו צו מענדעלע'ן פאַרגעשטעלט פאַר אים ווי „א פייערדיגער פאַרערער פון זיין טאַלענט, וואָס ארבעט אויפן באָדן, וועלכער איז פון אים צעאַקערט געוואָרן"...

אָבער וואָס פאַר א קרובה'שאַפט האָט שלום עליכם צום מחבר פון די „העכסט־אינטערעסאנטע" ראָמאַנען? — וועט זיך דער נישט גאָר געניטער לעזער חדוש'ען. בעט איך אים א ווײַלע האָבן געדולד. עס וועט אים באַלד, האָף איך, קלאָר ווערן, וואָס פאַר א שייכות עס האָט דער ערשטער אידישער שונד־שרייבער צום גרעסטן אידישן הומאָריסט.

די שייכות וואָלט איך אויפ'ן אידישלאַכן שטייגער אויס־דריקן אַזוי: אין דער צייט ווען מענדעלע איז געוועזן שלום עליכם'ס יצר־טוב, איז שמ"ר געוועזן זיין יצר־הרע... אָבער דאָס וואָלט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן, אַז שלום עליכם'ן האָט געצויגן צו דער שמ"ר'שער „העכסט־אינטערעסאנטקייט", מער נישט ער האָט גובר געוועזן אין זיך די דאָזיגע מאוס'ע תאוה; דער אמת איז דער היפוך דערפון: שמ"ר איז פאַר אונזער פאָלקס־

דיכטער געווען דאָס פינטל, וואָס האָט אים אָ פּ גּ ע ש ט ו י ס ן פון זיך; ג ע צ ו י ג ן האָט אים צו מענדעלע'ן. שמ"ר האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך, אָבער דאָס ווייזט, אַז ער איז ניט געווען גלייכגילטיג צום פּאָפּולערן „ראָמאַניסט". עפּעס איז געווען אין דעם שמ"ריזם — און דאָס איז געווען זיין אויסנעמען ביים עולם — וואָס האָט שלום עליכם'ען געמוזט אינטערעסירן.

דאָס פאַרהאַלטן זיך פון שלום עליכם'ן צו אָט די צ ו ו י י ע ק ן פון דער אידישער ליטעראַטור, צו שמ"ר'ן און צו מענדעלע'ן, וואָלט געקאָנט פאַרגליכן ווערן מיט דעם פאַרהאַלטן זיך פון אַ שטיקל אייזן צום אָרט, וואו עס ליגט, און צום מאַגנעט, וואָס איז נישט געגוג נאָענט צו אים צוגערוקט: עס ליגט אונטן, אָבער עס הייבט אים פון אָרט און עס ציט אים אַרויף...

שמ"ר איז געווען פאַר שלום עליכם'ן אַ שטיין אויפ'ן וועג, מענדעלע — אַ שטערן: ביים ליכט פון שטערן האָט ער געוואָלט אָפּשאַרן דעם שטיין.

אין „שמ"ר'ס משפּט" איז מענדעלע פאַר אים בפירוש דער אידעאַל פון דער אידישער ליטעראַטור. מענדעלע'ס בילד איז געשטאַנען ביי אים אויפן שרייבטיש און שרייבנדיג (האָט ער דערציילט אַמאָל י. ח. ראַבניצקי'ן) פלעגט ער פון צייט צו צייט אויפהויבן די אויגן צום זיידנ'ס פּאָרטרעט און טראַכטן צי וועט א י ם געפעלן דאָס, וואָס ער שרייבט איצט...

וויל מען געברויכן דעם אידישליכן אויסדרוק, וואָס איז מיר פריער געקומען אויפן פען, קאָן מען זאָגן, אַז שמ"ר איז געווען דער יצר הרע פונ'ם אידישן לעזער, און פון דעם ל ע ז ע ר ' ס, נישט פון זיין אייגענעם הארצן, האָט שלום עליכם געדאַרפט אַרויסטרייבן, אויסראָטן די קליפּה פון שונד. נישט דעם וועג צו זיך אליין, צו זיין אייגענער קראַפט האָט ער געפונען פאַרשטעלט דורך דער שונד־ראָמאַנטיק, נאָר דעם וועג — צום לעזער.

דער לעזער פון יענער צייט האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן גאָר אַז עס ליגט אים אויפ'ן וועג אַ שטיין: מענדעלע'ס שטערן האָט צו הויך געלויכטן, צו וויים פון אים, קוים־וואָס־קוים אַ שטראַל פון זיין ליכט פלעגט דערגרייכן אהער, אין דעם ענגען פינסטערן ווינקל,

יואו עס האָט זיך געפונען דאמאָלס דער דורכשניטליכער אידיש־לעזער. שלום עליכם'ן איז באשערט געווען אָנצוציגדן זיין ליכט טאקע אָט דאָ אונטן, אין רעכטן מיטן פונ'ם אידישן עולם. אים איז באשערט געווען צו ווערן א לייטער, וואָס פירט פון אויבן אראָפּ, אָבער אויך — פון אונטן אַרויף.

א י י ז י ק מ א י ר ד י ק איז געווען נאָענט צום אידישן לעזער, האָט ער אָבער אַליין ש פּ ע ט ע ר אויפגעשטעלט א מחיצה צווישן אים און זיך: ער האָט גענומען שרייבן ט י י ט ש מ ע־ר י ש. מענדעלע'ן איז ב ט ב ע פרעמד דער פּראָסטער לעזער; מענדעלע איז א פאָלקס־שרייבער, דאָך נישט קיין שרייבער פ א ר' ן פאָלק. אנדערש איז שלום עליכם: „איך שרייב מיינע ראָמאנען, לייענען מיר אין „א בריוו צו א גוטן פריינט", — צו־מיינסטן פאר'ן המון־עם, דאָס הייסט פאר אזא מין עולם מענטשן, וואָס זיינען נאָך פרעמד פון הויכע געדאנקען, אָדער, ווי מען רופט דאָס אָן, אידייען; פריער, איידער מען זאָל זיי פאַרשטעלן דורך אַן ערציילונג הויכע אידייען, מוז מען זיי באקאנט מאכן ביסלעכ־ווייז מיט אַלע מדרגות פון דעם לייטערל, וועלכעס פירט אונז גלייך אין יענעם וועלטל, וואָס ווערט אָנגערופן פּאָעזיע — מ ע ן מ ו ז ג י י ן מ י ט' ן פ א ל ק ב ה ד ר ג ה, נישט געכאַפּט, טריט ביי טריט, פ ו ן ד ע ר נ י ד ע ר י ג א ו ן ב י ז א ל ץ ה ע כ ע ר א ו ן ה ע כ ע ר" (די אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק, II, 1889). אָט אין דעם פּרט, אינ'ם פּרט פון וועלן אָנהייבן בויען די אידישע ליטעראַטור פון א ו נ ט ן, „פון דער נידעריג", דערמאָנט אונז שלום עליכם די השכלה־שרייבער פון דער פאר־מענדעלע־תקופה (אקסענפעלד, עטינגער, גאָטלאָבער, צווייפל, דיק). זיי האָבן אַלע געהאַט אין זינען דעם המון־עם. אין דער מענדעלע־תקופה האָט שלום עליכם'ן אין דעם פּרט מקדים געווען, ווען מען זאָל נישט רעכענען לינעצקי'ן, נאָר איין באַדייטנ־דיגער שרייבער: יעקב דינעזאָן. דינעזאָנ'ס ראָמאַנען, באַזונדערס די ערשטע, זיינען אַזוי ווי בלימעלאַך, וואָס זיינען אויסגעוואקסן אינ'ם נישט ארומגעצוימטן און נישט אויסגעיעטן גאָרטן פון דער פאָלקס־ליטעראַטור: אַזוי ווי דער פאָלקס־געמיט וואָלט וועלן ברענגען דורך זיי א שטומען, אָבער א לעבעדיגן באַווייז, אז דער

מענש פון פאָלק איז נישט מחויב צו לייענען דוקא „די אייזערנע פרוי” און „די בלינדע יתומה”, כדי עס זאָל אים פארנעמען פאר'ן הארצן און אין אים זאָל זיך אָנצינדן די פאַנטאַזיע; אזוי ווי אין דער שטיל און אומבאַוואוסטערהייט וואָלטן זיי, די דאָזיגע ליבע, נאַאיווע, וואַרימע דערציילונגען, געפירט שוין מלחמה געגן דער קאַלטער, נאָר איינגעגעסענער קליפּה פונ'ם שמ"ריזם.

שלום עליכם האָט זיך באַוואוסטזיניג געשטעלט די אויפגאַבע צו פּאר'מיאוס'ן אין די אויגן פונ'ם אידישן לעזער די שמ"ר־ראָמאַנען, מיט וועלכע ער האָט זיך געקוויקט, און אונטער־טראָגן אים, אנשטאָט זיי, אַנדערע, נאַטירלאכערע און געזינטערע, שפּייז.

שלום עליכם האָט זיך באַוואוסטזיניג געשטעלט די איינציגע און נישט די ערשטע קויל וואָס שלום עליכם האָט געשיקט אין דער מחנה פון שמ"ר עט קאָמפּ. שוין אין די ערשטע גרעסערע דערציילונגען זיינע האָט ער נישט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט אויסצולאכן די „שמ"ר'ע ראָמאַנען־שרייבער”. „ווען דער אויבערשטער, — לייענען מיר אין דעם „ערשטן אַרויס־פּאָר”*) — זאָל מיך געווען בענטשן מיט א טאַלאַנט, ווי אַנדערע שרייבער, למשל, די, וואָס מאכן העכסט אינטערעסאנטע ראָמאַנען, וואָלט איך אזוי אָנגעהויבן מיין ערשטע געשיכטע: א גרויסער געוואַלדיגער שטורם־ווינט און אַז. וו.” — א פּאַראָדיע אויף די ליבהאַרציגע „נאַטור־באַשרייבונגען” פון די שונד־שרייבער. נאָך א מער געלונגענע פּראָבע פון א קאַריקאַטור אויף „אַן עכט אינ־טערעסאנטן ראָמאַן אין פיר טייל מיט איין עפּילאָג” געפינען מיר אינ'ם זיבעטן קאַפּיטל פון דער דאָזיגער דערציילונג. און אָט דאָס פּאַראָדירן איז אזוי געלונגען, אז ווען דער שפּעטערדיגער היס־טאָריקער פון דער אידישער ליטעראַטור זאָל נישט געפינען קיין איין־איינציגן עקזעמפּליאַר פון שמ"ר'ס א ביכל און ער זאָל וועלן וויזן א לעבעדיג בילד פון דעם דאָזיגן, אומשטיינס געזאָגט,

*) אין דער ערשטער רעדאַקציע (ביילאַגע צום „יוד. פאָלקסבלאַט”. פּעטערבורג, 1886 — 1887), האָט עס געהייסן „די וועלט רייזע”.

שטייגער שרייבן, וועט ער זיך קאָנען באַנוגענען מיט אַט דעם פּלאַן צו אַ פּאַראָדיע, וואָס שלום עליכם האָט דאָ געמאַכט.

מיט זיינע שטעכווערטלאַך און מיט זיין חוזק מאַכן פון דעם דאָזיגן סאָרט ראָמאַנען איז דער דיכטער, ווי עס פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין, אויסן געווען מלחמה צו האַלטן געגן דעם שונד־געשמאַק, וואָס אַביסל שטעקט ער טאַקע אין דער טבע פון׳ם פּראָסטן לעזער און וואָס דער עיקר אָבער נעמט ער זיך פון די אומנאַטירלאַכע, אומגעלומפּערטע פאַנטאַזיעס, וואָס אין דער גאַסן־ליטעראַטור. דורך זיין שטרייט געגן דעם בולוואַר־געשמאַק האָט שלום עליכם געוואָלט צוגרייטן דעם לעזער צו זיין אייגענעם, איינפאַכן, נאַטירלאַכן, נאַטוראַליסטישן שרייבן און, פאַרקערט, דורך די ביישפּילן פון זיין אייגענעם שניט שרייבן האָט ער געוואָלט פּאַרמיאָום׳ן נאָך מער די ביליגע שמירעריי.

ער פאַרלאָזט זיך אָבער נישט אויף די ביישפּילן און די לעבעדיגע מוסטערן, אַז זיי וועלן ריידן פאַר זיך אַליין; ער שעמט זיך נישט אָנצואווייזן מיט׳ן פינגער אויף זיי און אויסצוטייטשן די באַדייטונג, וואָס זיי האָבן, דעם מוסר, וואָס מען קאָן זיך פון זיי אַראָפּנעמען.

דעם פאַרלעצטן קאַפּיטל אין „סטעמפּעניו" (1888) (ווען ער פילט, אַז דער לעזער וועט שוין פון אים נישט אַנטלויפן, ער איז שוין צוגעבונדן צו אים) הויבט ער אָן אַזוי: „אַ שטילע וועט־שערע! זאָגט דער לעזער, אַ פּנים, שטאַרק נישט צופרידן, מחמת ער איז דערצויגן געוואָרן אויף יענע „העכסט אינטערעסאַנטע" ראָמאַנען, וואו מען הענגט זיך און מען טרינקט זיך, וואו מען סמ׳ט זיך און מען שיסט זיך, אָדער וואו פון אַ מלמד ווערט אַ גראַף און פון אַ דינסט־מיידל —א בת־מלכה, און פון אַ באַהעלפער — אַ פּיפּערנאָטער... וואָס זאָל איך טאָן, אַז ביי אונז איז נישטאָ קיין גראַפן מיט קיין בת־מלכה׳ס? ביי אונז זיינען פאַראַן פּראָסטע אידן, פּראָסטע ווייבלאַך, אידישע טעכטער און אידישע כלי־זמר"...

„ואני און איך, דער מחבר פון דער דאָזיגער אמת׳ער גע־שיכטע, — זאָגט ער האַלב איראָניש, האַלב ערנסט אינ׳ם „ערשטן אַרויספאָר", — איך בין נישט קיין ראָמאַניסט, נאָר אַ היסטאָרי־קער, וואָס מוז אָפּהיטן דעם אמת און חס־ושלום נישט דורכלאָזן

קיין שפּרינגקעלע, עס זאָל דערפון חלילה קיין רעה נישט ארויס־קומען דער וועלט", — ענדיגט ער שלום עליכם'דיג; מיינען אָבער מיינט ער דער עיקר טאַקע צו ווייזן דעם חילוק, וואָס צווישן די ראָמאַניסטן, וועלכע דערציילן מעשיות, וואָס נישט געשטויגן נישט געפלויגן, און איס, דעם „היסטאָריקער", דעם רעאַליסט. וואָס „מוז אָפּהיטן דעם אמת".

דער „רעאַליסט", וואָס ער שטאָלצירט מיט איס אזוי אין די ערשטע ווערק, איז אויסן, ווי מיר זעען, צוויי זאכן: ערשטנס, — א נעגאַטיווע: ארויסצוטרייבן פונ'ם אידישן ראָמאַן די „פּאַר־דרייטע, פּאַרפּלאָנטערטע אינטריגעס, רירנדע און הארצרייסנדע סצענעס, וואו מע גנב'עט, מע גזל'ט אין מיטן העלן טאָג, וואו מע טראָגט מתים פון די קברים, וואו מע שלאָגט זיך, מע הרג'עט זיך ביז'ן טויט איבער א שיין מיידל א ברונעטין, אָדער א פיינעם בחור א בלאָנדין"; וואו „חנצ'ע און מירקע און ברײנדל האָבן גאָר קיינמאָל נישט געהערט, אז ס'איז דאָ אויף דער וועלט א קראָם, א קלויט, א שיינק, א טייטש־חומש — ביין! חנצ'ע און מירקע און ברײנדעלע זיצן אויף ווייכע סאַמעטענע דיוואַנעס, מיט קליינע ווייסע הינטעלאך אויף די הענט און זינגען זיסע סענטי־מענטאַלע לידעלאך פון „ליבע" (שמ"ר'ס משפט", ז. 13). אָט די ווילדע, פּוסטע, נאַרישע פאַנטאַזיעס, גענומען פון פראַנצויזישע און אַנדערע בולוואַר־ראָמאַנען, האָט שלום עליכם'ס רעאַליסטישער שטייגער שרייבער געדאַרפט אויסראָטן; דאָס איז, ווי געזאָגט, געווען זיין נעגאַטיווע אויפגאַבע. און זיין פּאָזיטיווע — איז געווען: צו געבן דעם לעזער איינפאַכע, נאַטירלאַכע שילדע־רונגען פון דעם אידישן לעבן, פון דעם לעבן, וואָס איז איס גוט באַקאַנט, צו דערציילן איס אַנשטאָט בייקעס פון גראַפן מיט בת־מלכה'ס, מיט פּיפּערנאָטערס, מעשיות וועגן „פּראָסטע אידן, פּראָסטע ווייבלאך, אידישע טעכטער און אידישע כלי־זמר".

ג. רעאַליזם — און שמ"ריזם.

אָבער ביי „פּראָסטע אידן, פּראָסטע ווייבלאך, אידישע טעכ־טער" איז ליבע (ווייניגסטנס, די, וואָס אין ראָמאַנען) נישט אזא אָפּטע זאך. איז עס דאָך, הייסט עס, „נישט רעאַליסטיש". איז

שלום עליכם אין דעם ערשטן ראמאן, וואס ער האט אנטקעגנ־געשטעלט די שונד־ראמאנען, אין „סענדער בלאנק“ (געשריבן אין 1887), געגאנגען אין זיין האס צום שמ״ר־ראמאנטיזם אזוי ווייט, אז ער האט געוואלט מאכן עס פאר „א ראמאן אן א ראמאן“ (אזא אונטערקעפל האט די דאזיגע דערציילונג). פאר׳ן יונגען העלד מארקוס איז דער דיכטער אפילו נישט ערב, אז ער וואלט אנטלאפן, וואו דער שווארצער פעפער וואקסט, ווען ער „זאל געווען באגעגענען ערגעץ א מין ראזא אדער יעליזאבעטא“, — „וואס קאן איך אבער טאן, זאגט ער, מיט מיין יונגען העלד, אז עס האט זיך אים פארט נישט געטראפן דער צופאל? קאן איך אים דען מיט גוואלד זאגן: גיי, מארקוס, ליב זיך איין, שרייבט פלאם־פייערדיגע בריוולאך, ווער צוגאנגען, ווי א וואקס, הענג זיך, טרינק זיך, אבי איך זאל האבן שטאף אויף א העכסט אינטערע־סאנטן ראמאן?“ און ער לאזט זיין העלד אוועקגעבן די גאנצע בענקשאפט און ליבע פון זיין הארצן דער „הימלישער טאכטער“, דער השכלה, אבי נאר צו ווייזן, אז מען קאן אויסקומען אין א דערציילונג פון דעם אידישן לעבן אויך אן פלאם־פייערדיגע ליבע־בריוולאך...

שלום עליכם האט זיך געווען ברייט פארמאסטן, ווען ער האט זיך גענומען פאר „רב סענדער בלאנק און זיין פילגעשעצטע פאמיליע“ (ווי דער ראמאן האט געהייסן אין „יידישן פאלקס־בלאט“, וואו ער האט זיך געדרוקט אין יאר 1888). אין א בריוו צו ש. דובנאוו׳ן האט ער דאן (דעם 2טן סעפטעמבער, 1888) געשריבן: „. . . פארגעסן איך ווארענען, אז „ר׳ סענדער בלאנק“ איז אייגנטלאך דער ערשטער טייל פון ראמאן, דער צווייטער טייל — „מארקוס בלאנק“ — ווערט ביי מיר פאר־ענדיגט אין מאנוסקריפט, און דעם דריטן — „דער לעצטער פון די בלאנקס“ — וועל איך ערשט אנשרייבן מיט דער צייט, ווען איך וועל בעסער און אויספירליכער, אלזייטיגער זיך באקענען מיט אונזער יונגען דור, וואס איז ווערט מען זאל אים ערנסט שטודירן. איר זעט, אז איך האב זיך געשטעלט די אויפגאבע פון עמיל זאלא, ווען ער האט געשריבן זיין אומשטערבליך ווערק „די קאריערע פון די רוגאנס (להבדיל)“ (זע „יעוור. סטארינא“, 2—3,

1916). וואָס עס איז געוואָרן מיט די צוויי ווייטערדיגע טײלן פון דעם ראָמאַן, איז אונז ניט באַקאַנט. מיר ווייסן נאָר, אַז מער ווי דער ערשטער טייל איז ניט פאַרעפנטלאַכט געוואָרן. און ווי גוט עס איז געווען שלום עליכם'ס כּונה, ווען ער האָט אים געשריבן, קאָנען מיר דאָך ניט זאָגן, אַז ער האָט דאָ דערגרייכט זיין ציל מיט מיטלען, וועלכע זיינען דורכאויס קינסטלעריש. פון אַ ריין קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז „סענדער בלאַנק" נישט געווען קיין שריט פאָראויס אין שלום עליכם'ס שאַפן. פאַר דעם דאָזיגן ראָמאַן האָט ער שוין געהאַט געשריבן אַזוינע עכט הומאָריסטישע און עכט שלום עליכם'שע זאַכן, ווי „דער ערשטער ארויספאָר" (די וועלט־רייזע, 1886), אָדער „דאָס מעסערל" (1887), און מען האָט דעם איינדרוק, אַז מיט „סענדער בלאַנק" האָט ער געוואָלט נאָר אַזויווי שאַפן אַ בריק, אַן איבערגאַנג פונ'ם „העכסט אינטערעסאַנטן" צום ליטעראַרישן ראָמאַן. ער האָט דאָ אַזויווי געוואָלט „אַריינגאַרן" דעם לעזער אין דער ליטעראַטור אריין, אונטעררוקן אים אַ ווערק, וואָס אי עס זאָל אים דערמאָנען אָן דעם „שמ"ר'שן ראָמאַן, אי עס זאָל זיין דער היפּוך דערפון.

אָן די ראָמאַנען פונ'ם „העכסט אינטערעסאַנטן" מין דערמאָנען אין „סענדער בלאַנק" אַזעלכע פאַרשווינען ווי מאַדאַם סאָני און מאַדאַם רעוועקאַ און דער עיקר דער סטיל, וועלכן דער שרייבער האָט האַלב אויף קאַטאָוועס, האַלב ערנסט געבאָרגט ביי שמ"ר'ן און זיינע חברים. אָט איז אַ ביישפּיל:

„ . . . אָבער ווי פאַרוואונדערט און פאַרשטוינט איז ער געוואָרן, אַז ער האָט אליין מיט זיינע אויגן דערזען, ווי צוויי הויכגעשעצטע און געערטע דאַמען שטייען אונטער דער קיך־טיר, און אַז די דאַמען האָבן אים דערזען און אַז. וו."

„סענדער בלאַנק" געהערט נאָך צו יענעם ערשטן ציקל ווערק שלום עליכם'ס, צו וועלכן מען דאַרף צורעכענען אַזוינע וויניציגעלונגענע און כּמעט נאָך גאַרניט שלום־עליכמ'דיגע יוגנט־דערציילונגען, ווי „צוויי שטיינער" (1883), „נאַטאַשע" (1884), שפּעטער איבערגעמאַכט און פאַרעפנטליכט אונטערן נאָמען „טייבעלע", אָדער „קינדער שפּיל" (1886). אין די דאָזיגע ווערק איז שלום עליכם נישט געווען נאָך אינגאַנצן אוועק פון זיין ליטע־

ראַרישן פּיינט — שמ"ר. און דאָס דערקלערט אונז, פאַרוואָס ער איז געווען אַזוי פאַרביטערט קעגן אים. אַ זאַך, צו וועל־כער מען האָט גאָר אינגאַנצן ניט קיין שייכות, לאָזט אונז איבער קאַלט. שלום עליכם האָט אָבער אין די ערשטע ווערק זיינע יע געהאַט עפּעס אַ שטיקל שייכות צו שמ"ר'ן... דאָס זיינען געווען זיינע כמעט ערשטע טריט אין דער אידישער לי־טעראַטור, און עס איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף זיי אביסעלע לענגער...

ד. די ערשטע טריט*).

עס זיינען דאָ שרייבער, וואָס זייערע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור זיינען באמת טאַקע טריט אויף דעם וועג, וואָס אויף אים וועלן זיי גיין שפּעטער. דאָס זיינען יענע וואָרט־קינסטלער, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געבלאָנדזשעט, קיינמאָל ניט געטאַפּט אין דער פינסטער. גלייך אין אָנהויב האָבן זיי זיך געשטעלט אויף זייערע אייגענע פיס, און ווי נאָר זיי האָבן געמאַכט זייער ערשטן, ניט זיכערן, שריט זיינען זיי שוין געשטאַנען מיט'ן פּנים צו זייער ציל, מיט'ן פּנים צו דער זון, אָדער צו דער טונקעלקייט, צו וועלכער זיי האָבן זיך געצויגן דערנאָך זייער גאַנצן לעבן.

ווי נאָר מען באַקאַנט זיך מיט די ערשטע ווערק פון אַזאַ מין שרייבער, קריגט מען שוין אַ פאַרשטעלונג און אַ פאָר־געשמאַק פון זיין שפּעטערדיגן ליטעראַרישן אויפטו. אין די סאַמע „ערשטע פּראָבעס" פון זיין פען פאַרזוכט מען שוין דעם טעם פון די קערנדלאַך, וועלכע וועלן ארויסשפּראָצן און געבן פרוכט אין אַלע זיינע שפּעטערדיגע שאַפונגען.

אַנדערש זיינען די שרייבער, וואָס האָבן געמוזט ארומבלאָנ־דזשען אביסל, ביז זיי זיינען ארויף אויפ'ן ריכטיגן וועג. זייערע ערשטע ווערק זיינען דער אָנהייב פון זייער שרייבן, אָבער ניט פון זייער שרייבן. זיי זיינען אַזוי ווי געזעסן אין אָנהייב אויף פרעמדע, אונטערגעוואָרפענע אייער. זיי האָבן די פרעמדע אייער נישט געקאָנט אויסוואַרימען.

---

* זע ווייטער דעם קאַפּיטל „פּונם יאריד".

קען זיך דוכטן, אז די ערשטע ווערק אָדער אומווערק פון דעם דאָזיגן מין שרייבער, — פון דעם מין, צו וועלכן עס געהערט אויך שלום עליכם, זיינען גאָר ניט וויכטיג פאַר אונז. עס קען זיך דוכטן, אז זיי קאָנען וועקן בלויז אונזער נייגעריקייט, ניט קיין טיפערן אינטערעס. ווארים טאקע אין דער אמת'ן: וואָס מאַכט עס אויס, וואו און ווי לאַנג אַ דיכטער האָט געבלאָנדזשעט? אונז גייען אָן זיינע אויפטוּען, און צו זיי איז ער דאָך מסוגל געוואָרן ערשט דאַן, ווען ער האָט פאַרלאָזן די פרעמדע וועגן...

פונדעסטוועגן דאַרפן מיר קענען אויך די געביטן, וואָס דער שרייבער האָט פאַרלאָזן און מער זיך צו זיי ניט אומגעקערט. מיר וועלן בעסער פאַרשטיין דאָס, וואָס ער האָט אויפגעטאָן, מיר וועלן אפשר אויך וויסן פאַרוואָס אים איז דאָס געלונגען אויפצוטאָן, ווען מיר וועלן אויספאָרשן זיינע פריערדיגע ניט־געלונגענע שריט. „מכלל לאו אתה שומע הן" — פון א שרייבער'ס ניט־קענען זיינען מיר אימשטאַנד צו לערנען עפּעס אויך וועגן זיין קענען, אזוי ווי מיר דערוויסן זיך פון דער זון, ווען מיר זעען די שאָטנס.

דערפאַר דאַרפן אונז אינטערעסירן די ערשטע ווערק פון שלום עליכם, כאָטש עס איז געוועזן אין זיי מער שאָטן, ווי ליכט. מיר דאַרפן זיי שטודירן ניט ווי דעם אמת'ן אָנהייב פון זיין קינסטלערישן שאַפן, נאָר ווי יענע זוכעניש און בלאָנדזשעניש, וועלכע האָט אונזער גרויסן הומאָריסט, סוף כל סוף, אראָפּגעפירט פונ'ם פאַלשן און ארויפגעפירט אויפ'ן אמת'ן וועג.

די ערשטע ניט שלום עליכם'דיגע ווערק שלום עליכם'ס זיינען, אגב, וויכטיג שוין דערמיט אליין, וואָס זיי ציינגן אונז, אז ער איז ניט מיט אמאָל און ניט לייכט געוואָרן דאָס, וואָס ער איז געוועזן.

ניט אלע וויסן עס.

אזא לייכטקייט שוועבט איבער שלום עליכם'ס שרייבן, אזא איינפאַכקייט, אזא ניט־ביכערדיגע נאַטירלאַכקייט שמייכלט צו אונז ארויס פון זיינע ווערק, אז מיר קענען זיך ניט פאָרשטעלן, אז ער זאָל זיך האָבן אמאָל געמאַטערט אויף זיי. טאַקע ווי קומט שלום עליכם צו מאַטערן זיך און צו האָרעווען?

מיר זיינען געוואוינט צו קוקן אויף אים, ווי אויף דעם פולסטן היפוך פון דעם „שווערן" און „וואָגיגן" זיידן, ר' מענדעלע. אזוי האָט, אגב, דער זיידע אליין אויף אים געקוקט. פארגלייכנדיג אים מיט זיך אליין, אָדער ריכטיגער, געבנדיג אן אָנצוהערעניש אויף זיך און זיין „אייניקל", האָט ער אמאָל, ווי ש. דובנאָוו דערציילט אין זיינע עראינערונגען*), געבראכט אזא מין משל: „אַ פרוי גייט צו קינד אָפטמאָל אַ פּאָר טעג נאָכאַנאַנד. עס ציטערט דאָס גאַנצע הויז. מען גייט אויף די שפּיץ־פינגער, מען שושקעט זיך, מען וואַרט טאָג און נאכט, ביז וואנען עס קומט אָן די גליקליכע בשורה, אז די קימפּעטאָרין האָט, למזל, געבוירן אַ קינד. און אין דערזעלבער צייט זעט מען, ווי אַ הינדעלע זעצט זיך אוועק אויף אַ ווײַלע אין אַ ווינקל, טוט זיך אַ קוועטש — און פארטיג: געלייגט אַן איי"...

אָבער אז מען מאכט אַ סטודיע פון די ערשטע אידישע זאכן, וועלכע שלום עליכם האָט געדרוקט אין צעדערבוים'ס „אידישן פאָלקסבלאַט" — אָנגעהויבן פון יאָר 1883 (אויף העברעאיש האָט ער אָנגעהויבן צו דרוקן מאמרים פריער נאָך, אין יאָר 1879), און מען פאַרגלייכט מיט זיי זיינע שפּעטערדיגע, רייפערע, ווערק, זעט מען, אז ער איז גאָר ניט אזוי שנעל און גאָר ניט אזוי לייכט געוואָרן יענער שלום עליכם, וועלכן מיר אַלע קענען. עטליכע יאָר נאָכאַנאַנד איז ער, ווי אין אונזער חדר'שער רעטעניש, „געשטאַנען אין וואסער — און האָט געבעטען אַ טרונק" — געטראָגן אין זיך אַ פרישן לעבעדיגן קוואַל — דעם קוואַל פון גאָט־געבענטשטן הומאָר — און ניט געוואוסט, אָדער, ריכטיגער, ניט געוואָלט וויסן פון דעם.

ער האָט געשריבן (אין פּראָזע און אין פערזן) סאטיריש־פובליציסטישע פעליעטאָנען. ער האָט אזוי ווי גאָר ניט געוואָלט ווערן קיין שלום עליכם. ער האָט געוואָלט זיין אַ צווייטער מענדעלי מוכר ספרים אָדער יצחק יואל לינעצקי. איז עס ניט מאָדנע? אים איז באשערט געווען צו זיין דער, וועלכער האָט

---

*) „עראינערונגען וועגן שרייבער און ווערק", „דער טאָג", ניו־יאָרק, 6טן סעפּט., 1925.

ג ע ב ר אָ כ ן די נוצן־זוכנדיגע מוסר־און־השכלה טראַדיציע פון דער אידישער ליטעראַטור — און אין אָנהויב האָט ער ניט אנדערש געוואָלט זיין דוקא א השכלה־פּרעדיגער און א מוסר־זאָגער...

אין איינעם פון זיינע בריף צו „שלעז דעם בריוול־שרייבער", וואָס זיינען געדרוקט געווען אין „אידישן פאָלקסבלאט", אין 1884, לייענען מיר:

„. . . אויף לאַכן בין איך עפּעס קיינמאָל ניט אויפגעלייגט. איך דאַרף גאָר וויינען, אימער קלאָגן זיך און תמיד זאָרגן, זאָרגן!... זייט איך שרייב פאַר מיינע ברידער (שוין באַלד 2 יאָר) האָבן נאָך די לעזער פון מיר קיין פריילאַכע מינע ניט געזען, און אפילו דאָרט וואו איך פּאַרקאַטשע זיך אויף לצנות, ענדיג איך אויך מיט א געוויין... וואָס טוט מען דערצו?

איך וואָלט, גלויבט מיר, גערן לאַכן,
לאַכן שטענדיק און אַ סך!
זיך און יענעם פריילאַך מאַכן —
לאָז מען הערן, ווי איך לאַך!

וואָס קען איך העלפן, וואָס קען איך טאָן?
(איך קען אַליין דאָס ניט פאַרשטיין!)
ווען צו לאַכן איך הויב נאָר אָן,
גיסן טרערן זיך אַליין!

טרערן גיסן,
טייכן פליסן —
טייכן טרערן,
הייסע טרערן...*)

ער וואָלט „גערן לאכן, לאכן שטענדיג און א סך", אָבער... ער האָט זיך עס נישט געקאָנט פאַרגינען, עס האָט עפּעס ניט

*) „איין איבערשרייבונג צווישן צוויי אַלטע חברים", „אידישעס פאָלקס־בלאַט" נומ. 44, 1884, איבערגעגעבן (ווי אַלע אַנדערע ציטאַטן אין דעם בוך) לויט דער איצטיגער אָרטאָגראַפיע.

געפּאַסט. צי ווייל עס איז געווען ערשט נאָך די פּאָגראָמען, צי ווייל עס האָט נאָך געהערשט דער שטרענגער און כמורנער גייסט פון דער השכלה־צייט, צי מחמת אנדערע סבה'ם (זע ווייטער דעם קאַפּיטל וועגן „שלום עליכם בוך"), אָבער עס איז אַ פאַקט: ווי נאָר שלום עליכם האָט זיך „פאַרקאַטשעט אויף לצנות", האָט ער זיך גלייך פאַרכאַפּט און איז געוואָרן ערנסט.

דער שפּילעוודיגסטער, פרייליכסטער און קינדישסטער פון אַלע אידישע שרייבער, האָט, נעבאַך, געמוזט „וויינען", געמוזט קנייטשן דעם שטערן און ארויפציען אויף זיך אַ כמאַרע פון ערנסטקייט... אָט איז אַ ביישפּיל:

„ביי ר' פּייוועלע קנאַק איז פול די שטוב מיט אידן מפּה לפּה. ר' פּייוועלע, אַ באַטאָגטער איד, מיט אַן אויסגעפּיקטער באָרד, מיט צוויי גראָבע פּאות, מיט אַ ברייט מויל, איז געשטאַנען (ניט געזעסן) אויבן־אָן, מיט אַ שפּיציגער יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ, מיט איין האַנט האָט ער פאַרשטעלט דעם אַנדערן אידן דאָס מויל, ער זאָל שווייגן, און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם דריטן פאַר דער באָרד און האָט מיט אַ הייזעריגער שטימע גערעדט:

— מעדאַרף ניט! וואָס טויג אונז אַ געבולבעטער ראַבינער? ער זאָל אונז נאָך מסר'ן צו נאַטשאַלסטוואָ? אין דער ערד אריין! זעקס יאָר אָפּגעוועזן — גענוג! מיר וועלן בעסער אויס־קלייבן אונזער איציק'ן. ער איז אַ פּראָסטער שלש סעודות. מיט אים קאָנען מיר מאַכן וואָס מיר ווילן — אַלע לעבער פאַרשטעקן, און פאַר אים דאַרפן מיר דאָס היטל ניט ברעכן. אי וואָס? טאָ־מער קאָן ער דאָרט ניט אַזוי שטאַרק אין די ביכלאַך?...

— עט! — האָט זיך אָפּגערופן ר' יוסף אינדיק, אַ איד וואָס האָט ליב געהאַט אַלצדינג מבטל זיין, — וויים איך? ביכער? נאַט אייך אַ גראָשן! אַבי ער זאָל קאָנען פאַרשרייבן...

— פונדעסטוועגן, — האָט זיך אָפּגערופן ר' פייטל גלאָק, וואָס ר' פּייוועלע קנאַק האָט אים ביז אַהער צוגעהאַלטן דאָס מויל, — פונדעסטוועגן, ווי איר ווילט זיך, עס איז פאַרט שענער, אַז דער ראַבינער איז אַ קענער. עס איז פאַר קריסטן אויך לייטישער. וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן? דער אַלטער ראַבינער איז טאַקע פון חסידות

שטאַרק אָפּגעריסן און צו סליחות לויפט ער ניט אַזוי שטאַרק, טוט זשע אָבער אַ קוק ווי אַזוי ער שטייט פאַר אַ אידן. אויף אָרימע לייט השגחה געגעבן, א תלמוד תורה געמאַכט, אַ בקור חולים גע־עפנט און נאָך אַ סך אַזעלכע זאַכן"...*)

אַזוי הויבט זיך אָן דער פעליעטאָן „וויבאַרעס", אַ פעליעטאָן, וואָס איז געדרוקט געוואָרן באַלד נאָך דער דערציילונג „צוויי שטיינער", מיט וועלכער שלום עליכם האָט דעביוטירט אין דער אידישער ליטעראַטור. אין די ערשטע עטליכע שורות פילט זיך, ווי דער קונדס, דער שפּעטערדיגער הומאָריסט, איז גרייט אויסצושיסן אַ געלעכטער, אבער דער ערנסטער אויפקלערער גיט אויף אים באַלד אַ געשריי: — "תרבות!" — און ער ווערט נעבאַך אַנשוויגן...

איינס פון זיינע ערשטע לידער („אונזערע פריינט") לייענט זיך אַזוי:

קאַרג האָט מען אויסגעגאָסן איבער מיר טינט ?
קאַרג האָט מען מיך געשלאָגן און מיין בלוט פאַרגאָסן ?
דורך די אַנטיסעמיטן, די בייזע הינט —
וואָס עס האָט זיי מיין מיסיאָן זייער פאַרדראָסן ?

יעדער באַזונדער האָט נאָר מיט מיר צו טאָן,
ווער עס וויל, קאָן פון מיר שפּאָטן און חוזק מאַכן —
סובארין, אַקסאַקאָוו, די גילדערנע פאָן —
וויסן נאָר שטעכן מיט ווערטער, בייסן און לאַכן...

די יודאָפאָבן מאַכן מיך נידעריק.
וואָס האָבן זיי ניט געפּרואווט אויף מיר אָנצושרייבן ?
זיי זאָגן, אַז נאָר איך בין דאָ איבעריק,
דערפאַר זאָל מען מיך פון אייראָפּע ארויסטרייבן
א. ז. וו., א. ז. וו., א. ז. וו.**)

אַלץ לויט'ן טויט־ערנסטן און טויט־לאַנגווייליגן משכיליש־

*) „אידישעס פאָלקס בלאַט" נומ. 38, פעטערבורג, 1883.
**) „אידישעס פאָלקס־בלאַט", נומ. 18, 1884.

חובב־ציוניסטישן שאַבלאָן — און כמעט גאָר אַפילו קיין וואונק נים, כמעט גאָר אַפילו קיין אָנצוהערעניש נים אויפ׳ן שפּעטערדיגן, אמת׳ן, לעבעדיגן און פריילעכן שלום עליכם׳ן. איך זאָג „כמעט״, מחמת אין דער שפּראַך איז שוין יע עפּעס דאָ א רמז אויף דעם שפּעטערדיגן שרייבן שלום עליכם׳ס, אָבער נאָר אין דער שפּראַך...

איז ער דאַן טאַקע געווען נאָך אַזוי „ערנסט״? ער איז אַלט געווען שוין 24 אָדער 25 יאָר — האָט דען אַלץ נאָך נים אויפ־געוואַכט אין אים דער וואונדערליכסטער פון אַלע זיינע כחות — דער כח פון הומאָר?

ניין, שלום עליכם האָט שוין לאַנג געפּילט אין זיך אָט די פייאיגקייט. אין פּריוואַטן געשפּרעך, ווי אויך אין זיין פּריוואַט קאָרעספּאָנדענץ האָט ער שוין לאַנג געוויזן, וואָס ער קען, אָבער ער האָט נאָך, אַפּנים, נים געוואוסט, אַז מען מעג אויך אין ליטעראַטור זיין פריי און פריילאַך.

ווי אַ סך אַנדערע משכילים, האָט ער געמוזט רעכענען, אַז אין ליטעראַרישע ווערק, און דערהויפּט אין אידישע ליטעראַרישע ווערק מעג מען לאָזן קלינגען נאָר די שווערע אייזערנע גלאָק פון סאַטירע, אָבער נים די לייכטע זילבערנע גלעקלאַך פון הומאָר.

אַז דאָס איז אַזוי, זעט מען פון זיינער אַן אייגענער דער־ציילונג, וועלכע איז פאַרעפנטלאַכט געוואָרן ערשט נאָך זיין טויט (אין „שלום עליכם בוך״): „ . . . ס׳איז ביי מיר, שרייבט ער אין יענער דערציילונג, נים פאַר אייך געדאַכט, אַזא חולאת פון קינדהייט אָן — עס לאַכט זיך, איך בין נים שולדיג! די מזל׳דיגע יאָר זאָל איך האָבן, וויפיל פּעטש איך האָב געכאַפּט דערפאַר פון׳ם טאַטן, פון דער מאַמען און פון׳ם רבי׳ן. איז אויף מיר אָנגעפאַלן דער געלעכטער, האָט נישט געהאָלפן קיין שמע ישראל; וואָס מער מען האָט מיך געשלאָגן, אַזוי מער האָב איך געלאַכט.״ דאָס לאַכן איז געווען ביי אים א „חולאת״ פון קינדהייט אָן! מען זעט עס אויך אין מ. ספּעקטאָר׳ס „קאַפּיטל זכרונות״ וועגן שלום עליכם׳ן. מ. ספּעקטאָר האָט אין יאָר 1883, באַלד נאָכדעם, ווי עס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן די ערשטע זאַכן שלום עליכם׳ס, געקראָגן פון אים אַ בריוו. אין דעם בריוו האָט שלום עליכם אויסגערעדט זיין יונגען חבר ספּעקטאָר׳ן

פארוואס יענער האט זיך ניט אפגעשטעלט ביי אים אין ביעלא־צערקאוו. „דערביי האט ער (שרייבט מ. ספעקטאר) אין זיין בריוו, פול מיט וויץ און הומאר, באשריבן, וואס פאר א וועטשערע ער וואלט פאר אזא גאסט, ווי איך, צוגעגרייט, אויסרעכענענדיג אלע אידישע מאכלים, דאן וואס פאר א געלעגער מען וואלט פאר מיר געבעט: צוויי איבערבעטן, א שטיק פינף קישנס, א חוץ צוויי קליינע קאפ־קישעלאך, און ניט פון גלאט פעדערן, נאר פון עכטן ווייסן פוך, צוליב וואס ביעלא־צערקאווער ווייבער האבן געהאדעוועט עטליכע ווינטערן גענז און די פעדערן האבן געפליקט א טוץ אלטע ווייבער אין די לאנגע נעכט דעם גאנצן ווינטער... ווייטער שרייבט ער, אז אזא גאסט וואלט ער פארהאלטן אויף שבת, און די גאנצע שטאט וואלט געשיקט — „מיט'ן גאסט" — קוגל, איינגעמאכטס און וויין, און דער חזן פון דער גרויסער שול וואלט געקומען צום שבת'דיגן טיש מיט אלע משוררים און אז. וו. און אז. וו.*)

„אלץ איז אין דעם בריוו (געווען) געמאלט — שרייבט ספעקטאר — מיט א האנט פון א קינסטלער און דערצו מיט אזוי פיל הומאר". ספעקטאר האט באלד, ווי ער שרייבט, „דערזען פאר זיך א נייעם גרויסן אידישן טאלאנט, א הומאריסט פון דער ער־שטער מדרגה".

אבער אט דער גרויסער טאלאנט און אט דער ערשט־קלאסיגער הומאר האט דאן געפונען פאר זיך אן אויסדרוק נאר אין שלום־עליכם'ס פריוואטע בריוו, ניט אין זיינע ליטעראַרישע ווערק.

ווען ספעקטאר האט געבעטן ביי אים א דערלויבניש אפצו־דרוקן זיין בריוו צו אים, מחמת ער האט געפונען, „אז ער איז א קינסטלער", האט שלום עליכם אים די דערלויבניש ניט געגעבן. ש ר י י ב ן מיט הומאר האט ער זיך געקענט פארגינען, אבער פ א ר ע פ נ ט ל א כ ן עס — דאס ניט. פארעפנטלאכן מעג מען נאר „ערנסטע" זאכן. דאס איז, ווי עס ווייזט, געווען שלום עליכם'ס מיינונג, ווען ער האט זיך אנגעהויבן צו דרוקן.

---

*) זאמל־בוך „צום אנדיינק פון שלום עליכם", פעטראגראד, 1917, ז. 31.

שפּעטער האָט ער אונז, אין זיין אויטאָביאָגראַפיע „פונ׳ם יאריד״, דערציילט, אז נאָך גאר אינגעלוויז האָט אין אים אויפגעוואכט דער חשק צו שרייבן אזוי אז מען זאָל לאכן. איינמאָל, ווען ער איז נאָך געווען גאָר א קליין אינגל, האָט זיין פאָטער פאַרגעלייענט פאַר אן עולם אידן צו מלוה מלכה עפּעס א פריילאך אידיש ביכל, און אלע האָבן זייער שטארק געלאכט. „פארשטיין״, לייענען מיר מכח דעם אין „פונ׳ם יאריד״ — „פארשטיין, וואָס דער טאַטע לייענט, פארשטייט ער נ י ט, נאָר אים איז גלאַט געפעלן צו זען, ווי אידן מיט בערד קאטשן זיך, האלטן זיך ביי די זייטן און שיסן אוים אלע מאָל א געלעכטער. און ער זיצט פון דערווייטנס און קוקט אין אלעמענס פנים׳ער, ווי זיי שיינען, און ער איז מקנא יענעם אידן, וואָס האָט געמאכט דאָס ביכעלע, און זיין טיפּסטער וואונטש איז, אז גאָט וועט העלפן, ער וועט אויסוואקסן און ווערן א גרויסער, וועט ער אויך אָנשרייבן אזא מין ביכעלע, וואָס אידן וועלן דאָס לייענען און וועלן לאכן און וויינען, אים שילטן אין גוטן מוט, גלאַט אזוי זיך, „אין זיין טאַטנס טאַטן אריין!״ און פריער, „נאָך גאַר־גאָר אין די יונגע יאָרן, ער האָט נאָך ניט געוואוסט, וואָס שרייבן הייסט און האָט נאָך גאר אפילו ניט גע׳חלום׳ט, אז ער וועט אמאָל זיין א שרייבער, האָט זיך אים, אלס קוריאָז, פארגלוסט פארשרייבן אלע קללות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון זיין שטיף־מאַמען, צונויפזאמלען זיי אינאיינעם און מאכן א מין ווערטעל־ביכל. ער האָט זיך ניט געפוילט, געזאמלט און געזאמלט, און אז ער האָט זיי אָנגעזאמלט א היבש ביסל, האָט ער זיי גענומען סאָרטירן נאָכ׳ן אלף־בית, אָפּגעשוויצט א פּאָר גוטע נעכט און צונויפגעשטעלט א גאנץ פיינעם לעקסיקאָן, על פּי אלף־בית. א׳ איז געווען: אביון, אומגליק, אידיאָט, אייזל, איינגעגעסענע בריה, אָפּגעריסענער נאר, אשמדאי; ב׳ — באָלוואן, באָר־יונג, בטלן, און אז. וו.״

דער רעיון פון אזא מין „לעקסיקאָן״ האָט, פארשטייט זיך, ניט געקאָנט קומען אין קאָפּ צו איינעם, וואָס האָט געזאלט ווערן שפּעטער א מענדעלע מוכר ספרים, ער האָט געקענט באגייסטערן נאָר א אינגל, וואָס האָט געהאט אין זיך דעם ניצוץ פון דעם שפּעטערדיגן שלום עליכם...

אָבער דער פּונק איז לאַנג געלעגן באַהאַלטן אונטער אַש...
„אין לעבן" באַשטעטיגט י. ד. בערקאָוויטש (אין „שלום עליכם בוך", ז. 309) — „אין לעבן — אַ יונגער, דרייסטער, פאַרשייטער גייסט, אַ רירעוודיג בחור'ל, אַ ברעון, מיט אַ שיינעם ליכטיגן בלאָנדן קאָפּ, מיט בליצנדיגע לאַכנדיגע אויגן, מיט אַ פלינקן שאַרפזיניגן מוח און מיט פלינקע איבעראַשנדיגע הומאָריסטישע איינפאַלן; און אויפ'ן פאַפּיר — אַן אָנגעצויגענע אומבאַוועגלאַכע מאַסקע פון אַ קליינשטעטלדיגן משכיל, וואָס שרייבט אַלטע, מאַ־רינירטע, מליצה וועגן פאַרעווע, טויט־ערנסטע פּראָגעס, ווי שאלת־המלמדים און עבודת הצבא".

ער האָט נאָך ניט געהאַט דעם מוט צו זיין אַן אָריגינעלער שלום עליכם און ער איז אין די ערשטע — סאַטיריש־פּובליציס־טישע — חבורים געווען אַ נאָכמאַכער פון מענדעלע'ן...

מענדעלע אַליין האָט נאָך ניט פאַרגונען זיך צו זיין פשוט אַ קינסטלער. עס איז געווען אַ צייט, ווען מען האָט, ווי װעקער אין דער „טאַקסע", געגלויבט, אַז „אידן זיינען ניט געבוירן גע־וואָרן צו זינגען, צו שפּילן,... מען מוז האָבן אין זינען ערנסטע זאַכן". און ווי דער זיידע, אַזוי האָט אויך דער אייניקל, שלום עליכם, געהאַלטן פאַר זיין הייליגן חוב אָפּצוגעבן זיך נאָר מיט „ערנסטע זאַכן".

און ער איז געווען „ערנסט" ניט נאָר אין אַזעלכע סאַטיריש־פּובליציסטישע ווערק, ווי די אויבנדערמאָנטע „וויבאָרעס", אָדער „די איבערגעבאַפּטע בריוו". אויך אין די מייסטע דערציילונגען וואָס ער האָט דאַן געשריבן, איז ניט געווען קיין הומאָר...

ניט קיין סאַטירע און ניט קיין הומאָר, — האָבן די דאָזיגע דערציילונגען טאַקע ניט געהאַט קיין טעם און קיין ווערט. עס איז געווען אין זיי נאָך ווייניגער שלום עליכם, ווי אין די האַלב פּובליציסטישע זאַכן, וואָס ער האָט געדרוקט.

עס איז איצט שווער זיך, פשוט, פאָרצושטעלן, ווי אַזוי שלום עליכם האָט געקענט שרייבן אַזעלכע זאַכן, ווי „צוויי שטיינער" („יודישעס פאָלקס־בלאַט" נומ. 26, 1883), אָדער „נאַטאַשאַ" (ביילאַגע צו די נומ. 32-35 „יוד. פאָלקס־בלאַט", 1884, שפּעטער איבערגעאַרבייט און, אונטער דעם נאָמען „טייבעלע", געדרוקט

אין דעם 20טן באנד — „יוגענד־ראָמאַנען" — פון דער שלום עליכם פאָלקס־פאָנד אויסגאַבע, ניו יאָרק, 1920).

ווענן דער דערציילונג „נאָטאַשאַ" האָט ער אליין שפּעטער, אין אַ בריוו צו י. ח. ראַבניצקי, געשריבן, אַז „איך וואָלט אַצינד געגעבן טויזנט קערבלאַך, אַז די יונגע זשאַרגאָן־ליטעראַטור זאָל זי אויסמעקן, פאַרגעסן".*) ווענן די „איבערגעבאַפּטע בריוו", וועלכע איך האָב אים אַמאָל געבעטן מיר אויסלייען, האָט ער מיר געשריבן (29־סטן מאַי, 1912): „איך האָב עס ערגעץ, נאַטירלאַך, נאָר ווייט־ווייט באַהאַלטן, וואָרים איך שעם זיך דערמיט, ווי אַן אַלטער זקן, ווען ער געפינט זיינס אַ בריוול, וואָס ער האָט אַמאָל געשריבן צו זיינער אָדער צו אַ פרעמדער כלה."

אַנדערע זאַכן פון יענער צייט זיינען ניט געווען בעסער פון „נאָטאַשאַ". זעלטן־ווען און זעלטן־וואו אין זיי האָט זיך געפילט יענע לעבעדיקייט, פרישקייט און פריילאַכקייט, וועלכע האָט די שפּעטערדיגע מעשיות פון שלום עליכם צוגעגעבן אַזאַ חן.

עס איז געווען עפּעס אַ פרעמדער טאָן, אַ פרעמדע שטים אין אַלץ, וואָס דער אייגנאַרטיגסטער פון אונזערע דיכטער האָט געשריבן אין די יאָרן 1883—1884. און דאָס ערגסטע איז, וואָס אין די דערציילונגען פון יענער צייט איז דער טאָן און די שטימע געווען ניט מענדעלע'ס, ווי אין דער פּובּליציסטיק, נאָר — שמ"ר'ס.

שמ"ר'ן האָט אין עטלאַכע יאָר אַרום, ווי מיר ווייסן, שלום עליכם אָנגעהויבן צו באַקעמפן אויפ'ן ביטערסטן אופן. אָבער אין דער ערשטער צייט (און אַפילו שפּעטער — אין „סענדער בלאַנק") איז ער, ווי מיר האָבן פריער געזען, אַליין ניט געווען פריי פון שמ"ר'יזם.

ער האָט, פאַרשטייט זיך, תמיד געשריבן אַ בעסערן און אַ ריינערן אידיש, ווי די שמ"ר'ס; אַ חוץ דעם, איז אין זיינע מעשיות, אַפילו אין די ערגסטע, געווען עפּעס אַ סימן פון לעבן

---

*) „צום אנדענק פון שלום עליכם", זאַמל־בוך, פּעטראָגראַד, 1917, ז. 47.

און נאַטירלאַכקייט; איינציגע געלונגענע בילדער און סצענעס קאָן מען געפינען כמעט אין יעדער פון זיי*), אָבער גאָר ווייט פון די „העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען" איז ער ניט אַוועק. ווי ספּעקטאָר'ס, אַזוי זיינען אויך זיינע ערשטע דערציילונגען געווען ניט מער ווי אַביסל אַ פאַרבעסערטע אויסגאַבע פון שמ"ר'יזם.

וואו־ניט־וואו און ווען־ניט־ווען שפּרינגט אַרויס דער שפּעטערדיגער הומאָריסט. אַזוי, צום ביישפּיל, שרייבט ער אין „טייבעלע" (נאַטאַשאַ"), אַז „כאָטש ר' גרשון איז געווען אַן עם הארץ און האָט קוים געקאָנט דאַווענען, נאָר משכּילים האָט ער פיינט געהאַט בתכלית השנאה און פלעגט זיי רופן זשולי־קעס, און „השכלה" האָט ביי אים געהאַט אַ נאָמען — „קראַנצעפּאָליע". און ער מאַכט דערצו אַ באַמערקונג: „מיר האָבן געזוכט דאָס וואָרט „קראַנצעפּאָליע" אין אַלע נייע און אַלטע ווערטערביכער און האָבן אַזאַ וואָרט נישט געפונען. לכן בעטן מיר אונזערע לעזער, זיי זאָלן איינ'חזר'ן דאָס וואָרט „קראַנצעפּאָליע", וועט דאָס אונז בלייבן לדור דור", — אַן עכט שלום־עליכם'דיגע באַמערקונג! אין דער „איבערשרייבונג צווישן צוויי אַלטע חברים" איז דאָ אַ טיפּיש־שלום־עליכם'דיגע פּאַראָדיע אויפ'ן בריוו־נוסח פון „שלעז דעם בריוול־שרייבער". נאָך אָפטער טרעפן זיך שלום־עליכם'דיגע שטעלן אין דעם ראָמאַן „קינדערשפּיל" (צום ערשטן מאָל געדרוקט אין דער ביילאַגע צום „יודישן פאָלקס־

---

*) אַזוי, צום ביישפּיל, לייענען מיר אין „טייבעלע" (פריער „נאַטאַשאַ") „...ער זיצט שוין אין וואָגן... דער קוטשער האָט אַ קנאַק געטאָן מיט דער לאַנגער בייטש. די פערד האָבן אַ ריס געטאָן דעם וואָגן, און ער איז פאַרפאַלן געוואָרן אין דעם געדיכטן שטויב פון די גאַסן, וואָס פירן צום וואָקזאַל, נאָר אַ ווייס טיכעלע האָט זיך געזען אין דער הויך. דאָס פאָסט־גלעקל האָט נאָך געקלונגען עטלאַכע מינוט, אַלע מאָל שטילער, ביז עס האָט זיך גאָר פאַרלאָרן אין דער ווייטער לופט, וואו די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי אין וואַסער אַריין... שטיל און לײדיג איז געוואָרן ביי פעלדמאַנ'ען אין שטוב. שטיל און לײדיג — ביי טייבעלע'ן אין האַרצן..." (איך האָב ביי זיך ניט דעם ערשטן נוסח פון „טייבעלע"־„נאַטאַשאַ", בין איך ניט זיכער, אַז דאָרט איז עס אויך געווען אַזוי גוט ווי דאָ).

בלאַט", 1886; אין אַן אויסגעבעסערטער רעדאַקציע איז עס אַריין אין דעם באַנד 2, פון דער פאָלקס־פאַנד אויסגאַבע, ניו יאָרק, 1920), — „אַ מערקווירדיגע ליבע פון אַ געפּעסטעטן, אַ געבאַלעוועטן, אַ רייכן אידישן בן־יחיד". שוין דער אָנהויב פון „קינדערשפּיל" דערמאָנט אונז אָן דעם קומענדיגן שלום עליכם'ן. דער ראָמאַן הויבט זיך אָן אַזוי: „אין די יונגע יאָרן זיינען זיי געווען די בעסטע גוטע ברידער. ווען זיי זיינען נאָך געווען קינדער, האָבן זיי ביי איין רבי'ן אין איין חדר גע־לערנט: זיי האָבן געהאַט גלייכע פעאיגקייטן, גלייכע יאָרן, און האָבן ביידע ניט געוואָלט לערנען. דער אונטערשיד צווישן זיי איז געווען, וואָס איינער איז געווען גראָב און קיילאַכדיג ווי אַן אַרבוז און איז געווען שרעקלאַך פויל, תמיד פאַרזאָרגט, תמיד פאַרוויינט און אַ גרויסער פרעסער, אַ גרויסער נאַשער, — דערפאַר האָט מען אים אין חדר אַ נאָמען געגעבן „קוואַשע". דער אַנדערער איז געווען פונקט דער היפּוך: אַ לאַנגער און אַ דאַרער, אַ לעבעדיגער און אַ פריילאַכער, אַ פליער און אַ טענ־צער, אַ סמעליאַק און אַ כיטרער יונגאַטש, אַ רירנדיגער און אַ קרעפּטיגער, אַזוי אַז קיינער האָט אים נישט געקאָנט בייקומען, און דער גאַנצער חדר האָט פאַר אים דרך ארץ געהאַט, און וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען געזאָגט, און וואָס ער האָט געוואָלט האָט ער געטאָן... אים האָט מען גערופן מאָטל מזיק..." אַזעלכע שלום־עליכם'דיגע שטעלן זיינען דאָ נאָך אין דעם ראָמאַן, און עס זיינען בכלל דאָ אין אים שוין אַ היבש ביסל לעבעדיגע ביל־דער און אפילו איניגע לעבעדיגע מענטשן (אַ שטיינער, די עלטערן פון די צוויי חברים), אָבער אינגאַנצן גענומען איז עס נאָר אַביסל אַ העכערע מדרגה פון אַ געוואוינטלאַכן שמ"ר־ראָמאַן. עס זיינען דאָ איינציגע שטעלן, וואָס זיינען שיר ניט ווערטערלאַך אָפּגעשריבן פון די באַרימטע „העכסט־אינטערע־סאַנטע" ראָמאַנען. צום ביישפּיל, דער בריוו פון באָרים פריד־מאַן, דעם הויפּט־העלד, צו זיין געליבטער ראָזע. ער הויבט זיך אָן אַזוי: „מיין נשמה, מיין לעבן, מיין ענגל (אין דער נייער רעדאַקציע „אויסגעבעסערט", — אין דער אמת'ן קאַליע גע־מאַכט: — מיין מלאך) — ראָזאַ! דאָס ליבסטע וואָרט, דער

גרעסטער טיטול וועט זיין נאָר אַ באַליידיגונג פאַר מיין ליבע צו דיר, מיין טייער לעבן! איך, פאַרוואָס און פאַרוואָס בין איך אַזוי געשטראָפט, אַז איך מוז מיט דיר ריידן אויף פּאַפּיר? וואָס האָבן מיר אַזעלכעס פאַרזינדיגט? מיר דאַכט, אַז אין די דריי יאָר, וואָס אונזערע הערצער זיינען צונויפגעקניפּט מיט דער זיסער עווינער (אין דעם „אויסגעבעסערטן" נוסח: אייביגער) ליבע, האָבן מיר אויסער שמערצן א. אז. וו." און עס לאָזט זיך אָנים: „פון מיר דיין פריינד, דיין ברודער און דיין אויסלייזער, וואָס ערוואַרטעט שוין די מינוט, די רגע צו זען דיך, וואָס קושט די ערד, וואו דיין פוס טרעט, וואָס לעבט אינגאַנצן נאָר צוליב דיר, וואָס טראָגט דיין פּאָרטרעט ביי זיך אויפן האַרצן, וואָס בעט גאָט פאַר דיר שטענדיג, וואָס בוקט זיך דיר פון וויטן א. אז. וו. באָרים פרידמאַן."

דער „בריוו" דערמאָנט אונז אָן דער שונד־ראָמאַנטיק. אַנדערע שטעלן זיינען געשריבן אין דעם סטיל פון דעם דאַמאָלסדיגן נאַטוראַליזם, — פון יענעם פרימיטיוון רעאַליזם, וועלכן עס האָבן אַזוי ליב געהאַט דינעזאָן, ספּעקטאָר און אַנדערע „יונגע" פון יענער צייט.

לייענט, צום ביישפּיל, דעם לעצטן קאַפּיטל פון דעם ראָמאַן „קינדערשפּיל", — דעם קאַפּיטל, „וואו דער פּראָפעסאָר זאָגט נאָך עטליכע ווערטער און געפינט, אַז עס איז שוין צייט צו געזעגענען זיך מיט'ן לעזער און מאַכען איין סוף מיט דער דאָזיגער ווירקליכער געשיכטע". דער דאָזיגער עפּילאָג הויבט זיך אָן אַזוי: „וואו איז ערגעץ אונזער יונגער פיינער באָרים? וואָס טוט ער? וואָס מאַכט ער? וואָס טראַכט ער זיך? אַזוי פרעגט דער לעזער און איז בייז, ברוגז אויף אונזער פיל־געליבטן העלד... מיר מוזן אָבער מיט געדולד נאָכגיין אים טריט ביי טריט און מאַכן איבער אים אַן אַנאַליז (צוגלידערונג) און ערשט נאָך דעם זען, ווער איז דאָ גערעכט און ווער איז שולדיג. דאָס ווייסן מיר אַלע, אַז ניט אַ מלאך און ניט אַ דעמאָן ווערט דער מענטש געבאָרן. די נאַטור גיט אונז אַרויס גאַנץ פּראָסט. נאָר די ערציאונג, די צייט, די גוטע אָדער די שלעכטע אומשטענדן,

מאכן פון אונז אַלעס. נישט דאָ איז דאָס אָרט אויף פילאָזאָפיע און נישט צו איבערקוקן אַט דעם ראָמאַן מיין איך אַט דאָ. דאָס לעצטע לאָז איך איבער פאַר מיין קריטיקער (אָ, גיב גאָט אַ רעכטן קריטיקער אין אונזער יונגער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור!) א. אז. וו., א. אז. וו."

די דאָזיגע און ענלאַכע פאַמיליאַרע שמועסן מיט'ן לעזער זיינען אין דער שפּעטערדיגער רעדאַקציע פון „קינדערשפּיל" פאַרקירצט אָדער גאָר אינגאַנצן אויסגעלאָזן געוואָרן. שלום־עליכם האָט זיך שפּעטער אויסגעלערנט צו זיין שטרענגער און אָפּגעהיטער מיט'ן שרייבן. מענדעלע האָט אים אין אַ בריוו געזאָגט, אַז „איבער אַ ווערק, ליב אייניקל, באַדאַרף מען שוויצן, מען באַדאַרף אַרבעטן, פּיילן איטלאַכעס וואָרט" — און מענדעלע'ס געבאָט איז געווען ביי אים הייליג. האָט ער איין זאַך אָפּט איבערגעשריבן עטלאַכע מאָל און אייניגע פון זיינע פריערדיגע ווערק, ווי צום ביישפּיל, „ל"ג בעומר", „דאָס מעסערל", „די ערשטע נסיעה" („דער ערשטער ארויספאָר"), „אַ בינטל בלומען", „די מעשיות פון טביה דעם מילכיגן", „מנחם מענדל מיעהופּעץ", — האָט ער אויסגעבעסערט אָדער אינגאַנצן איבערגעאַרבעט. אָבער דאָס איז געווען אַלץ שפּעטער. אין די ערשטע יאָרן האָט ער „קיינמאָל (ווי ער האָט זיך מודה געווען אַמאָל אין אַ בריוו צו ראַבניצקי'ן) „ניט איבערגעשריבן אויף ריין (וואָס ער האָט אָנגעשריבן)... און כמעט נישט איבערגעלייענט דאָס אָנגעשריבענע. אָנגעשריבן, אַוועקגעשיקט, אָפּגעדרוקט — און אַ סוף".

אָבער ווען אפילו ער וואָלט איבערגעקוקט און „געפּיילט" די ווערק, וואָס ער האָט געשריבן אין די ערשטע פאַר יאָר פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט, וואָלט ער קיין סך ניט אויפגעטאָן. עס האָט דאַן געפעלט אין זיי אַ וויכטיגערע זאַך, ווי די פעאיגקייט צו „פּיילן". ער אַליין — זיין לעבעדיגסטער כח, זיין הומאָר — האָט געפעלט.

ער האָט באַנוצט פרעמדע כלים, און דער איינציגער אויפטו זייערער איז געווען, וואָס זיי האָבן אים געגעבן צו פילן, אַז ער דאַרף זיי וואָס גיכער אַוועקוואַרפן און נעמען זיך פאַר זיין איי־

גענעם געצייג, — פאר דעם געצייג, מיט וועלכן ער האָט געשאפן שפּעטער „סטעמפּעניו", „מנחם מענדל", „טביה" און זיין גאנצן אומפּארגלייכלאכן אָריגינעל־אידישן נוסח.

ה. „אידישע ראָמאַנען".

„אין סענדער בלאַנק" איז געווען נאָך זייער ווייניג פון אָט דעם אָריגינעל־אידישן נוסח. די „אידישקייט" פון „סענדער בלאַנק" איז באַשטאַנען גאָר אין דעם, וואָס ס'איז געווען „אַ ראָמאַן אָן ליבע". אין „סטעמפּעניו" (1888) און אין „יאָסעלע סאָלאָוויי" (1889), איז פאַראַן ליבע, אָבער — אידישע ליבע. „אַ יודישער ראָמאַן" — איז דער אונטער־טיטול אי פון'ם ערשטן, אי פון'ם צווייטן ראָמאַן.

אַ אידישער ראָמאַן — איז ווידער אַמאָל אַ פּיק דעם שמ"ר'יזם מיט זיינע פאָל־דע־קאָק־ראָמאַנען, ווידער אַמאָל אַן אָנצוהערעניש אויף רעאַליסטישער לעבנסשילדערונג. „אַ אידישער ראָמאַן, לייענען מיר אין דער פאָרעדע צו „סטעמ־פעניו", וואָס איז געשריבן געוואָרן לכבוד דעם זיידן ר' מענדעלע, — אַ אידישער ראָמאַן דאַרף זיין אַנדערש פון אַלע אַנדערע ראָ־מאַנען, מחמת דאָס אידישע לעבן בכלל און די אומשטענדן, ביי וועלכע דער איד קאָן ליב האָבן (שלום־עליכם האָט אין זינען, פאַרשטייט זיך, דעם אידן פון אַלטן דור.—ש. נ.) זיינען גאָר נישט גלייך, ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער. היינט אויסער דעם האָט דאָך דאָס אידישע פאָלק זיין אייגענעם כאַראַקטער, זיין איי־גענעם אידישן גייסט מיט באַזונדערע מנהגים און רגילות'ן, וואָס זיינען גאָר פאַרענדערט, ווי ביי אַנדערע אומות. אָט די נאַ־ציאָנאַלע סמנים אונזערע, וואָס בלייבן תמיד עכט־אידיש, מוזן זיך אַרויסווייזן אין אַ אידישן ראָמאַן, אויב ער איז גאָר באמת גענומען פון'ם לעבן". און היות, אַזוי ווי דער עיקר איז ביי אים טאַקע, אַז עס זאָל זיין „גענומען פון לעבן", זיינען די הויפּט־פּאַרשוינען פון'ם ראָמאַן און דער ראָמאַן גופא פון אָנהויב ביז'ן סוף אידיש.

סטעמפּעניו איז שיר ניט אַ קאַפּיע, — פאַרשטייט זיך, אַ קינסטלערישע קאָפּיע — פון אַ לעבעדיגער פערזאָן. „זיין

נאָמען", האָט שלום עליכם אַליין אַמאָל געשריבן אין אַ בריוו צו דובנאָוו'ן (דעם 2־טן סעפּטעמבער, 1888) — „זיין נאָמען געהערט צו אַ פּערזענלאַכקייט, וואָס איז ביז צו אַ געווייסן גראַד היסטאָריש, לכל הפּחות, פאַר דעם דרום־מערב'דיגן אידנטום (פון רוסלאַנד.—ש. נ.) סטעמפּעניו איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דער וואָונדערלאַכער מאַעסטראָ, דער בערדיטשעווער פידל־שפּילער. איך האָב זיך היינט אומגעקערט פון בערדיטשעוו, וואו איך האָב אויפ'ן אָרט געזאַמלט געוויסע ידיעות וועגן אָט דעם העלד — און שטעלט אייך פאָר, אַז די אַלע פּרטים, וואָס איך האָב באַשריבן, אַפילו זיין אויסזען און ד. ג., איז אויף אַ האָר ניט אַנדערש פון דאָס אַלץ, וואָס עס האָבן מיר איבער־געגעבן די בערדיטשעווער אַלטע תושבים". (שלום עליכם'ס בריוו איז געשריבן אין רוסיש און איז פאַרעפנטלאַכט געווען אין „יעווער־רייסקאַיאַ סטאַרינאַ", II—III, 1916, פּעטראָגראַד).

סטעמפּעניו איז אַ כלי־זמר און שטאַמען שטאַמט ער אויך פון כלי־זמר: איז שוין רעכט, וואָס ער „פירט ליבעס". וואָרים דאָס רוב כלי־זמר, לייענען מיר אין אַן אַנדער אָרט ביי שלום־עליכם'ן: „דאָס רוב כלי־זמר זיינען געכאַפּט, זאָגט מען. די פּרנסה זייערע איז אַזעלכע, מען האָט צו טאָן מיט מיידלאַך און מיט ווייבלאַך, און ווען? אויף חתונות, אויף פאָרשפּילן און אויף חתן־מאָלס. פון פרומקייט איז מען ווייט, פון אידיש־קייט — אָפּגעריסן, היינט די הלבשה זייערע, דאָס אָנטאָן זיך ביי זיי איז אומעטום און פון תמיד אָן מעשה פּראַנט". מען דאַרף דערפאַר קיין בעסערן העלד נישט האָבן פאַר אַ אידישן ראָמאַן, ווי סטעמפּעניו. אַ אידישע העלדין איז אויך רחל'ע: קיין איין רגע פאַרגעסט זי נישט, אַז זי האָט אַ מאַן, אַז זי איז אַ אידיש ווייבל. די ליבע צו סטעמפּעניו ברענט אין איר, ווי אַ שטיל פייער'ל, און זי באַהאַלט עס פון זיך אַליין. וואָס מער זי באַהאַלט עס, אַלץ טיפער דרינגט עס אריין אין איר נשמה, און די געפאַר ווערט אַלץ גרעסער. אָבער זי שטייט־ביי דעם נסיון און „קערט זיך אום אויפ'ן גלייכן וועג". דער סוף פון ראָמאַן איז, בכן, פּונקט אַזוי אידישלאַך, אַזוי שטיל און צניעות'דיג, ווי דער אָנהויב.

עס פילט זיך אָבער עפּעס אַ געצוואונגענקייט אין אָט דעם ערשטן א י ד י ש ן ר אָ מ אַ ן. די הויפּט פּאַרשוינען האָבן אין זיך, אמת, אידישן חן און אידישן ליריזם און תמימות; די זייטיגע פּאַרשוינען זיינען געשילדערט מיט יענעם עכטן, פאָלקסטימלאַכן הומאָר, וואָס שלום־עליכם איז אַזאַ בריה אויף אים. דאָך איז דאָ עפּעס אַ געצוואונגענקייט. זי שפּירט זיך דערהויפּט אין דעם באַנעמען זיך פון רחל'ען: דאָס שוועבן, וואָס זי שוועבט צווישן דעם געפיל פון ליבע צו סטעמפּעניו'ן און דער געטריישאַפט, וואָס זי מוז בלייבן געטריי צו איר מאַן — איז נישט גענוג וויך געשילדערט. צו האַרט, צו האַמעטנע זיינען די ליניעס, וואָס פירן זי איבער פון איין אינווייניגסטן מצב צום אַנדערן, און אין איר גאַנצער אויפפירונג פילט זיך דעם פאַרפאַסער'ס ס כ ע מ ע, — זיין כ ו נ ה אונז צו געבן אַ א י ד י ש ן און דוקא אַ א י ד י ש ן ראָמאַן. און אָט דאָס איז אַלץ דערפאַר, וואָס פאַר שלום עליכם'ס אויגן שטייט נאָך אַלץ דער פיינט, דער „העכסט אינטערעסאַנטער" ראָמאַניסט, וואָס ווי אַ שאַרפן כלי־זין נעגן אים, ווי אַ געגן־גיפט, וויל ער שאַפן אַ ראָמאַן, וואָס זאָל זיין וואָס איינפאַכער און וואָס נעענטער צום א י ד י ש ן לעבן.

אין דעם צווייטן א י ד י ש ן ראָמאַן, אין „יאָסעלע סאָלאָוויי"*) איז נישטאָ שוין אַזאַ תמימות און נישט שוין אויך אַזאַ גאַנצקייט אינ'ם געבוי פונ'ם ווערק, ווי אין „סטעמפּעניו", דערפאַר אָבער פעלט דאָ די ג ע צ וו א ו נ ג ע נ ק י י ט: אסתר און

*) „יאָסעלע סאָלאָוויי" האָט געזאָלט הייסן „פּערעלע"... אין אַ בריוו צו ש. דובנאָוו, דאַטירט דעם 19־טן מאַי, 1889, האָט ש. ע. געשריבן: „...אַליין האָב איך אָנגעשריבן (פאַר'ן צווייטן באַנד איד. פאָלקסביבליאָטעק — ש. נ.) אַ דערציילונג „פּערעלע", וועלכע קאָסט מיר אַ האַלב יאָר אַרבעט און, דאַכט זיך, עטלאַכע יאָר לעבן. קיינמאָל האָב איך נאָך ניט געאַרבעט אַזוי פיל אויף אַ ווערק, גוט באַאַרבעטנדיג אים פון אַלע מעגלאַכע זייטן. דער כאַראַקטער פון מיין נייעם ראָמאַן איז אַ לירישער". אין אַן אַנדער בריוו (פון 2־טן פעברואַר 1890) שרייבט ער, אַז ער האָט „יאָסעלע" איבערגעשריבן אפשר פינף מאָל.

יאָסעלע זיינען נישט נאָר ברייטער — זיי זיינען אויך פ ר י י ע ר געשילדערט, ווי רחל און סטעמפעניו.

בכלל איז אינ׳ם צווייטן, גרעסערן, א י ד י ש ן ראָמאַן דער אייגענער פּלאַן, וואָס אינ׳ם ערשטן, און אויך די הויפּט פּארשוינען זיינען דאָ כמעט די זעלבינע, וואָס דאָרט: אסתר איז פּונקט אזא א י ד י ש ע ט אָ כ ט ע ר, פּונקט אזא ש ט י ל ע ה ע ל ד י ן, ווי רחל׳ע; אזוי ווי יענע, דערשטיקט זי אין זיך איר יוגנט, און איר ליבע; אזוי ווי יענע, טוט זי, וואָס עס דאַרף טאָן א „כשר אידיש ווייבל״: בלייבן געטריי דעם מאַן, ווער ער זאָל נישט זיין. און אויך יאָסעלע, דער מייסטער אויף זינגען, איז א גלגול פון סטעמפעניו, דעם בריה אויף פידל שפּילן. זיי ביידע געהערן צו דער קינסטלער־באָהעמע, וואָס אין דער אידישער וועלט האָט זי גאָר א באַזונדער כאַראַקטער, באַזונדערע סמנים, און וואָס אין א געוויסן גראַד געהערט צו איר שלום־עליכם אליין. די פריילאַכע, אָבער גאָר נישט גליקלאַכע קינדער פון אָט דער באָהעמע פּאַרלירן נאָך אין דער יוגנט זייער ה י י ם, די גייסטיגע, אזוי גוט ווי די מאַטעריעלע; מיט א ג ע ב ו י ר ע נ ע ם, אָ ב ע ר נ י ש ט ק י י ן ק ו ל ט י ו ו י ר ט ן טאַלאַנט, פול מיט לעבן, אָבער אָן כאַראַקטער, אומרואיגע, באַוועגלאַכע און דאָך פּאַסיווע, וואַנדלען זיי ארום איבער דער וועלט, ביז עס געפינט זיך איינער פון א נידעריגערן, אָבער שטאַרקערן מין, וואָס נעמט זיי „אין די הענט אריין״ (ביי „סטעמפעניו״ איז עס פריידל, ביי „יאָסעלע׳ן״ — גדליה־באַס און דערנאָך פּערעלע די ד אַ מ ע). דאַן ווערן זיי ווי די פייגעלאך, וואָס פּלוצלונג האָט מען זיי געכאַפּט און אריינגעזעצט אין שטייג. זיי זינגען נאָך און שפּילן נאָך; די פּליגעלאך אָבער זיינען אָראָפּגעלאָזן, און טאָמער פּרואוון זיי זיך אמאָל א הויב טאָן, שלאָגן זיי זיך אָן די ענגע ווענטעלאך פון שטייג און באַקומען וואונדן, וואָס וועלן זיך קיינמאָל נישט אויסהיילן — — —

אי „סטעמפעניו״, אי „יאָסעלע סאָלאָוויי״ האָט, אזוי ווי די־נעסאָנ׳ס ראָמאַנען, א טרויעריגן, ביטערן סוף, — און דאָס איז אויך אזוי ווי צו להכעיס דעם שונד־ראָמאַן, וועלכער האָלט שטאַרק פונ׳ם כלל: „ענדע גוט — אַלעס גוט״. אָבער אין

„יאָסעלע סאָלאָוויי" ווערט געגען דעם שמ"ר'יזם געקעמפט נישט נאָר דורך דעם איינפאַכן, רעאַליסטישן, קינסטלערישן שטייגער שרייבן, נישט נאָר דורך דעם, וואָס פון דינסט־מיידלאַך ווערן דאָ נישט קיין בת־מלכה'ס און פון מאַזעפּעווקע ווערט נישט קיין פּאַריז. געגען שמ"ר'יזם ווערט דאָ, אַזוי ווי אין „סענדער בלאַנק", געקעמפט אויך דורך דעם, וואָס ביי אים, ביים שמ"ר'יזם, ווערט אָפּגענומען, אַזוי צו זאָגן, זיין אייגן געווער: זיינע אייגענע מיטלען, זיינע אייגענע פּאַרשוינען ווערן אויסגענוצט, אַזוי ווי צו ווייזן, אַז אַפילו אָט די פּרימיטיווע מיטלען, אָט די שונד־פּאַרשוינען, ווען זיי פאַלן אַריין אין רעכטע הענט, קאָן פון זיי ווערן עפּעס רעכטס... צום ביישפּיל, דער סוף פון ראָמאַן, וואו יאָסעלע קערט זיך אום צוריק אין שטעטל אַריין גראָד אין דער נאַכט, ווען אסתר האָט חתונה מיט דעם אַלמן, דעם בעל־הלוואה, אַלתר פּעסים — איז עס נישט קיין צוזאַמענטרעפעניש, וואָס מען באַגעגנט עס דווקא ביי די „העכסט אינטערעסאַנטע" ראָמאַניסטן? און דאָך געהערן אָט די קאַפּיטלאַך, וואו עס ווערט באַשריבן, ווי לייזער דער בעל־הגלה פירט יאָסעלע'ן פון קאַשפּעראָווו קיין מאַזע־פּעווקע און ווי יאָסעלע קומט אָן צו דער רעכטער שמחה, צו די חנ'עוודיגסטע קאַפּיטלאַך אין גאַנצן בוך. — אָדער פּע־רעלע די דאַמע: איז זי נישט אַרויסגעשפּרונגען פון איינעם פון יענע מעשה־ביכלאַך, וואָס לאה'לע די פּאָיקאָיווע לייענט איר פּאָר? און דאָך איז אַפילו אָט די פּערעלע מיט דער לאה'לען צונויף געקומען דעם יונגען ראָמאַניסט און זיי האָבן אים געגעבן די מעגלאַכקייט באַקאַנט צו מאַכן אונז, אגב אורחא, מיט לאה'צעס חתן, לוי מאָטל מיט זיינע בריוולאַך, און מיט פּערעלע'ס משרת, בעריל אייזיק מיט זיין שיינער טבע „אויסצוואוואקסן נאָר דע־מאָלט, ווען מען האָט אים באַדאַרפט", און מיט נאָך אַנדערע פּאַרשוינען...

ו. שלום עליכם — און זיין לעזער.

שלום עליכם האָט אויסגענוצט אַלע מעגלאַכע מיטלען, אַבי צו דערנעענטערן זיך צום אידישן לעזער, אַבי צוצוגעוואוינען אים צו ליטעראַטור, אַזוי ווי ער

וואָלט פון אָנהייב אָן געפילט, אַז אויב דער זיידע האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער אידישער ליטעראַטור, איז אים דעם אייניקל, באַשערט — צו שאַפן אַ אידישן לעזער.

דער מאַסן־לעזער אין יענער צייט איז געווען אין די הענט פון די, וואָס האָבן אים באַשאַפן, ד. ה. אין די הענט פון די שול־הויף־שרייבער. האָט מען געמוזט מיט זיי קאָנקורירן, אויב מען האָט געוואָלט געווינען דעם לעזער פאַר זיך. צוליב אָט דער קאָנקורענץ האָט מען אַ חוץ פאַר'מאוס'ן די שלעכטע זייטן פון דער שמ"ר־ליטעראַטור, וואָס איז זייער לייכט געווען, געמוזט איבערנעמען אויך די גוטע, די כשר'ע זייטן אירע, וואָס דאָס איז שוין גאַר נישט געווען אַזוי גרינג. מען האָט זיך געמוזט אויס־לערנען צו זיין אינטערעסאַנט פאַר'ן לעזער. און אָט דאָס, וואָס ס'האָט זיך ניט געקאָנט און ניט געוואָלט טאָן מענדעלע, ווייל אָפּשלייפן ווי געהעריג איז אַ אידישן זאַץ אָדער אויסמאָלן אַ פּייזאַזש איז ביי אים געווען בילכער, ווי טויזנטער לעזער, — אָט דאָס האָט זיך לייכט און שנעל אויס־געלערנט שלום עליכם. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די אומוויסנהייט פונם אידישן לעזער איז נישט די איינציגע אורזאַך פון שמ"ר'ס ערפאָלג; ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס שטעקט עפּעס אַ כישוף אין די שול־הויף־ראָמאַנען און אַז געגן אָט דעם כשוף וועלן נישט העלפן קיין שום אָפּשפּרעכענישן: „— — — יעדע פאַרפּלאָנ־טערטע מעשה", זאָגט דער פּראָקוראָר אין „שמ"ר'ס משפּט", דער פּראָקוראָר, וואָס זוכט נאָר חטאים אויפ'ן באַשולדיגטן, — „יעדע פאַרפּלאָנטערטע מעשה ווילט זיך אויסהערן, דען אפילו אַ שיינע בבא־מעשה איז אויך יעדער אַמאָל אַ בעלן צו הערן, און אַז עס איז נישטאָ קיין פיש עסט מען קאַרטאָפליעס, און אַז עס איז נישטאָ קיין בעסערס קייט מען שטרוי, דערום כאַפּט דער המון, עסט און קייט שטרוי, דערום נעמט זיך יעדער געמיינער איד און יעדע פּשוט'ע אידענע אַ ראָמאַן פון שמ"ר און שבת ביי טאָג נאָכ'ן טשאָלנט, אַז מען קאָן אַראָפּוואַרפן אויף אַ מינוט דעם עול פון פרנסה, אַז מען קאָן כאַטש אויף אַ רגע פאַרגעסן, אַז סע איז דאָ אַ קלייט, אַ קראָם, אַ מעקלעריי, אַ פריץ, אַ פּראָצענטל, און מען זעצט זיך אויס אַ גאַנץ רעדל ווייבער, אינגלאַך, מיידלאַך, און

מע הערט די ווילדע משונה אומגעלומפערטע מעשיות, די נסים ונפלאות פון דעם מלמד דעם לאָרד, דעם קוימענקערער דעם גראַף, די ליבע פון יאנקעל דעם בחור מיט די בלאָנדע האָר צו רחל'ע דער ברונעטין מיט די רויטע באַקן, ווי די רויזן, און די שיינע לידער מיט די הייסע טרערן, וואָס זיי טוען זינגען און פארגיסן אנט־קעגן דער בלאַס־ליכטיגער לבנה און אויסהערן דאָס זיפצן מיט'ן קרעכצן פון די אומגליקליכע ליבענדע און אז. וו...." נישט אומ־זיסט, אלזא, קאָכט זיך דער עולם אזוי שטאַרק אין שמ"ר'ס ראָמאַ־נען. ער געפינט דאָרט א באפרידיגונג, א אומנאַטירלאַכע, אן אומגעזונטע, אן אומגעלומפערטע, אָבער דאָך א באַפרידי־גונג פון זיינער א געזונטער, א נאַטירלאַכער באדערפעניש, פון דער באדערפעניש אראָפּצוּוואַרפן אויף א מינוט דעם עול פון פרנסה, פארגעסן אויף א ווײַלע דאָס רעאַלע לעבן מיט זײַן אומעט און זיינע זאָרגן, מיט זיין ענגשאַפט און קנעכטשאַפט און איבער־טראָגן זיך אין א וועלט פון פאַנטאַזיעס, וואו אַלץ איז אזוי ניי און אזוי אומגעריכט, וואו עס געשעען נסים ונפלאות: אָרימע ווערן רייך, פון א דינסטמיידל ווערט א גרעפין, פון א מלמד א לאָרד... בריקן ווערן געבויט איבער די אָפּגרונטן, וואָס שיידן אָפּ מענטש פון מענטש, קלאַס פון קלאַס. א ברייטער הימל עפנט זיך אויף פאַר די אויגן, א האָפענונג וואַכט אויף אין הארצן, און אפילו די טרערן, וואָס ווערן פארגאָסן אויף די אומגערעכטיקייטן, וואָס געשעען אין דער וועלט, אָדער אויף די שטערונגען, וואָס עס באַ־געגענען אויף זייער וועג די „העלדן" און „העלדינס" פון ראָמאַן, אפילו די טרערן זיינען נישט קיין וואָכעדיגע, נישט קיין פּיינלאַכע, נאָר טרערן פון מיטלייד און באפרייאונג, טרערן, וואָס וואשן אָפּ די נשמה און מאכן לייכטן די אויגן... שלום עליכם האָט עס געפילט, אים איז קלאָר געווען, אז פריער ווי אַלץ מוז באפרידיגט ווערן אָט די באדערפעניש פונם פאָלקס־לעזער, די באדערפעניש, וואָס די שמ"ר־ליטעראַטור האָט אזוי גוט פארשטאַנען זי אויסצונוצן. כדי אָבער אָט די נאַטירלאַכע באדערפעניש זאָל צופרידנגעשטעלט ווערן, און די „העכסט־אינטערעסאַנטע" שונד זאָל פארלירן דעם יסוד, אויף וועלכן זי האַלט זיך, — איז נויטיג, אז צו דער קינסט־לערישער לעבנס־טרייקייט זאָל צוקומען די קינסטלערישע פאַנ־

טאַזיע, צו דער נאַטירלאַכקייט — די יום־טוב׳דיקייט, צו דער אמת׳דיגקייט — די אומגעוויינלאַכקייט. און שוין די ערשטע ווערק שלום עליכם׳ס, וואו דער עיקר איז נאָך דער נאַטוראַליזם, — זיינען באַשאָטן מיט דעם חן׳עוודיגן מאָן פון אויסטערלישע פאַסי־רונגען און כל׳ערליי פאַנטאַזיעס.

שלום עליכם האָט זיך נישט געדאַרפט אָ נ ט אָ ן א כ ח צו מאַכן זיינע ווערק זאָלן זיין „אינטערעסאַנט", נישט נאָר „ניצלאָך" פאַר׳ן לעזער. א כח האָט ער זיך, פאַרקערט, געמוזט אָנטאָן אין „סטעמפּעניו", וואו ער האָט געהאַלטן זיין פּען און זיין פאַנטאַזיע אויפ׳ן צוים, וואָרים בטבע איז די ליבע צום זשאַנר־בילד באַהעפט ביי אים מיט דעם חשק צו מאָלן פאַנטאַזיעס און דערציילן וואונ־דערלאַכע מעשיות. אויך דער ווייכער סענטימענטאַלער ליריזם (וואָס די שונד־ראָמאַנטיק האָט אזוי ליב צו עקספּלאָאַטירן) איז ביי אים נישט קיין געמאַכטע, נאָר א געבוירענע זאַך.

ער האָט געהאַט אויף דעם אופן אלע מעלות, וואָס זיינען נויטיג געווען אויף צו דערגרייכן דעם ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט: צו שאַפן א אידישן לעזער, וועלכער זאָל די באַדערפע־ניש, וואָס ער האָט געזוכט פאַר איר א באַפרידיגונג אין „שונד", צו־פרידנשטעלן דורך ליטעראַטור. ער איז אזוי ווי געשיקט געוואָרן פון דער השגחה עליונה אָנצונעמען דעם אידישן לעזער פאַר׳ן האַנט און פירן אים „פון דער נידער אָן אלץ העכער און העכער". נישט פון דער הויך, פון א פּיעדעסטאַל האָט ער אראָפּגע־רעדט און אראָפּגעשמייכלט צום עולם, באַשיידן און שטאָלץ, ווייך און שטרענג, ווי מענדעלע, נאָר פון עולם גופא איז ער ארויסגעוואַקסן, אזוי ווי אליהו הנביא אין די פאָלקס־מעשיות וואַקסט אוים פלוצלינג אויף א יריד. אין איין רעדל איז ער גע־שטאַנען מיט אים, מיט׳ן עולם: „א פשוט׳ער, גוטער ברודער אָן חכמות, א שלום עליכם", ווי ער האָט זיך אליין פאָרגעשטעלט אינ׳ם „ערשטן ארויספאָר". דער לעזער האָט אים נישט געדאַרפט גלויבן אויפ׳ן וואָרט, אז ער איז „א פשוט׳ער, גוטע ברודער אָן חכמות", ער האָט עס געזען באַשיינפּערלאָך, און פון דער ערשטער מינוט אָן איז ער אים גרייט געווען אָפּצושעצן א שלום עליכם, ווי אן אייגענעם מענטשן, אן אלטן באַקאַנטן.

פון דער ערשטער מינוט אָן איז דעם לעזער געפעלן געוואָרן אין שלום עליכם'ן ד ע ר ד ע ר צ י י ל ע ר, נישט נאָר די ד ע ר־צ י י ל ו נ ג.

דערמיט האָט דער לעזער פון פאָלק געמאַכט דעם וויכטיגסטן טריט אויפ'ן וועג פון זיין אַנטוויקלונג — דעם טריט פון דער א ו מ פ ע ר ז ע נ ל א כ ע ר דערציילונג צו דער פ ע ר ז ע נ ל א כ־ק י י ט פונ'ם דערציילער.

שמ"ר איז מיט זיין גאַנצער „העכסט־אינטערעסאַנטקייט" געווען און געבליבן פאַר'ן לעזער א טרוקענער, טויטער ראשי־תיבות. האָט אים אָן אַנדערער אונטער דעם זעלביגן ראשי־תיבות אונטערגעטראָגן א שיינע געשיכטע, איז עס אויך אָנגעגאַנגען פאַר גוט געלט... איז שייך, א מענטש זאָל פארערן, א שטייגער, דעם פאָנאָגראַף אָדער דעם קינעמאַטאָגראַף, וואָס־איז, ער זינגט אים אָדער ער ווייזט אים שיינע זאַכן? אזוי איז שייך געווען דער לעזער זאָל פאַרערן שמ"ר'ן! שמ"ר'ס א י ך האָט ער נישט געפילט און נישט געקאָנט פילן, אזוי ווי ער פילט נישט און קאָן נישט פילן די „פערזענלאַכקייט" פונ'ם שוסטער, וואָס נייט אים שיך, זיי מעגן זיין ווי גוט. שמ"ר איז געווען נישט מער, ווי א ראַיעלע פירמע. אָבער שלום עליכם'ס לעזער — ער האָט שוין נישט געקאָנט בלייבן ביים ספור המעשה, ביים שטאָף, ווי אינ־טערעסאַנט און אפילו „העכסט־אינטערעסאַנט" עס איז געווען: אין יעדער שורה, אין יעדן וואָרט האָט ער געפילט, אז קיינער, א חוץ שלום עליכם'ן, וואָלט נישט געקאָנט דערציילן די מעשה אָט אזוי, ווי זי איז דערציילט, נישט געקאָנט שטעלן די טראָפּ אָט דאָרט, וואו זי איז געשטעלט.. ער האָט דערפילט דעם שרייבער'ס ס ט י ל, און אָט דאָס, האָב איך געזאָגט, איז געווען דער וויכ־טיגסטער טריט, וואָס דער אידישער לעזער האָט געקאָנט מאַכן, ווייל וואָס איז דען דער אונטערשיד צווישן אומקונסט און קונסט, צווישן שונד און ליטעראַטור, אויב נישט דאָס, וואָס דאָרט איז דער עיקר דער ש ט אָ ף פון דער ד ע ר צ י י ל ו נ ג און דאָ — דער ג י י ס ט פונ'ם ד ע ר צ י י ל ע ר?

אין די לעצטע, אזוי ווי אין די גאָר ערשטע יאָרן האָט ביי

שלום עליכם'ן אין די ראָמאַנען פאַרנומען א גרויסן, א צו־גרויסן אָרט דער שטאָף. אַנשטאָט דעם וועלן אינטערעסאַנט זיין, וואָס האָט זיך אין די אידישע ראָמאַנען גענומען פון ריין אינווייניגסטע קינסטלערישע מאָטיוון — באַווייזט זיך די שטרעבונג צו זיין העכסט־אינטערעסאַנט, די שטרעבונג, וואָס אירע סבות זיינען אָן קיין שום ספק אויסערלאַכע, וואָרים, ווען זיי זאָלן האָבן געהאַט אַ וועלכע עס איז שייכות צום אינווייניגסטן לעבן פון אונזער דיכטער, וואָלט עס הייסן אַ ירידה פון זיינע קינסטלערישע מעגלאַכקייטן, בעת אין דער אמת'ן האָבן זיי געהאַלטן אין וואַקסן, נישט אין פאַלען. אַ דאַנק די פיל נסיעות איבער'ן תחום און איבער דער וועלט, וואָס ער האָט געמאַכט אין יענער צייט, האָבן די גינסטיגע האָריזאָנטן זיינע געמוזט ברייטער ווערן, די דערפאַרונגען — רייכער און פאַרשיידנאַרטיגער. און דאָס האָט בשום אופן נישט געקאָנט שאַדן זיין קינסטלערישער פאַנטאַזיע. הײנט װער רעדט דער הומאָר, דער פרייער, באַרואיגטער קוק אויפ'ן לעבן, — ער שטאַמט דאָך געוויס פון אַ מקור, וואָס קאָן נישט פאַרשטאָפּט ווערן, פון אַ מקור, וואָס מוז, פאַרקערט, וואָס ווייטער אַלץ ברייטער זיך עפענען, וואָרים ער, דער הומאָר, איז דאָך איינע פון יענע מדות, וואָס אַזוי ווי גוטער וויין, ווערן זיי בעסער און געשמאַקער מיט דער צייט... אַלאַ וואָס דען? עס האָבן געמוזט זיין אויסערלאַכע סבות, וואָס צוליב זיי האָט דער דיכטער אין זיינע שפּעטערדיגע ראָמאַנען אָפּגעגעבן דעם אויבן־אָן דעם שטאָף, דעם ספור המעשה. און די וויכטיגסטע פון אָט די אויסערלאַכע סבות מוז זיין די סביבה, אין וועלכער דער אידישער ליטעראַטור קומט אוים צו לעבן, די פאַרפלוכטע צייטונגס־אַטמאָספערע, אין וועלכער דער שרייבער מוז אויסשטיין טאָג־טעגלאַכע נסיונות און מוז זיין באַוואָפּענט מיט גאָר באַזונדערע מאָראַלישע כלי־זין, אויב ער וויל בלייבן אַ בעל־הבית איבער זיינע קינסטלערישע קרעפטן; די לאַגע, וואָס כל זמן זי עקזיסטירט מוז דער שרייבער זיין אָפט אַ קרבן, נישט קיין כהן פון זיין קונסט... וואָס גרעסער זיין טאַלאַנט און זיין שם איז ביים עולם, אַלץ שווערער איז אים אויסצומיידן אָט דעם נאַרישן ביטערן גורל, און אַלץ שווערער ווערט אָפּצו־

טײלן בײ אים אין די װערק דאָס, װאָס געהערט אים אַלײן פון דעם, װאָס איז אינספּירירט פונ׳ם . . . מאַסן־לעזער.

איך זאָג עס, כאָטש איך װײס זײער גוט, אַז אין אַ סך פּרטים זײנען די שפּעטערדיגע ראָמאַנען שלום עליכם׳ס העכער פון די פריערדיגע. זײ זײנען רײכער, פילפאַרביגער און אינ׳ם געזעלשאַפטלאַך קולטורעלן זין אױך אינטערעסאַנטער פון די „אידי־שע ראָמאַנען״. אײניגע פון זײ זײנען, לױט זײער פאַרנעם און ברײטקײט, די אײנציגע אין דער אידישער ליטעראַטור. װען זײ זאָלן זײן טיפער און פּסיכאָלאָגיש באַדײטנדיגער, װאָלטן זײ געקאָנט כמעט פאַרדינען דעם נאָמען די אָ ס פּ אָ ר אַ ־ ר אָ מ אַ נ ע ן, װארים זײ רירן אָן ניט נאָר די פאַרשײדנסטע גרופּן פונ׳ם אידישן פאָלק, נאָר די פאַרשײדנסטע לענדער, און זײ װאָלטן געקאָנט זײן אַן אָנצוהערעניש אױף דעם גרױסן װ אַ נ ד ע ר ־ א ו ן ־ װ ו א ו נ ־ ד ע ר ־ ר אָ מ אַ ן, דעם אַ ה אַ ס פ ע ר ־ ר אָ מ אַ ן, װאָס די מאָדערנע אידישע ליטעראַטור איז שולדיג דעם אידישן פאָלק, און װאָס זי מוז און װעט אים שאַפן... און דאָך — — און דאָך איז, בײ דעם גאַנצן װערט און אינטערעס, װאָס עס האָבן די דאָזיגע, לױט זײער אינהאַלט מאָדערנע און לױט דער פאָרם אַלט־מאָדישע, ראָמאַנען, — דאָך איז דער אָפּגרונט צװישן זײ און די „העכסט־אינטערעסאַנטע״ שמ״ר־מעשיות אַ סך אַ קלענערער, װי דער, װאָס איז געװען צװישן די לעצטע און די „אידישע ראָמאַנען״. ד אָ ר ט איז די טענדענץ צו דערציען און אױסצובעסערן דעם לעזער געװען שטאַרקער און בולט׳ער, װי די טענדענץ אים צו געפעלן און דאָ איז — פאַרקערט; דאָרט האָט געשפּילט אַ גרױסע ראָליע, אַ חוץ דער פּסיכאָלאָגיע פון די אײנציגע פאַר־שױנען, אױך די א י ד י י ע פונ׳ם גאַנצן װערק, צום בײשפּיל, די אידײע פון דער א י ד י ש ע ר ליבע, ד אָ זײנען נאָר אײנציגע פערזאָנען געשילדערט מער אָדער װײניגער קינסטלעריש, דאָס גאַנצע װערק אָבער האַלט זיך אױף צופעליגע באַגעגענישן און אינטריגעס. דאָס ג אַ נ צ ע װערק װיל זײן נישט װאָס ג אַ נ ־ צ ע ר, נאָר װאָס „שפּאַנענדיגער״. דאָס גאַנצע װערק װיל נישט זײן װאָס אײנהײטלאַכער, נאָר, פאַרקערט, װאָס פאַרשײדנאַרטיגער

און פארפלאָנטערטער. דאָס גאַנצע, מיט איין וואָרט, שטרעבט צום שטאָפלאַכן, נישט צום קינסטלערישן.

ראיות איז איבעריג צו ברענגען: די, וואָס האָבן געלייענט די ראָמאַנען, באַזונדערס דעם האַלב־נאַטפּינקערטאָנישן „מבול", האָבן עס לייכט געקאָנט באַמערקן. פאַר די, וואָס האָבן זיי נישט געלייענט, איז גענוג צו פאַרגלייכן די נעמען פון די פריערדיגע און די שפּעטערדיגע ראָמאַנען. די ערשטע האָבן זיך גערופן: „סענדער בלאַנק", „סטעמפּעניו", „יאָסעלע סאָלאָוויי". איינפאַך און שטיל. ווי רופן זיך די לעצטע ראָמאַנען? „דער מבול"! „בלאָנדזשענדע שטערן"!! „דער בלוטיגער שפּאַס"!! אַ אויסערגעוויינלאַכער ראָמאַן!!! די אויסרוף־צייכנס געהערן, פאַרשטייט זיך, מיר, אָבער זיינען זיי דען איבעריג? בעטן זיי זיך דען נישט נאָך די דאָזיגע נעמען? פילט מען דען נישט אין זיי דעם גייסט פון דער טעגלאַכער פּרעסע, פון דער כראָניק, פון דער סענסאַציע? ווייזן זיי אונז דען נישט, אַז די שטרעבונג זיך אָראָפּצולאָזן צום לעזער, די טענדענץ, וואָס איז אייגנטלאַך געווען ביי שלום־עליכם'ען פון אָנהויב אָן, האָט זיך שוין צופיל פאַרשטאַרקט? און ווייזן זיי אונז דען נישט, אַז די פאַרשטאַרקונג פון אָט דער טענדענץ האָט געקאָנט ברענגען צו דער געפאַר, אַז, אנשטאָט דער שרייבער זאָל פירן דעם לעזער „פון דער נידער אָן ביז אַלץ העכער און העכער", ווי עס איז פריער געווען, זאָל, פאַרקערט, נאָר דער לעזער און פאַרלעגער האָבן די העזה צו פירן דעם שרייבער — און פירן נישט אַלץ העכער און העכער, נאָר פאַרקערט?

אַז אַזאַ געפאַר איז געווען, קאָן מען זען דערפון, וואָס דער דיכטער האָט געהאַט אַ אינוועניגסטע באַדערפעניש צו פאַרענטפערן זיך (פאַר זיך אַליין?), ווען ער האָט געשריבן די „בלאָנדזשענדע שטערן": „...איך וויל ניט זאָגן... (האָט ער געשריבן דאָן אין אַ בריוו צו דער רעדאַקציע פון „דער נייער וועלט") — אַז איך גיב זיך אונטער צום געשמאַק פון גאַס, אום צו מאַכן אים (דעם ראָמאַן) אינטערעסאַנט און שפּאַנענד. ער איז אָבער לויט זיין אינהאַלט, על פּי כּרחו, אַ שפּאַנענדע געשיכטע, אַ ראָמאַן, פול פאַנטאַזיע, אָבער אויך לעבן, האַנדלונג א.אז.וו." („שלום עליכם בוך", ז. 232).

שלום־עליכם אַליין האָט אודאי ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן „צום

געשמאַק פון גאַס", אָבער עס זיינען געווען אַרויסגעבער און רעדאַק־טאָרן פון אידישע צייטונגען, וואָס האָבן אים געצוואונגען זיך אונ־טערצוגעבן. אַזוי האָט, צום ביישפּיל, געטאָן דער רעדאַקטאָר פון וואַרשעווער „היינט", וואו עס האָט זיך (אין יאָר 1912) געדרוקט „דער בלוטיגער שפּאַס"... „שטייט דער אָדון, דער רעדאַקטאָר, — האָט צו מיר געשריבן דאָן אין אַ בריוו שלום־עליכם, — און שרייט: „מעשה! מעשה גיט! ווינציגער טיפּן, מער מעשה!" און אין אַ באַמערקונג צו אָט דעם בריוו, וואָס איז פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אין „שלום־עליכם בוך", האָט י. ד. בערקאָוויטש געשריבן: „עס מוז דאָ באַטאָנט ווערן, אַז דאָס אָפּטע אַריינמישן זיך פונ'ם אַרויס־געבער פון „היינט" אין שלום־עליכם'ס אַרבעט האָט געהאַט אַ געוויסע נעגאַטיווע ווירקונג אויף זיינע שאַפונגען, וואָס זיינען פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אין יענער צייטונג. אפילו דער נאָמען פונ'ם ראָמאַן מיט'ן דורכאויס נ י ט ־ ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם ' ד י ג ן אַדיעקטיוו „בלוטיגער", וואַקסט אויך פון דעם אַרויסגעבער'ס קאָפּ; ביי שלום־עליכם'ען האָט דער ראָמאַן לכתחילה געזאָלט הייסן „דער ג ר ו י ס ע ר שפּאַס" („שלום־עליכם בוך", ז. 240).

ס'איז, אַלזאָ, געווען געוויס אַ געפאַר מצד דעם „לעזער און פאַרלעגער", אָבער זי איז נישט געווען אַזוי גרויס. זי איז נישט געווען אַזוי גרויס, ווייל זי איז געקומען, ווי געזאָגט, פון דרויסן, נישט פון דער אינווענייגסטער אַנטוויקלונג פונ'ם שרייבער. אין דעם א י נ ו ו ע נ י ג ס ט ן סטיל פון זיין שאַפן איז ער געווען אַזוי אָריגינעל, אַז ס'איז נישט געווען אַזוי שטאַרק וואָס מורא צו האָבן, טאָמער וועט דער א ו י ס ו ו ע נ י ג ס ט ע ר, פון זייטיגע אומשטענדן דיקטירטער, סטיל אים איינגאַנצן פאַרדאַרבן אָדער פאַרשטעלן. אפילו אין די אויבנדערמאָנטע ראָמאַנען מיט די סענ־סאַציאָנעלע „אַמעריקאַנישע" נעמען זיינען פאַראַן צענדליגער, הונ־דערטער זייטן, וואָס קיינער, אַ חוץ שלום־עליכם'ען, האָט זיי נישט געקאָנט אָנשרייבן, און, ווען עס וואָלט נישט אויסגעזען, ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָדער ווי אַ חנ'דל, וואָלט איך געזאָגט, אַז אין דער עצם זאַך, וואָס אַ שרייבער מיט אַזאַ טאַלאַנט נעמט און געברויכט האַלב־ערנסט פּרימיטיווע און פּרימיטיווסטע מאַניערן פון שונד־הויף־אָדער, ווי מען רופט עס אָן ביי די דייטשן, הינטערטרעפּן־ליטע־

ראטור,—אין אַט דעם עצם זאַך איז פאַראַן עפּעס הומאָריסטישעס, שלום־עליכם׳דיגס, עפּעס אַזוינס, מיט וואָס עס וועט זיך אודאי שעמען דער קליינשטעדטלדיגער „עסטעט״ און אין וואָס עס וועט אָבער דוקא געפינען גאָר אַ באַזונדער געשמאַק דער, וועמען עס האָט דערסען די גלאַטקייט, קאָרעקטקייט, ליטעראַרישקייט פון די כשר׳ע מיטלמעסיגקייטן.

אויב איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף די אומליטעראַרישע עלעמענטן פון אייניגע פון די לעצטע ראָמאַנען שלום־עליכם׳ס, האָב איך עס געטאָן, ערשטנס, כדי דער לעזער זאָל זען די קרומע הינטער־וועגן, נישט נאָר דעם גלייכן וועג, פון אונזער שרייבער׳ס שאַפן און, צווייטנס, האָב איך עס געטאָן, ווייל די דאָזיגע ראָמאַנען דער־מאָנען אונז ווידער אָן די צוויי פאַרשידענע טענדענצן אין שלום־עליכם׳ס שרייבן — די צוויי טענדענצן, וואָס זיינען אויסגעדריקט אין די נעמען מענדעלע און שמ״ר. דאָס, וואָס מען קאָן אָנרופן אינגווענינגסטער סטיל, האָט אין די ראָמאַנען אַ מענדעלע־טענדענץ, און דאָס, וואָס הייסט אויסווענינגסטער סטיל — אַ שמ״ר טענדענץ. נאָך מער: פאַר די דאָזיגע ווערק פּאַסט שוין גאָרנישט אַזוי שלעכט דער אויסדרוק, וואָס איך האָב פריער מורא געהאַט ער זאָל נישט פאַלש אויסגעטייטשט ווערן, דער אויסדרוק: „מענדעלע איז שלום־עליכם׳ס יצר־טוב, שמ״ר — זיין יצר־הרע״. אין די דאָזיגע ראָמאַנען זעען מיר באַשיינפּערלאַך, ווי דאָס מענדעלעשע, כ׳מיין דאָס אָריגינעל־פאָלקסטימלאַכע, ציט שלום־עליכם׳ען אַרויף, אַהין, וואו עס שוועבט זיין גייסט, זיין טאַלאַנט; דאָס שמ״רשע אָבער, דאָס טריוויאַל־פאָלקסטימלאַכע, שלעפּט אים אַראָפּ, צום לעזער, צום עולם־גולם. — — —

דעם פריינד פון דער אידישער ליטעראַטור קאָן דאָס דאָזיגע צו־גרויסע צופּאַסן זיך צום לעזער נישט שטאַרק געפעלן; אָבער דער היסטאָריקער פונם אידישן לעזער וועט אויך דערין זען אַ פּאָזיטיווע און אַ נוצלאַכע זאַך. פאַר דעם, וואָס וועט זיך שטעלן אויף אָן אָביעקטיוו היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, וועט דאָס העלפן שאַפן אַ לעזער פאַר דער ליטעראַטור אויסקומען פּונקט אַזוי נוצלאַך, ווי דאָס אַנטייל נעמען אינ׳ם שאַפן

א ליטעראַטור פאַר'ן לעזער. נאָך דעם זאַץ: „שמ"ר האָט געהאָלפן מאַכן פון'ם נישט־לעזער א לעזער", וועט דער היס־טאָריקער שרייבן: „שלום עליכם אָבער האָט, א חוץ אנדערע גרויסע פאַרדינסטן, געהאַט אויך דעם פאַרדינסט, וואָס א דאַנק אים איז נישט איין שמ"ר־לעזער געוואָרן... א שלום־עליכם־לעזער"... „אין דער צייטונג, — וועט געבראַכט ווערן א ביישפּיל, — אין דער צייטונג, וואו אויף איין זייט פּלעגט זיך דרוקן „די פאַרשלייערטע דאַמע" און אויף דער אנדערער „דער בלוטיגער שפּאַס",—אין דער דאָזיגער צייטונג, ווען מען זאָל זי אָפּזוכן אין ארכיוו, קאָן מען זען בחוש, ווי דער לעזער פון פאָלק, דער גאַסן־און־מאַסן־לעזער, האָט זיך געפונען צווישן צוויי קרעפטן, איינע האָט אים געשלעפּט נאָך אראָפּ און אראָפּ, צוריק צו שמ"ר'ן און צו זיינע חברים, אין דער צייט, ווען די אנדערע, די שלום־עליכם'שע, האָט, אליין זיך אראָפּלאָזנדיג, אים געצויגן ארויף"...

אָבער שלום־עליכם — און דאָס קאָנען מיר שוין איצט זאָגן, נישט וואַרטנדיג אויף דער „היסטאָריע" — שלום־עליכם האָט צו־געצויגן צו דער אידישער ליטעראַטור נישט נאָר דעם מאַסן־לעזער, דעם לעזער פון פאָלק; — זיין השפּעה דערגרייכט ביז די אַזוי אָנ־גערופענע העכערע שיכטן. אויך דאָרט לייענט מען אים, אויך דאָרט האָט מען פון אים הנאה.

עס זיינען דאָ ביי אונז שרייבער, וואָס מען האָט פאַר זיי אפשר מער אַראָפּפאַל, מער יראת־הכבוד, ווי פאַר שלום־עליכם'ען, אָבער עס זיינען נישטאָ ביי אונז קיין דיכטער, וואָס זייערע ווערק זאָל מען מער לייענען ווי שלום־עליכם'ס...

פון וואַנען נעמט זיך עס? איינער וועט זאָגן: ס'שטאַמט פון זיין הומאָר: הומאָריסטן ווערן אומעטום גע־לייענט מער ווי אַלע אנדערע שרייבער. אַן אנדערער וועט מוסיף זיין: שלום־עליכם איז פּאָפּולער ביים עולם, ווייל ער שרייבט פּאָפּולער; מען דאַרף זיך ניט מאַטערן אים צו פאַרשטיין. און אָט די ביידע דערקלערונגען, וואָס זיינען איינס דאָס אנדערע ממלא, זיינען ריכטיג. איך מיין אָבער, אַז די אמת'ע דערקלערונג, די, וואָס איז כולל אין זיך יענע אויך, ליגט דערין, וואָס אין די אויגן פון'ם דורכשניטלאַכן אידישן לעזער איז שלום־עליכם עפּעס

א נ ד ע ר ש ווי ל י ט ע ר א ט ו ר. עפּס אזוינס, וואָס איז אי ווענינער, אי מער ווי ליטעראַטור: ו ו ע נ י ג ע ר — ווייל ס׳איז נישטאָ אין אים די שטרענגקייט, די אָפּגעזונדערטקייט, די „גע־זעצטקייט" פון אַ קלאַסיקער, ווייל ער רופט נישט אַרויס, מיט אַנדערע ווערטער, דאָס ד י ס ט א נ ץ ־ ג ע פ י ל, וואָס אַ קינסט־לעריש ווערק רופט געוויינליך אַרויס ביי די, וואָס געניסן עס. ער א י ז אָ ב ע ר מ ע ר ו ו י ל י ט ע ר א ט ו ר, ווייל ער איז איינגעוואקסן, איינגעוועבט אַזוי אינ׳ם אידישן לעבן, אינ׳ם אידישן מיליע, אַז ער איז שוין לאַנג געוואָרן אַליין אַ שטיק אידיש לעבן, אַ טייל פון דער אידישער סביבה... אַזוי איז עס, יעדנפאַלס, געווען פאַר די גרויסע רעוואָלוציאָנערע איבערקערענישן. מען פלעגט מיטנעמען זיינע ביכלאַך אין וועג אַריין און לייענען זיי אין די וואַ־גאָנעס. שבת און יום־טוב פלעגט מען זיי געבן צו טיי אינאיינעם מיט די איינגעמאַכטס... זיי זיינען געוואָרן אַ טייל פון דער באַלעבאַ־טישקייט... ווען מיר זאָלן פאַרמאָגן אַן אמת־אידישן זשאַנר־מאַלער און ער זאָל האָבן אַ געפיל אין אידיליע און הומאָר, בין איך זיכער, אַז איינס פון זיינע חנ׳עוודיגסטע בילדער וואָלט אונז שוין לאַנג געוויזן, ווי אין אַ באַלעבאַטישער שטוב, וואו אויף די ווענט הענגען פאָרטרעטן פונ׳ם ווילנער גאון און פון מאָנטעפיאָרע און פון דר. הערצל, זיצן אין אַ חול־המועד׳יגן טאָג, אַרום אַ גרויסן טיש מיט פאַנאַנדערגענומענע פליגלען און אַן אַלטמאָדישן ירושה־סאַמאָוואַר, וואָס האַלט אין אָפּקילן, — זיצן אין די פאַרשיידנסטע פּאָזעס, מיט רואיגע און שמייכלענדיגע פּנים׳ער, אידן מיט און אָן בערד, אידן אין יאַרמעלקעס און אידן אָן היטלען, ווייבער אין פּאַריקן און ווייבער מיט די אייגענע האָר, און פרויען אין מאָדע־פריזורן, און קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער, רואיגע, שטיפער, און הערן זיך איין, ווי איי־נער פון די יונגע, אודאַי אַן איידעם אויף קעסט, לייענט, אָנגעלעגט אויף אַן אָפּגערוקטן שטול, מיט גאָר אַ באַזונדער ברייטקייט, אַ „שטיקל" שלום־עליכם. אַן אַלטער אין אַ יאַרמעלקע, — זאָל עס זיין אַ זיידע? — האָט אויפגעהויבן די אויגן מיט די ברילן פונ׳ם דיקן ספר, אין וועלכן ער האָט אַריינגעקוקט, אין טיר פון זייטיגן צימער האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן מיט אַ דאַנקבאַרן פאַרטראַגענעם פּנימ׳ל אַ אידיש טעכטערל, אַ גימנאַזיסטין, מיט אַן אָפענעם גוי׳אישן לער־

בוך אין האנט, און דארט פון ווייטן ביי דער קיך־טיר שטייט א פארזיכטיגע, גרייט צו אנטלויפן, מיט פארקאשערטע ארבל און אן אפענעם מויל, די אידישע דינסט... אלע, פון קליין ביז גרויס, פרום און נישט פרום, משכיל און ארטאדאקס, מאנסביל און פרויענצימער, די בעל־הבית׳טע און די דינסט, דער בעל־הבית און זיין אנגע־שטעלטער, ארעם און רייך — אלע פילן א טעם אין שלום־עליכם׳ען. יעדערן האט ער עפעס צו דערציילן, איטלאכן פארטרייבט ער די צייט און די מחשבות. אפילו די, וואס לייענען קיינמאל נישט קיין ליטעראטור, ווייל זיי ווייסן נישט, „מיט וואס מען עסט עס", אדער ווייל זיי האלטן סתם נישט פון די מעשה־ביכלאך, — אפילו די, אז זיי הערן, ווי מען לייענט פאר שלום־עליכם׳ען, נויגן זיי צו דאס אויער: זיי קאנען נישט בייאשטיין ביים נסיון... אפילו די, וואס זיינען ווייט פונ׳ם אידישן לעבן און פון דעם אידישן ווארט נאך ווייטער, אפילו די, וואס אידישע ליטעראטור איז ביי זיי רעכט, נאר נישט קיין „זשארגאן", אפילו די, וואס האבן זיך פארגעסן, אדער קיינמאל גאר נישט געקאנט לייענען קיין אידיש, — אז זיי דער־הערן דעם נאמען „שלום־עליכם", לעבן זיי אפ! אפילו די אידישע קאמוניסטן אין ראטנפארבאנד קאנען זיך נישט באגיין אן שלום־עליכם׳ען. זיי פארדרייען אים, זיי טייטשן אין אים אריין סאטי־רישע כונה׳ס, וועלכע ער האט נישט געהאט, אבער — זיי קווען אן פון אים! שלום־עליכם איז באמת העכער פון אלע פארטייען... ער איז שיר ניט עפעס א מין סימבאל פון אידישער אייניגקייט...

אמאל פלעגט מען זאגן, אז אויב איינער וויל וויסן, צי עס געפינט זיך ארום אים א איד, זאל אנהייבן זאגן מיט דעם ימים־נוראים׳דיגן ניגון: ית—ג—דל; אויב עס געפינט זיך דא א איד ערגעץ, וועט ער געוויס אונטערכאפן: וית—ק—דש... איצט קאן מען דיזעלביגע פראבע מאכן מיט א „שטיקל" שלום עליכם: דער גרעסטער אסימילאטאר, אז ער וועט דערהערן שלום עליכם׳ן, וועט ער זיך נישט איינהאלטן און בעטן: נאך... נישט אפילו, נאר אפשר דוקא דער אסימילאטאר. ווארים ערגעץ פילט מען נישט אזא „פיקאנטן" טעם אין א שטיקל שלום עליכם, ווי ביי אט די כלומרש׳ט־אידן. זיי פארשטייען, דאכט זיך, נישט קיין אידיש— שלום עליכם׳ן פארשטייען זיי. א חוץ א פאגראם, נעמט זיי, דאכט

זיך, קיין זאך נישט דורך אינ'ם אידישן לעבן — שלום עליכם נעמט זיי. א פּאָגראָם עפּנט אין זיי דעם פאַרבאָרגענעם קוואַל פון אידישע טרערן, שלום עליכם — דעם וויניגער טיפן, אָבער נישט וויניגער באהאַלטענעם קוואַל פון אידישן געלעכטער. ווען מען זעט, ווי זיי קאָכן זיך אין הערן עפּעס פון שלום עליכם, קאָן מען מיינען, אז דאָס גאַנצע אידישקייט זייערס איז אריין אין אָט דער בענקעניש נאָך א לעבעדיגן בילד פון כתרילעווקע. אָדער פאַרקערט: מען קאָן מיינען, אז אין דער קאָמישקייט פון די כתרילעווקער זוכן זיי א טרייסט צו דעם טראַגיזם פון די, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון כתרילעווקע; אזוי ווי איינער זאָגט: פּאָרט בעסער, ווי דאָרטן בלייבן... ווי די מעשה איז: שלום עליכם איז פאַר זיי נישט קיין אידישע ליטעראַטור (אידישע ליטעראַטור איז געשאַפן „פאַר דער מאַסע", נישט פאַר די „אינטעליגענטן"): שלום עליכם פאַר זיי איז א גרוס פון דער ווייטער היים, א אידישער וויץ, א מין דערציילן אין פריידן קינדערשע נאַרישקייטן. שלום עליכם פאַר זיי איז די נאָענטע אידישע פאַרנאַנגענהייט. פאַר דער רואיקייט פון זייער געוויסן איז די פאַרגאַנגענהייט נישט אזוי געפערלאַך, בפרט נאָך די „נאַרישע" כתרילעווקער פאַרגאַנגענהייט און בפרט נאָך די, וואָס דער הומאָר האָט אונז באפרייט פון איר... שלום-עליכם'ס הומאָר — אָט דאָס איז די וויכטיגסטע סבה, צוליב וועלכער דער אידישער „אינטעליגענט" שעמט זיך נישט צו לייענען אָדער, ריכטיגער, צו הערן ווי מען לייענט שלום עליכם'ן. מיט זיין הומאָריסטישער באַלייכטונג רוקט שלום עליכם אָפּ די אידישע סביבה, וועגן וועלכער ער דערציילט, פון די, פאַר וועמען ער דערציילט וועגן איר, ער רייסט איבער די רעאַלע פעדים, וועלכע ציען זיך נאָך פון איר צו זיי און באפרייט זיי, אויף דעם אופן, פון מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר איר...

אויב דעם פּראָסטן, נישט געבילדעטן לעזער האָט שלום עליכם צוגעצויגן דורך דעם, וואָס ער האָט זיך אליין און די פאַרשווינענע זיינע דערנענטערט צו אים, האָט ער ביים לעזער פון דער „אינטעליגענץ" אויסגענומען דערמיט, וואָס ער האָט אים געגעבן,

פארקערט, די מעגלאכקייט א קוק צו טאָן אויפ'ן אידישן לעבן — פון דערווייטן.

שלום עליכם רוקט אונז צו אזוי נאָענט צום רעאלן אידישן לעבן — און האלט אונז דאָך אזוי ווייט פון אים; דערפאר לייענט אים אי דער נאָענטער, אי דער ווייטער.

דעם נאָענטן, פראָסטן לעזער פון פאָלק שרעקט ער נישט אָפּ דורך צו־שטרענגע ליטעראטור־פאָרמען, דעם ווייטן, דעם אידישן אינטעליגענט, פארטרייבט ער נישט דורך צו־ערנסטע אידישע לעבנס־פּראָבלעמען. צום ערשטן איז ער צוגעפּאַסט א דאנק זיין פרייליכן, „העכסט־אינטערעסאנטן", אויסווייניגסטן סטיל; צום לעצטן — א דאנק זיין נאָך פריילאָבערן, ווייל נאָך הומאָריסטישערן אינווייניגסטן סטיל.

דער ערשטער, דער פאָלקס־לעזער, איז אָן קיין שום ספק א גרעסערער געווינס פאר דער אידישער ליטעראטור, ווי דער לעצטער. פון דער אנדער זייט אָבער געפעלט יענעם דערהויפּט די „שמ"ר'ישע", דעם אָבער, פארקערט — די „מענדעלע'שע" זייט פון שלום עליכם'ס שאַפן — דער הומאָר.

וועגן אָט דעם הומאָר וועלן מיר ריידן אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלאך, וואו פון דער מער אויסווייניגסטער שמ"ר־טענדענץ אין שלום עליכם'ן וועלן מיר איבערגיין צו דער מער אינווייניגסטער און קינסטלערישער „מענדעלע"־טענדענץ.

ז. די ווירקונג פון מענדעלע מוכר ספרים.

מיט דער מענדעלע־טענדענץ אין שלום עליכם'ס שרייבן מיין איך פריער ווי אלץ די אלגעמיינע טענדענץ צו זיין פאָלקסטימלאך, אָריגינעל און אידישלאך. די דאָזיגע אייגנשאַפט איז ביי אונזער דיכטער געווען אן אייגענע, אן אינעווייניגסטע, נישט קיין איבער־גענומענע; דאָך איז זי פארבונדן מיט יענעם שרייבער, אויף וועלכן שלום עליכם האָט פון אָנהייב אָן געקוקט, ווי אויף זיין „זיידן".

דער זיידע און דאָס אייניקל, ווי מיר וועלן זען ווייטער, זיינען נישט נאָר צוויי באזונדערע דורות, זיי זיינען צוויי גאָר פארשיידענע פערזענלאַכקייטן. מענדעלע האָט דעריבער נישט

געקאַנט ווערן קיין קוואַל, וואָס זאָל זיין געגנג אויף צו נערן שלום עליכם'ן; נאָך ווייניגער האָט יענער געקאָנט זיין אַ מוסטער, אַ מאָדעל, וואָס דער זאָל קאָנען אָדער וועלן אים נאָכמאַכן מיט אַלע הידורים. ער איז געווען אבער דער שטערן, וואָס האָט באַלויכטן דעם וועג, וועלכן אונזער שרייבער האָט זיך אַליין אויסגעטראָטן. נאָך ריכטיגער איז צו זאָגן, אַז ער איז געווען פאַר אונזער דיכטער דאָס, וואָס פאַר'ן חזן דער קאַמער־טאָן: ער האָט אים געהאָלפן „אָנשטעלן דעם האלז", געוויזן אים דעם טאָן, וואָס ער זאָל נעמען, דעם שניט, וואָס ער זאָל זיך שניידן אויף אים.

מענדעלע'ס שניט פילט זיך פריער ווי אַלץ אין דער אַלגע־מיינער טעמאַטיק און אין דער סביבה פון שלום עליכם'ס ווערק. ווי ביי יענעם, אַזוי איז אויך ביי אים די הויפט־טעמע: דאָס לעבן פון דעם אידישן כלל, און די סביבה: — כתרילעווקע (קאַבצאַנסק).

פּרטים, יחידים, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון קהל און דערווייטערט זיך פון כתרילעווקע, זיינען אויך פאַראַן ביי שלום עליכם'ן, און אַ סך מער, ווי ביי מענדעלע'ן, נאָר, אַזוי ווי ביים לעצטן, זיינען זיי אויך ביי אים אויסנאַמען, און זיי זיינען אַזוי ווי נאָר אַ קאָנטראַסט צו דער גאַנצקייט פון דער אינדי־פערענצירטער מאַסע, וואָס פילט אָן דעם חלל פון זיינע ווערק. דערצו, אַז ס'קומט צו מאָלן אָט די יחידים, די אָפּגעריי־סענע, זיינען ביידע, אי מענדעלע, אי שלום עליכם בריות נאָר אויף אַזוי פיל אויף וויפיל קאַבצאַנסק און כתרילעווקע שטעקט נאָך אויך אין זיי, אין אָט די אינטעליגענטן, די יחידים.

כתרילעווקע און קאַבצאַנסק שילדערט שלום עליכם אויך דאַן, ווען ער קלייבט זיך אַריבער מיט זיינע פּאַרשוינען קיין ווין, אַנט־ווערפּען, לאָנדאָן, ניו יאָרק; ווי דער „זיידע", אַזוי איז אויך ער געווען און געבליבן דער שילדערער פונ'ם געטאָ אידן, אַלץ איינס, צי דאָס געטאָ איז ארום אָדער אין דעם אידן.

אָבער נישט נאָר אין דער אַלגעמיינער טעמע, דער כלל־טעמע, פילט זיך די קרובה'שאַפט צווישן מענדעלע'ן און שלום עליכם'ן; זי שפּירט זיך אויך אין איינציגע פּאַרשוינען. צום ביישפּיל: אריה־לייב אינ'ם „ערשטן ארויספאָר", ווען ער קומט אָן מיט זיין

חבר אין דער גרויסער שטאָט אריין, דערמאָנט נישט ווילנדיג אָן בנימין השלישי; די בעל־הבית'טע פון דער אכסניה, וואו די קליינשטעטלדיגע משכילים פון דער נאָר וואס דערמאָנטער דער־ציילונג שטעלן זיך אָפּ, איז א נאָענטע קרובה פון רייזע דער בעל־אכסניה'טע אין „ווינשפינגערל": ביי ביידן פילט זיך הינטער די געוואלדן און קולות און קללות א שטילע, ווייכע, אידישלאכע, מו־טערלאכע גוטהארציקייט; די ביאָגראפיע פון סענדער בלאנק איז שטארק ענלאך צו דער לעבנס־באשרייבונג פונ'ם „קליינעם מענ־שעלע", און מנחם מענדל מיהופעץ אליין — איז ער נישט קיין גלגול, קיין ווייטערדיגע, קאָנזעקווענטע און מער שלום עליכם'דיגע פאנאנדערוויקלונג פון אלתר יכנה"ן? ווייטער, די ערשטע אידישע ראָמאנען שלום עליכם'ס זיינען אויך אין א געוויסן זינען א רעזול־טאט פון מענדעלע'ס ווירקונג (זע שלום עליכם'ס הקדמה צו „סטעמפעניו".) אויך זיין ערשטע געדרוקטע רוסישע דערציילונג „מעטשטאטעלי" (1884) איז געשריבן געוואָרן אונטער דעם איינ־פלוס פון מענדעלע'ס „מסעות בנימין השלישי".

נאָך מער ווי אין די פארשוינען איז די ווירקונג מענדעלע'ס קענטיג אין דעם סטיל שלום עליכם'ס. און ס'איז קיין חידוש ניט, וואָס ווען דער „זיידע" האָט געהאט איבערגעלייענט נאָר איין זאך שלום עליכם'ס, האָט ער אים שוין געשריבן, אז „מען זעט, ערטער־ווייז, אז אין דעם איניקל רינט דעם זיידנס בלוט..."

אמת דעם איניקל'ס סטיל איז א דורכאויס אָריגינעלער (ער איז געלייטערטער פאָלקס נוסח, בעת דער „זיידע" האָט אונז געגעבן די סטיליזאציע פונ'ם פאָלקס־סטיל), און אפילו די עלע־מענטן פון שלום עליכם'ס סטיל, וואָס שטאמען פון מענדעלע'ן, האָבן זיך אזוי צונויפגעגאָסן מיט שלום עליכם'ען, אז ס'איז שווער זיי גאָר צו דערקענען און אָפּצוזונדערן, אָבער איינציגע ערטער זיינען דאָך פאראַן ביי אונזער שרייבער, וואו דער שניט און שטייגער פון מענדעלע'ס שרייבן האָט זיך אויפגעהיט אין זיין ריינער געשטאלט — איז אָט דאָרט קאָן מען זען קלאָר די סטיל־פעדים, וואָס ציען זיך פון „זיידן" צום „איניקל". אזוינע ערטער זיינען פאראַן אין דער באשרייבונג פון דער „שטאָט בתרילעווקע" אין „עולם הבא", אפילו אין אזא עכט שלום עליכם'ישער זאך, ווי „א מעשה אָן אן

עק" און דערהויפט אין די פעליעטאָנען פון „אידישן פאָלקסבלאַט".
איך וועל דאָ אָבער ברענגען אַ ציטאַט פון דער דערציילונג „אויפ'ן פּידעלע": „דאַכט זיך, וועמען באַדאַרף עס אָנגיין, למשל, אַז אַ אידיש בחור'ל גייט זיך שבת בייטאָג שפּאַצירן אַביסל ווייטער הינטער דער שטאָט? צי ס'איז טאַקע מער נישטאָ וואָס צו טאָן, נאָר נאָכקוקן, אין זינען האָבן יענעם? וואָס העלפן אָבער די אַלע טענות, אַז עס ליגט שוין אַזוי ביי אונז אין דער נאַטור, ביי אידן, הייסט דאָס, גוט צוקוקן זיך צו יענעם, אכטונג געבן, געפינען חסרונות און געבן עצות. למשל: צוגיין צו אַ ווילד פרעמדן בשעת ער דאַוונט און צורעכט מאַכן אים דעם „של ראש" פון די תפילין; אָדער אָפּשטעלן אים, בשעת ער לויפט און איז פאַר־טראָגן, אַז עס האָט זיך ביי אים ד אַ כ ט ז י ך פאַרקאַטשעט אַ הויז; אָדער אָנווייזן יענעם מיט'ן פינגער, ער זאָל נישט וויסן, וואָס איר מיינט: צי די נאָז, צי די באָרד, צי וועלכע גוטע יאָר? אָדער צונעמען ביי יענעם פון די הענט, בשעת יענער מוטשעט זיך און וויל עפּעס עפענען און זאָגן אים: איר קאָנט נישט, לאָזט מיך; אָדער אָפּשטעלן זיך בשעת יענער בויט אַ שטוב און אויס־זעצן אים אַ חסרון, אַז די סטעליע איז, דאַכט זיך, צו הויך, די חדרים צו גראָם און די פענסטער אומגעלומפּערט ברייט, כאָטש נעם צעוואַרף די שטוב און שטעל זיך בויען גאָר איבער אַ נייס!...
אָט אַזוי, הערט איר, איז שוין ביי אונז איינגעפירט פון קדמונים, פון ששת ימי בראשית"..

איך האָב געבראַכט אָט די לאַנגע ציטאַטן נישט נאָר, ווייל מיר האָבן אין איר אַ פיין שטיקל מענדעלע מוכר ספרים, נאָר אויך דערפאַר, ווייל זי לאָזט זיך אויס מיט אַ שורה, וועלכע ווייזט אונז צו גלייכער צייט, אַז די ענלאַכקייט צווישן דיביידע פאָלקס־שרייבער איז דאָך מער נישט ווי אַן אויסערלאַכע: „מיר וועלן מיט אייך", לאָזט אויס שלום עליכם דעם אָקאָרשט געבראַכטן שטיקל מוסר: „מיר וועלן מיט אייך די וועלט נישט איבערמאַכן, מיר זיינען דאָס גאָר נישט מחויב"... ער זאָגט עס איראָניש, אָבער איר גלויבט אים מיט'ן גאַנצן הארצן, אַז ער איז עס טאַקע נישט מחויב און אַז עס איז גאָר נישט זיין זאַך א י ב ע ר צ ו מ אַ כ ן ד י ו ו ע ל ט, — אין דער צייט, וואָס ביי מענדעלע'ן, ווען ער

איז מוסיף צו אַזוינע שטיקלאָך מוסר זיין — „נישט דאָס בין איך אויסן", זייט איר, פאַרקערט, זיכער, אַז ער איז עס זייער און זייער אויסן...

ח. מענדעלע'ס סאַטירע און שלום עליכם'ס הומאָר.

און אָט דאָס איז דער ערשטער און גרעסטער אונטערשייד צווישן די ביידע שרייבער:

מענדעלע וויל „איבערמאַכן די וועלט", שלום עליכם — נישט. מענדעלע איז אַן אַקטיווער, אַ מאַסקולינער טיפ. שלום עליכם איז, פאַרקערט, אַ פּאַסיווער, אַ פעמינינער כאַראַקטער. דער־הויפּט אין די ערשטע ווערק זיינע (זע פריער קאַפּיטל ד').

אין די מינוטן, ווען ער איז נאָר קינסטלער, ווי צום בייש־פּיל, אין „קצור מסעות בנימין השלישי" האָט אויך מענדעלע אין עצם ליב זיך אונטערצוגעבן דער ריין עסטעטישער עמאָציע (און אין איר איז שטענדיג פאַראַן עפּעס אַ רואיקייט, אַ פּאַסיוויטעט). נאָר דאָס איז די מעשה, וואָס צוליב פאַרשיידענע אורזאַכן, איז מענדעלע נישט נאָר קינסטלער; עס וואַכט אין אים זיין צווייט איך, זיין אומרואיג, קעמפעריש, פּובליציסטיש איך. דער קעמפער און דער פּובליציסט אין אים איז אַזוי שטאַרק, אַז ער צווינגט דעם קינסטלער מענדעלע זיך איבערצוגעבן אין זיינע הענט, זיך באַהעפטן מיט אים און ווערן מיט אים איינס, און אָט דאַן ווערן עס באַשאַפן יענע אייגנאַרטיגע בילדער, וואָס שלום־עליכם זאָגט אויף זיי אין זיין הקדמה צו „סטעמפּעניו", אַז „זיי האָבן אין זיך צוויי געשטאַלטן, אַ רעכטע זייט מיט אַ לינקע זייט, אַן אויבערצייג מיט אַן אונטערשלאַג"; דאַן אַנטפּלעקט זיך עס פאַר אונז יענעם דאָפּעלט און דאָך גאַנץ געזיכט, וואו פון דעם רואיגן קוק פון'ם קינסטלער לייכט אַרויס די אומרו פון'ם מוסר־זאָגער, וואו דער זיסער שמייכל פון'ם הומאָריסט באַהעפט זיך מיט דעם ביטערן — פון'ם סאַטיריקער...

ביי שלום עליכם'ן זיינען אויך פאַראַן נישט ווייניג סאַטי־רישע און פּובליציסטישע שטעלן. נאָר אין דער צייט, ווען מענ־דעלע איז מיט זיין סאַטירע און פּובליציסטיק, אַזוי צונויפגעוואַקסן,

אז איר קאָנט אים גאָרנישט אָפּטיילן פון זיי, איז, פאַרקערט פאַר־שטעלן זיך שלום עליכם'ען אין דער געשטאַלט פון אַ מוסר־זאָגער און אַן עצות־געבער — זייער אַ שווערע זאַך: שלום עליכם איז אַ הומאָריסט, און נאָר אַ תּומאָ־ריסט. דער הומאָריסט זאָגט אַזוי ווי צום סאַטיריקער:

לאַך ניט אויס די מענטשן,
שאַף ניט קיין פאַרדראָס;
אויך דיך קאָן מען מעסטן
מיט דער זעלבער מאָס.

ווען עס שטייגט דיין שכל,
זעסט פון אַלץ דעם ווערט, —
לויכט זיי מיט אַ שמייכל,
ווי די זון — דער ערד.

(אברהם רייזען).

שלום עליכם האָט אַליין געפילט, אַז זיין כח דאָס איז זיין זוניגער שמייכל. ער האָט עס געפילט אפילו דאַן, ווען ער איז, אַ דאַנק מענעדעלע'ס ווירקונג און אַנדערע אורזאַכן, געווען נאָך פּאַקטיש נעענטער צו סאַטירע, ווי צו הומאָר. ער האָט אין אַ בריוו צו י. ח. ראַבניצקי, אין יאָר 1886, געשריבן: „. . . זעט איר, שפּעטן, אויסלאַכן, חוזק מאַכן, אריינקריכן יענעם אין די גרגירות און פּונדעסטוועגן צושטעלן דעם לעזער פאַרגעניגן, אַז ער זאָל מיך פאַר מיין חוזק מאַכן אויך ליב האָבן — זעט איר, אָט דערויף בין איך, אַ מזיק, אַ כוואַט, וויפיל איר ווילט" (זאמלבוך צום אָנדענק פון שלום עליכם, פּעטראָגראַד, 1918, ז. 45). ער האָט געשפּירט, אַז דער לעזער איז ניט שטאַרק נתפּעל געוואָרן פון זיין „חוזק מאַכן". דער לעזער האָט שוין דאַן געזען אויף זיינע ליפּן דעם שטילן שמייכל פון אַ הומאָריסט, ניט דעם צאָרנדיגן שוים פון דעם שטראָפער. און אין עטלאַכע יאָר אַרום, אין אַ בריוו צו ש. דובנאָוו'ן, דאַטירט דעם 19טען מאַי, 1889, האָט ער שוין אַליין געשריבן, אַז „ביי אונזער איצטיגער לאַגע" האָט ער „נישט קיין מוט צו מאַכן חוזק, בפרט נאָך, אַז אין דעם

לעבן, וואס איך באשרייב, געפין איך און גראָב אויף פערל, ווי פערעלע (פון „יאַסעלע סאָלאָוויי") אָדער רחל'ע אין „סטעמפעניו". (זע „יעוורייסקאיא סטארינא", 2, 3, 1916, ז. 249.) אָבער אפילו דאן, ווען ער האָט אויפגעדעקט וואונדן פון לעבן, ניט קיין פערל, איז ער ניט געווען בטבע אויפגעבראכט, צאָרנדיג, נביאיש. און דער מאלער, וואָס וועט אונז וועלן ווייזן אין א פאָרטרעט דעם עצם, דעם תמצית פון שלום עליכם'ס אִ י ך, וועט אונז ווייזן זיין שמייכל, יענעם שמייכל, וואָס איז נישטאָ אויף די ליפּן, נאָר דערפאר, ווייל ער איז צעגאָסן איבער'ן גאנצן ווען, ווייל ער איז אליין דאָס גאנצע וועזן...

שמשון הגבור'ס קראפט איז געווען באהאלטן אין די לאָקן; אויך שרייבער זיינען פאראן, וואָס זייער גאנצע גבורה ליגט אין איין פונקט. צו דעם מין שרייבער געהערט שלום עליכם. זיין הויפּט קראפט איז — זיין הומאָריסטישער קוק אויפ'ן לעבן. און אָט דער הומאָריסטישער קוק אויפ'ן לעבן איז פארבונדן מיט דער פריער שוין דערמאָנטער פאסיוויטעט. פאסיוויטעט מיינט — זיך אונטערגעבן דעם לעבן: דאָס איז א וואכעדיגע, א טרויעריגע פאסיוויטעט; פאראן אבער א העכערע, א ליכטיגערע, א יום־טוב'דיגערע, — אזא, וואס נעמט זיך ניט פונ'ם אונטערגעבן זיך, נאָר פארקערט, פונ'ם שטיין העכער פאר'ן לעבן: דאָס איז די ה ו מ אָ ר י ס ט י ש ע   פ אַ ס י ו ו י ט ע ט.

דער הומאָריסט איז נישט צופרידן מיט דער וועלט, אָבער זיין אומצופרידנקייט, — וויים ער, — איז אויך נישט מער ווי א טייל פון דער וועלט, מיט וועלכער ער איז נישט צופרידן... דער הומאָריסט איז א קינד פון פעסימיזם, אָבער ער איז א ליב שמייכלענדיג קינד און ער גלעט אוים די קנייטשן אויפ'ן כמורן געזיכט פון זיין פאָטער. ער זאָגט צו אים: „דו נעמסט די וועלט צו ערנסט, דו האלטסט פון איר און פאָדערסט פון איר מער, וויפיל זי האָט; קוק אויף אָט די אלע קלייניקייטן פון ווייטן (פון א געהעריגער ווייטקייט זעט אלץ אוים קליין), וועסטו זען, אז ס'איז פאראן מער פון וואָס צו לאכן, איידער וויינען... דו ביזט גערעכט, וואָס זי געפעלט דיר נישט, די וועלט; אָבער פאראן א זאך, וואָס איז גערעכטער פון גערעכטיקייט: דאָס איז דערבאַ־

רעמדיקייט... דו ביזט פעסימיסט, ווייל... דו ביזט צופיל אָפּטי־מיסט. דו מיינסט, די וועלט פאַרינט, מען זאָל זי שטראָפן; זי פאַרדינט נישט מער ווי פאַרגעבונג...״

אזוי לאָזט אויס דער קאָנזעקווענטער און דערפאַר פריילאַכער פעסימיסט, דער, וואָס רופט זיך אַ הומאָריסט, און ער לאַכט, וואָס ער האָט זיך באַנאַרישט און געוואָלט אויף אימיצן ווירקן, אימיצן קליגער מאַכן. ער לאַכט — ווייל די אייגענע נאַרישקייטן פאַרגיט ער פונקט אזוי גוט, ווי פרעמדע...

ט. טביה דער מילכיגער.

פאַרגעבונג — יאָ, דאָס איז דער ביטערסטער וואָרצל און צוגלייך אויך די זיסעסטע פרוכט פון יעדן אמת׳ן הומאָר. און אָט דאָס איז דער טייערסטער מענטשלאַכער שטריך אין טביה דעם מילכיגן — טאַקע דאָס, וואָס ער, דער פּראָסטאַק, קאָן אַלץ פאַר־שטיין און פאַרגעבן.

פאַרשטיין און פאַרגעבן איז אַ מידה טובה פון פילאָזאָפן, און אין יעדן עכטן הומאָריסט שטעקט אַ שטיק פילאָזאָף. אויך טביה דער מילכיגער איז אַ פילוסוף, — נאָר מיט׳ן הארצן, נישט מיט׳ן קאָפּ: דאָס איז נאָך בעסער. דער קאָפּ איז ביי טביה׳ן, ווי ביי אַ ישוב׳ניק אַן עם־הארץ, נישט שטאַרק איבערגעשפּיצט, זיין געמיט אָבער פאַרמאָגט די ליכטיגע ריין־פילאָזאָפישע פּיאיגקייט איבערצוקערן יעדע זאַך אויף דער לינ־קער זייט און אויסצוגעפינען דעם שטאַנדפּונקט, פון וועלכן מען קאָן אַלץ פאַרענטפערן.

אָט דערציילט ער, ווי ער פּרובט ריידן מיט זיין טאָכטער, צייטל, וועגן לייזער־וואָלפ׳ן, דעם רייכן אַלמן, וואָס שדכנ׳ט זיך צו איר: „נישט באַשערט, זאָג איך דיר, טאָכטער מיינע, קומען אויפ׳ן גרייטן, ווערן אַ בעל־הבית׳טע אויף אַלדאָס גוטס, און אונז אַ שטיקל נחת דערלעבן, זאָג איך, אויף די עלטערע יאָרן פאַר אונזער האָראָוואַניע, זאָג איך. טאָג ווי נאַכט אין דער טאַטשקע איינ־געשפּאַנט, קיין גוטע מינוט, נאָר דלות, נאָר דחקות, נאָר שלים־שלים־מזל אַרום און אַרום״... אזוי זאָגט ער צו איר וווייך און מיט

הארץ און מיט רחמנות, ווי זיין שטייגער איז, נאָר מען קאָן מיינען, אַז אַט־אַט ווערט ער ברוגז און קומט אַריין אין כעס; דערהערט ער אָבער ווי זי, צייטל, רופט זיך אָפּ מיט אַ געוויין: „איך, טאַטע, איך וועל מיך שטעלן, זאָגט זי, פּאַר אַ דינסט, לייט וועל איך טראָגן, ערד וועל איך גראָבן". דערהערט אַזוינע רייד פון זיין טאָכטער, פאַרשטייט ער אַ י ר הארץ אויך. אַ טיף מענטשלאַכע, טיף פּאַטער־לאַכע מיטלייד פילט זיך אין זיין ווייטערדיגן דערציילן: „וואָס וויינסטו, נאַריש מיידל, זאָג איך צו איר, איך זאָג דיר דען עפּעס, נאַרעלע? צו איך האָב טענות צו דיר? גלאַט, זאָג איך, ס'איז ביטער און פינסטער, רעד איך מיר אויס דאָס הארץ, שמועס מיך אויס מיט אים, מיט'ן רבונו של עולם, ווי אַזוי ער פירט מיט מיר; ער איז, זאָג איך, אַן אב־הרחמן, האָט רחמנות אויף מיר, פּיינט זיך אויס געגן מיר, ר'זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד, זאָג איך, רעכנט זיך, ווי מיט אַ טאַטן, און גיי שריי חי־וקים! נאָר מסתמא, זאָג איך, באַדאַרף אַזוי צו זיין; ער איז אויבן אין דער הויך, זאָג איך, און מיר זיינען דאָ אין דער ערד, טיף, טיף אין דער ערד, מוזן מיר זאָגן, אַז ער איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט, וואָרום, אַז מיר זאָלן וועלן שמועסן טאַקע דאָס אייגענע ווידער צוריק, בין איך דען נישט קיין גרויסער נאַר? וואָס שריי איך? וואָס פּילדער איך? וואָס הייסט, זאָג איך, איך, קליין ווערימל, וואָס פּויזשע ארום דאָ אויף דער ערד, וואָס אַ מינדסט ווינטעלע, אַז גאָט וויל נאָר, מאַכט פון מיר אַ תל עולם אין איין כהרף עין, שטעל איך מיך ארויס מיט מיין נארישן שכל און וויל אים זאָגן דעות, ווי אַזוי צו פירן דאָס וועלטל זיינס? מסתמא, אַז ער הייסט אַזוי, באַדאַרף זיין אַזוי. וואָס העלפט דאָ טענות?" אין אָט דער איידעלער, אָבער טיפער איראָניע פון דעם מ י ל כ י ג ן, וואָס פּלוצלונג האָט זיך צורעדט אין אים דער פ י ל ו ס ו ף, — אין אָט דער איידעלער און דורכנעמענדיגער איראָניע דערקענט מען נישט דעם פרומען, נאָר, פאַרקערט, דעם קלוגן אידן; דערקענט מען נישט דעם ב ע ל־ב ט ח ו ן, נאָר דעם פריילאַכן פּעסימיסט, וואָס ווייס, אַז ווען מען וויל, קאָן מען אויף אַלץ האָבן אַ תירוץ און אַז מען וויל, איז אויף קיין זאַך קיין תירוץ נישטאָ און אַז דעריבער איז גלייכער נישט צו פרעגן קיין קשיות און נישט אַריינצולאָזן זיך אין טענות צום

רבונו של עולם... „וואָס העלפֿט דאָ טענות?" מען דאַרף זען נאָר נישט בלייבן שטעקן, ווי אַ נאַר, אין דעם אייגענעם פּאַרדרוס, נישט נתפּעל ווערן פֿון אים, און דאָס איז מעגלאַך, ווען מען שטעלט אַוועק די אייגענע ליידן און פֿריידן פֿאַר אַ העכערער אינסטאַנץ, ווי די געוויינלאַכע, ווען מען גיט זיך אָפּ אין די הענט פֿונ'ם גורל, נישט ווייל מען געטרויט נישט די אייגענע קרעפֿטן, נאָר ווייל מען שטעלט זיך העכער פֿון זיי... אָט די אומגעריכטע פֿיינקייט און קאָמפּליצירטקייט פֿון פּילן, וואָס מען זעט ביי טביה'ן, וועלכער איז דאָך אין פּלוג אַ איינ־פֿאַכער, פּראָסטער איד, — נעמט זיך דערפֿון, וואָס אַ דאַנק זיין הומאָר קומט ער־ביי די באַגרענעצטקייט פֿון די אוממיטלבאַרע איינ־דריקן, און זיין אונטערגעבן זיך דעם לעבן הערט אויף צו זיין אַ געצוואונגענעס, אַ שקלאַפֿישעס און ווערט אַן אונטערגעבן זיך, וואָס באַפֿרייט דעם מענטשן...

אָט דאָס, פֿונ'ם הומאָר שטאַמענדיגע, באַפֿריידנדיגע „לאָזן גיין מיט דער נאַטור" שאַפֿט יענעם מאַנטל פֿון פֿרידן, גנעדיגקייט און נאָכגעביגקייט, אין וועלכן עס איז איינגעוויקלט טביה'ס פֿאַר־האַלטן זיך צו זיינע ליידן און פֿריידן און וועלכער פֿאַרשפּרייט זיך אויך אויף זיינע באַציאונגען צו אַנדערע מענטשן.

אָט קומט צו אים מאָטל קאַמזויל, אַ שניידער־יונג פֿון אַנאַטעווקע. נאָך אַ לאַנגן שמועס מיט בל־ערליי אָנצוהערענישן, גיט ער אים, דער שניידער־יונג, צו וויסן: „די מעשה פֿון דער געשיכטע איז אַזוי: איך און און אייער טאָכטער ציטל האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט שוין לאַנג, שוין העכער אַ יאָר, אַז מיר זאָלן זיך נעמען". טביה ווערט בייז און אפילו שפּעטער, ווען ער לאָזט זיך שוין איינרעדן, פֿאַרדריסט אים נאָך אַלץ די מעשה און ער קאָן בשום אופן נישט פֿאַרשטיין: וואָס הייסט זיי אַליין האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט? וואָס איז דאָס פֿאַר אַ וועלט געוואָרן? — „נאָר אַז איך האָב אַ קוק געטאָן, זאָגט ער, אויף מיין מאָטלען, ווי ער שטייט זיך אַזוי דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, — ווי אַ זינדיגער מענש, מיינט דאָס גאַנץ ערנסט אָן קיין שום חכמות דערביי צו האָבן, האָב איך מיר מישב געווען: לאָמיר זיך נאָר גוט באַרעכענען

ט א ק י ד אָ ס א י י ג ע נ ע ו ו י ד ע ר צ ו ר י ק, וואָס ברעקל איך מיך דאָ אַזוי און וואָס מאַך איך דאָ אָנשטעלן?" און אַז ער האָט גוט באַרעכנט טאַקע ד אָ ס א י י ג ע נ ע ו ו י ד ע ר צ ו ר י ק, איז אַלץ געוואָרן רעכט. מאָטל קאַמזויל איז געוואָרן „אַ גאַנץ פיין בחורל, אַן אַרבעטס־יונג, קאָן געבן אַ ווייב ברויט און דערצו נאָך אַן ערלאַך יונגל אויך, היינט וואָס האָב איך צו אים? — טביה, זאָג איך צו מיר אַליין, מאַך נישט קיין פוילע תנועות און זאָג באָס, ווי אין פּסוק שטייט: סלחתי כדבריך — לאָז זיין מיט גליק!" אָט אַזוי טייטש טביה פּסוקים און אָט אַזוי קאָן ער די מלאכה פון „באַרעכענען דאָס אייגענע ווידער צוריק".

ער וואָלט געוועזן דער אומגליקלאַכסטער מענטש אין דער וועלט, ווען ער זאָל נישט פאַרמאָגן אָט די פייאיגקייט אַראָפּצוקוקן מיט אַ באַרואיגטן שמייכל אויף זיין אייגענער ביטערער מערכה, ווען אין אים זאָל נישט לעבן די וואונדערלאַכע קראַפט, וואָס שטעלט אַוועק דעם מענטשן העכער פון גליק און אומגליק. ער וואָלט געוועזן אַן א י ו ב, וואָס פאַרשעלט דעם טאָג פון זיין געבוירן ווערן, ווען ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען צו פאַרבינדן, אַזוי ווי קהלת, דעם אומע־טיגן „הבל הבלים" מיט דעם לעצטן, מער קלוגן, ווי פרומען פּסוק: „האָב מורא פאַר גאָט און היט אָפּ זיין געבאָט"...

„ווי אַזוי גאָט פירט איז גוט", — מיט אָט דעם פרומען טאָן פון „ד' נתן ד' לקח" הויבט אָן טביה צו דערציילן די טרויעריגע געשיכטע מיט זיין טאָכטער חוה, נאָר ער פ אַ ר ט י פ ט גלייך דעם נאַאיוון טייטש־חומש־טאָן און זאָגט: — „דאָס הייסט, עס באַדאַרף זיין גוט, וואָרום פּרובט זיין אַ חכם און מאַכט בעסער! אָט האָב איך געוואָלט זיין אַ קלוגער, געדרייט דעם פּסוק אַהער, געדרייט דעם פּסוק אַהין, געזען עס העלפט נישט, האָב איך צו־גענומען די האַנט פונם האַרצן און האָב געזאָגט צו זיך אַליין: טביה, ביזט אַ נאַר! דו וועסט די וועלט נישט איבערמאַכן, דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן צער גדול בנים, איז דער טייטש: פון קינדער האָט מען צרות און מען מוז דאָס אָננעמען פאַר ליב".

און ס'איז אַ טעות צו מיינען, זאָג איך נאָכאַמאָל, אַז פון טביה'ס מויל רעדט דאָ דער גלות־איד, דער נעבאַך־איד, דער נכנע, דער נחום איש־גמזו, דער באַנצע שוויג; ניין, אין טביה'ן (ווי עס

האָט ריכטיג באַמערקט ח. ד. הורוויץ אין זיין אַרטיקל „סאָציאַל־עקאָנאָמישע טיפּן אין דער אידישער ליטעראַטור"), אין טביה'ן זיינען נישט אָפּגעטעמפּט, נישט אָפּגעשוואַכט די געזונטע מענש־לאַכע חושים; ער ווייס, וואָס גוט איז, און ער פילט זייער טיף די ביטערקייט פון לעבן, נאָר אַזוי ווי ער קאָן זי נישט גובר זיין פון דרויסן, וויל ער זי פאַרזיסן פון אינוועניג, פאַרזיסן מיט דער זיסקייט פונ'ם הומאָר, — און נאָר אין אָט דעם אידעלן הומאָ־ריסטיש־סאַרקאַסטישן זין נעמט ער אָן די וועלט „פאַר ליב"; נאָר דאַן ערשט, ווען ער איז זי גובר פון אינוועניג, גיט ער זיך איר אונטער אויסערלאַך... טביה, חזר איך איבער, איז נישט פּראָסט אַ פריילאַכער קבצן, וואָס האָט זיך שוין צוגעוויינט צו די צרות און עס אַרט אים נישט מער. ניין, עס אַרט אים זייער שטאַרק, נאָר ווייל אין אים לעבן פאַרשיידנאַרטיגע געפילן און ער זעט די וועלט, ווי יעדער הומאָריסט, פון פאַרשיידענע זייטן, שטעלט ער זיי איינס געגן דאָס אַנדערע און ווערט אויף דעם אופן אַ האַר איבער זיי...

אָט שטעלט אים אָפּ אויפ'ן וועג חוה, זיין טאָכטער, וואָס איז אַנטלאָפן מיט כוועדקען דעם שרייבער פון דאָרף. זי וויל מיט אים ריידן, מיט טביה'ן, הויבט זיך אָן ביי אים אין האַרצן אַ שרעקלאַכע מלחמה; עס שטרייטן מיט אַנאַנדער דאָס פרום אידישע האַרץ און דאָס האַרץ פון אַ טאַטן. אויף אַ הגע איז גובר דער באַליידיגטער שטאָלץ און די עקשנות פונ'ם גאָטספאַרכטיגן אידן, און ער, טביה, טרייבט מיט אַ ווילדער קראַפט און האַסט דאָס פערדל, און אַנט־לויפט פון זיין אייגן פלייש און בלוט, און מיר פילן בשעת מעשה, אַז ער איז „נישט קיין אידינע", ווי עס קאָן זיך אויסדוכטן, נאָר דוקא אַ כאַראַקטער, וואָס, אַז מען דאַרף, קאָן ער זיין שטאַרקער ווי אייזן. אָבער אין אַ רגע אַרום פליט אים דורך אַ געדאַנק: „טביה! דו שטעלסט אויף זיך צופיל! וואָס וועט דיך אַרן, אַז דו וועסט זיך אָפּשטעלן אַ ווײַלע אויסהערן, וואָס וויל זי? אפשר האָט זי דיר צו זאָגן אַזעלכעס, וואָס דו דאַרפסט דאָס וויסן? אפשר, אַ קשיא אויף אַ מעשה, האָט זי חרטה און וויל זיך אומקערן צוריק? אפשר ליגט זי ביי אים אין דער ערד און בעט ביי דיר, דו זאָלסט איר העלפן אַרויס פון גיהנם? אפשר און אפשר

און נאָך אַ סך אַזעלכע אפשר'ס פּליען מיר דורך אין קאָפּ, און זי שטעלט זיך מיר פאָר אַלס אַ קינד און איך דערמאָן מיך אינ'ם כרחם אָב על בנים — נישטאָ קיין שלעכט קינד ביי אַ טאַטן, און איך פּייניג מיך און איך זאָג אויף זיך אַליין, אַז איך בין אָסור לרחם — נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט מיך! וואָס? וואָס קאָכסטו דו, דו משוגע'נער עקשן? וואָס טאַראַבאַנעסטו דו? נעם, דו אַכזר איינער, פאַרקערעווע דאָס ווענגעלע צוריק און בעט זיך מיט איר איבער. זי איז דיין קינד, נישט קיינעמס!" אַט אַזוי אַמפּערט זיך טביה מיט זיך אַליין, אַט אַזוי שוועבט ער אום צווישן זיינע געפילן, טיף באַרירט, אָבער נישט אינגאַנצן באַהערשט פון זיי, — נישט קיין זיגער, אָבער אויך נישט באַזיגט... זיין שמייכל פאַר־קנייטשט זיך אין אַ טיפן קנייטש פון טראַגיזם, ווערט אָבער צוגלייך באַלויכטן מיט'ן ווייכן, רואיגן, עלעגישן שימער פונ'ם גאָט־גע־בענטשטן הומאָר...

עס טרעפן אים אומגליקן אויף אומגליקן און מיר האַלטן זיך איין און באַליידיגן אים נישט מיט אונזער קליינעם רחמנות־געפיל, ווייל מיר זעען, אַז די צרות דערשלאָגן אים נישט, דערנידעריגן אים נישט, נאָר, פאַרקערט, זיי מאַכן אים נאָך טיפער און מענשלאַכער...

יע, אין טביה דעם מילכיגן האָט שלום־עליכם גע־וויזן אונז די טיפענייש פונ'ם הומאָריסטישן טיפּ מענשן. ער האָט פאַר אונז אין די אויגן אויסגעקערט דעם הומאָר אויף דער לינקער זייט, און מיר האָבן דערזען, וואָס טוט זיך דאָרט אונטן, אונטער די פּסוקים מיט די ווערטלאַך, מיט די המצאות. בכלל איז טביה דער מילכיגער דאָס ווערק, וואו מיר האָבן דעם טיפערן שלום עליכם'ען.

מען האָט אין טביה'ן געוואָלט זען דעם פאָרשטייער פון דער אַלט־פרענקישער קליינשטעטלדיגער אידישער מאַסע, מען האָט אין אים געוואָלט זען נאָר דעם אידן; מיר דוכט אָבער, אַז דוקא אין דער שילדערונג פון אָט דעם איינפאַכן תמ'עוואַטן וואָלינער ישוב'ניק, האָט שלום־עליכם זיך אויפגעהויבן איבער דאָס ספּעציפיש אידישע. געווים האָט טביה אַלע גענג און פּאַסטעמקעס פון אַ טיפּישן אידן, געווים איז אין זיין הומאָר פאַראַן אַ שטאַרקע

אַנצוהערעניש אויף דאָס טיפּיש אידישע לאַכן מיט קרעכ־מענעס, דאָך אָבער האָט ער אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס איז נישט אין ערך רייכער און פרישער ווי די קאַלטע, בייזע, פאַרביסענע אידישע איראָניע, און דער גאַנצער מענטש אין אים איז מיט צען קעפּ העכער פון דעם געוויינלאַכן פּראָסטן קליינשטעטלדיגן אידן...

ווען מען אפשר זען דערין אַ אידעאַליזאַציע פון טביה׳ן. אָבער אָט די אידעאַליזאַציע איז נישט מער ווי אַ ווייטער־שפּינען דעם פאָדעם, וואָס דער דיכטער האָט אונז אַליין אין האַנט געגעבן. שלום־עליכם האָט אַליין טביה׳ן אידעאַליזירט. ער פאַר־האַלט זיך צו אים אַנדערש, ווי צו די איבעריגע כתרילעווקער. די אידן און אידינעס פון כתרילעווקע זיינען ביי אים אַלע כמעט קאָמיש; טביה איז הומאָריסטיש (דער חילוק צווישן די ביידע זאַכן איז קלאָר: דער קאָמישער פּאַרשוין איז אַן אָב־יעקט צום לאַכן; דער הומאָריסטישער — לאַכט אַליין). צו אַנדערע זיינע פּאַרשוינען, אַ חוץ צו די העראָאישע, ווי סטעמפּעניו, ראַפּאַלעסקאָ א. ד. ג., לאָזט זיך שלום־עליכם אַראָפּ, ווען ער שילדערט זיי; טביה׳ן האָט ער אויפגעהויבן צו זיך: ער האָט אים געשענקט די שענסטע פון די פייאיגקייטן, וואָס ער אַליין פאַרמאָגט, — די פייאיגקייט צו לאַכן.

דאָס איינפאַכע לאַכן אין „טביה דעם מילכיגן" איז אפשר נישט אַזוי ריין, נישט אַזוי שטאַרק, נישט אַזוי נאַאיוו, ווי אומעטום ביי שלום עליכם׳ען, דערפאַר אָבער איז דאָ דאָס גייסטיגע לאַכן, דער הומאָר, — פון טיפסטן און איידלסטן סאָרט; דער הומאָר איז דאָ, ווי מיר האָבן געזען, אַזויווי אַ פרישע, אַ קלאָרע, אַ דורכזיכטיגע לופט, אַזויווי אַ צווייטע אַטמאָספערע, וואָס רינגלט אַרום טביה׳ן און נעמט אָפּ ביי זיין לעבנס־לאַסט דאָס גע־וויכט, די שווערקייט.

איינאייינעם מיט׳ן הומאָר האָט שלום־עליכם זיין געליבטן העלד נאָך באַשענקט מיט אַ אומגעוויינלאַכער ביינעוודיגקייט פון׳ם גייסט, אַ זעלטענער ווייכקייט און צאַרטקייט פון׳ם געמיט; ער האָט אים, קורץ, אָפּגעגעבן דאָס בעסטע פון זיך אַליין...

איך האָב אָנגערופן טביה דעם מילכיגן דער געליבטער

העלד שלום־עליכם׳ס. איך האָב אים געמעגט אָנרופֿן דער געליבטסטער העלד. אונזער דיכטער האָט אודאי נישט פֿיינט אויך די באַרימטע העלדן פֿון זיינע ראָמאַנען, ווי אַ שטייגער אַ סטעמפּעניו, אַ יאָסעלע סאָלאָוויי, אַ ראַפֿאַלעסקאָ פֿון די „בלאָנדזשענדע שטערן", דאָך איז זיין ליבע צו די לעצטע פֿון אַן אַנדער מין. דאָס איז אַ „העראָאישע" ליבע, אין דער צייט, ווען טביה׳ן האָט ער ליב, אַזוי צו זאָגן, מענשלאַך...

די דערמאָנטע און אַנדערע פּאָעטיזירטע העלדן פֿון שלום־עליכם׳ס ראָמאַנען שטייען שוין דערפֿאַר גופֿא העכער פֿון אַלע ארומיגע, וואָס זיי זיינען ראָמאַן־העלדן; זיי זיינען, קאָן מען זאָגן, העראָיען „לויט זייער פּראָפֿעסיע". דערצו זיינען זיי אַלע טאקע נישט קיין געוויינלאַכע בשר־ודם׳ס, גאָט האָט זיי געבענשט מיט אַזעלכע מעלות, מיט אַזעלכע טאַלאַנטן, וואָס קיין פּראָסטער מענטש האָט עס נישט: איינער איז אַ וואונדערלאַכער פֿידל־שפּילער, דער אַנדערער — אַ באַרימטער זינגער, דער דריטער — אַ געניאַלער שוישפּילער. טביה אָבער איז זיך אַ איד פֿון אַ גאַנץ יאָר, אַ געוויינלאַכער האָלץ־פֿירער, אַ מילך־פּאַרקויפֿער, אַ פּראָסטער ישוב־ניק. טביה איז אונטער שלום עליכם׳ס פּען ערשט געוואָרן טביה. ווען די העלדן פֿון שלום־עליכם׳ס ראָמאַנען לאָזן זיך אַוועק אין ווייטע דרכים, שוועבן אין הויכע עולמות און „ריידן מיט פּאָעזיע" — איז עס קיין חדוש נישט; טביה דעם מילכיגן אָבער האָט דער דיכטער געמוזט אויסלערנען צו רעדן און צו טראַכטן אָט דאָס, וואָס ער רעדט און טראַכט, ווען ער גייט אַוועק פֿון די גביר׳ישע קונדן זיינע און בלייבט אַליין מיט דער נאַטור, אַליין מיט זיך... טביה דעם מילכיגן האָט דער דיכטער, ווי געזאָגט, פּאַרטרויט זיין אייגענע ראָליע, די ראָליע פֿון אַ הומאָריסטישן דערציילער, פֿון אַ מענטשן־קענער, פֿון אַ פּאָר־טרעט־מאַלער, פֿון אַ וויצן־זאָגער, פֿון אַ שפּראַך־מייסטער, — און דעריבער איז דאָס בוך „טביה דער מילכיגער" נישט נאָר דאָס סימפּאַטישסטע און רירענדיגסטע, נאָר אויך דאָס אינטימסטע, דאָס פּערזענלאַכסטע בוך שלום־עליכם׳ס... מיר געפֿינען אַ שטיק טביה׳ן אין שלום עליכם׳ען אַליין, ווען מיר לייענען,

א שטייגער, אין זיינעם א בריוו צו א פריינט (פון יאָר 1911): „איך זאָג אייך, ס'איז אַ מיאוס'ע בייזע וועלט און נאָר אויף צו־להכעיס דאַרף מען ניט וויינען! אויב איר ווילט וויסן, איז דאָס דער אמת'ער קוואַל, די אמת'ע אורזאַכע פון מיין שטענדיגן גוטן לוין, פון מיין, ווי זיי רופן דאָס, „הומאָר". אויף צו להכעיס ניט געוויינט! אויף צו להכעיס נאָר לאַכן, נ אָ ר ל אַ כ ן!" („שלום־עליכם־בוך", ז. 298). איז עס ניט ט ב י ה ' ס אַ ווערטל?

דעם שרייבער פון די דאָזיגע שורות האָט ט ב י ה ד ע ר מ י ל כ י ג ע ר מיט זיינע מעשיות אַזוי גערירט, אַז אים וואָלט זיך וועלן נאָך ריידן און ריידן וועגן אים, און אין דער אמת'ן איז טאַקע וועגן אים און זיין משפחה און די פּאַרשוינען, מיט וועלכע ער באַגעגנט זיך, פאַראַן נאָך אַ סך, אַ סך צו זאָגן (זע ווייטער „דאָס אוניווערסאַלע און דאָס אידישע אין טביה דעם מילכיגן"), נאָר עס איז צייט איבערצוגיין צום צווייטן געליבטן העלד פון אונזער דיכטער: ד אָ ס ק י נ ד.

י. מאָטל פּייסי דעם חזנ'ס אינגל.

ט ב י ה, האָבן מיר געזאָגט פריער, האָט קיין גלייכן נישט צווישן די פּאַרשוינען שלום־עליכם'ס (ב ע ר ל ד ע ר ר ו י ט ע ר, דער „פריילאַכער קבצן" פון דער פריילאַכער ערציילונג „מיט'ן עטאַפּ", דערמאָנט אַ ביסל אָן ט ב י ה ' ן, ער איז דאָך נישט גלייך צו אים). נאָר דאָס איז אַלץ צווישן די דערוואַקסענע כתרילעווקער; ד י ק י נ ד ע ר פון כתרילעווקע שילדערט שלום־עליכם פונקט מיט אַזאַ ליבע און פּאָעטישער צערטלאַכקייט, ו ו י ט ב י ה ' ן. אַזוווי דאָס ג ר ו י ס ע ק י נ ד — ט ב י ה, זיינען אויך זיי, די קליינע קינדער, קיינמאָל נישט קאָמיש ביי שלום־עליכם'ען.

און איין זאַך קומט נאָך צו ביי די קינדער, וואָס ביי טביה'ן איז נישטאָ:

טביה איז, סוף כל סוף, נישט קיין אַבסאָלוטע אויסנאַם אין דער אידישער ליטעראַטור; זיינע געשיכטן, ווי געלייטערט זיי זאָלן נישט זיין דורכ'ן הומאָר, זיינען זיי פאָרט אומעטיגע, טרויעריגע געשיכטן, און אומעט, טרויער איז די שטימונג פון דער ג אַ נ צ ע ר

אידישער ליטעראַטור ביז שלום־עליכם׳ען, אַ חוץ אַ פּאָר קליינע אויסנאַמען. שוין נישט גערעדט דערפון, וואָס אין ט ב י ה ד ע ם מ י ל כ י ג ן, אַז מען זאָל זיך גוט אַ גריבל טאָן, קאָן מען געפינען אַ פּאָר באַקאַנטע שטריכן פון אונזער אַלטן באַקאַנטן ר ב מ ע נ ־ ד ע ל ע מ ו כ ר ס פ ר י ם. מיט זיינע ק י נ ד ע ר ־דערציילונגען אָבער האָט שלום־עליכם אַריינגעטראָגן אין דער אידישער ליטע־ראַטור גאָר אינגאַנצן אַ נייע לופט. קינדער האָט אויך דער ז י י ד ע ליב, האַרציג ליב, אָבער אין ג ל ו פּ ס ק און אין ק אַ צ אַ נ ס ק זעט ער נישט קיין קינדער, נאָר קליינע אידעלאַך, קינדער אָן קינדהייט: „הערשעלע איז געווען אַ פאַרשייט קינד, אַ לעבעדיגס, אַ רירעוודיגס", אָבער זיין יוגנט, דערציילט אונז מענדעלע ווייטער, זיין יוגנט „איז פאַרגאַנגען געשווינט, אַפּגעבליט גיך, און ער איז קינדווייז נאָך געוואָרן אַ קליין אידל! דערשלאָגן, פאַרטראַכט, מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים און אַלע פּאַסטעמקעס פון אַ גרויסן באַ־ווייבטן אידן. עס האָט אים נאָר געפעלט אַ בערדיל". און נישט נאָר מענדעלע. אויך פּ ר ץ זעט נאָר די „בלאַסע, גרינע, געלע און איינגעריכטע פּנימ׳לאַך" („ל״ג־בעומר") פון די אידישע קינדער. אפילו שלום־עליכם האָט געוועסט געפּרובט מאַכן אַ רייד אין „יאָסעלע סאָלאָוויי" וועגן „די אידישע אינגלאַך, וואָס וואַקסן אויס און ווערן אַלט פאַר דער צייט, פאַרטיגע אידעלאַך", נאָר דאָס איז געווען נישט מער ווי אַן אָפּצאָל דער טראַדיציע צו קלאָגן זיך אויף דער אידישער מערכה; מיט זיינע אַנדערע ווערק האָט ער אונז געוויזן, אַז ער פאַרהאַלט זיך צו אידישע ק י נ ד ע ר גאָר נישט, ווי צו „פאַרטיגע אידעלאַך". ער האָט אונז געוויזן, אַז ער האָט קיין רחמנות נישט אויף זיי, ווי מענדעלע, נאָר, פאַרקערט, ער שפּירט דעם לעבעדיגן לוסטיגן קוואַל, וואָס שלאָגט אין זייערע הערצער, ער איז גרייט אַליין זיך אָפּצוטונקען און אָפּצופרישן זיך אין אָט דעם חיות׳דיגן קוואַל, אין דעם קינדערשן געלעכטער, אין דער קינדערשער זאָרגלאָזיגקייט; ער זעט אין דעם די איינציגע פרייד, די איינציגע טרייסט פונ׳ם אידישן לעבן.

די קינדער ביי שלום עליכם׳ן זיינען די איינציגע כתרילעווער, וואָס זיינען נ י ש ט ק יי ן כ ת ר י ל ע ו ו ק ע ר, די איינ־ציגע כתרילעווקער, וואָס חכמ׳ענען זיך נישט, וויצלען זיך נישט,

נאָר לאַכן פון גאַנצן האַרצן, שפּילן און פרייען זיך. שלום עליכם לאַכט מיט זיי אינאיינעם און שפּילט זיך מיט זיי און פרייט זיך מיט זיי אינאיינעם: ער איז מער א זייעריגער, ווי אַן אונזעריגער.

„מיט קינדער" — דערציילט דר. מיכל קויפמאַן אין „שלום עליכם בוך" (ז. 183) — „מיט קינדער האָט ער זיך געקאָנט שפּילן ווי אַ קינד. שפּרינגען און קערן וועלטן, ווי א חדר־אינגל. ער האָט צו יעדער צייט געהאַט דעם ריכטיגן שליסל צום קינדערשן האַרצן און פלעגט זיך קאָנען צופּאַסן צו דער קינדערשער שפּראַך"... און ווער ווייס, צי איז עס נישט קיין עולה פון אונז, דערוואַקסענע, וואָס מיר האָבן „צוגענומען" ביי זיי, ביי די קליינווארג זייער שלום עליכם'ן; אפשר האָט ער נישט געדאַרפט שרייבן פאַר אונז, נאָר פאַר זיי:

— „הערט, אידישע קינדער, איך וועל אייך דערציילן א מעשה מיט א מעסערל; נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה, נאָר אן אמת'ע, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט מיר טאַקע אליין..."

— „היינט וועל איך אייך, קינדער, שפּילן אביסל אויפ'ן פידל. נישטאָ, אזוי דאכט זיך מיר, קיין שענערס און קיין בעסערס, ווי אז מען קאָן שפּילן אויפ'ן פידל..."

אָדער:

— „טרעפט, קינדער, וואָסער יום־טוב איז דער בעסטער פון אלע יום־טובים? חנוכה!..."

אָדער:

— „קינדער, איך וועל אייך דערציילן א מעשה מיט א פאָן..."

מען דאַרף באמת האָבן אין זיך אליין עפּעס קינדישס, כדי צו קאָנען זיך אויפפירן מיט קינדער אזוי פּראָסט, אזוי איינפאַך; מען דאַרף אין זיך אליין נאָך פילן דעם אינגל, ווי שלום עליכם האָט אים געפילט, כדי איינצוזען דעם טיפן אונטערשייד צווישן דעם לעצטן און דעם דערוואַקסענעם אידן, וואָס האָט שוין גענומען אויף זיך דעם יאָך פון גלות, דעם יאָך פון תורה, מצוות, צער גדול בנים און דאגת הפּרנסה; מען דאַרף נאָך אליין אין זיך

פילן דעם אינגל, כדי צו קאָנען אים אוועקשטעלן ווי א קאָנט־ראַסט, ווי א פּראָטעסט נעגן דעם דערוואקסענעם גלות־אידן...

— „וואָס דרייסטו זיך, ווי א דייטש אויפ'ן קאָרעק? — מאַכט צו מיר דער טאטע, בשעת מיר גייען אלע אינאיינעם צום זיידן רב מאיר צו דער סעודה, און איך דערזע פון דערווייטן די כאַליאַסטרע (די פּורים־שפּילער).

— „ביזט שוין, קיין עין הרע, א היבש אינגל, קאָנסט גיין א ביסל גיכער, — זאָגט די מאַמע, — אים ירצה השם שבת הגדול ווערסטו אכט יאָר, ביז הונדערט און צוואנציג.

— „גיי, גיי! — מאַכט צו מיר דער רבי רב איצי, מיין מלאך המות, און דערלאַנגט מיר א שטורך פון הינטן."

אָט אזוי מושטירט דער אלט־פרענקישער איד זיין אכט־יאָריג קינד און וויל אים „מאַכן פאר א מענטשן", פאר א קליין אידעלע. אָבער דאָס קליינע אידעלע איז נישט צופרידן דערמיט. ער לאָזט אראָפּ, ווי ער זאָגט, די אויגן אין דער בלאָטע און גייט גלייך מיט אלע, פארטיפט אין אומעטיגע מחשבות, טרויעריגע געדאנקען: „תמיד מיט אלע גרויסע! שטענדיג מיט'ן רבי'ן! ... אין דערפרי און ביינאַכט און שבת און יום־טוב!... רב איצי'ס רויטע נאָז מיט טאַבאַקע, איינגעזונקען זאָל זי ווערן!" מען לאָזט אים נישט גיין צו דער „כאַליאַסטרע, צו קעניג אחשורש, ד. ה. צו קאָפּל דעם שניידער מיט דער גאָלדענער קרוין". און דער נסיון איז צו־גרויס. זיין קינדיש הארץ, וואָס איז געוואוינט זיך נאָכצוגעבן, האַלט עס נישט אויס, און ער גנב'עט זיך סוף כל סוף ארויס פון זיידנס שטוב און גייט אוועק מיט די שפּילער. ער מאַכט פּשוט א מרידה קעגן דעם שטרענגען און לאנגווייליגן רעזשים פון די דער־וואקסענע.

און דאָס איז נישט די איינציגע מרידה.

— „לאָז ער מיר מוחל זיין, דער טאַטע מיינער אויף יענער וועלט (דערציילט נאָך א אינגל שלום עליכם'ס), איך האָב אים נישט געקאָנט פארשטיין, וואָס איז ער געווען פאר א מענטש, וואָס וועדליג די מאַמע דערציילט זיך אָן פון אים, פלעגט ער כסדר אָדער לערנען אָדער דאַוונען. שוין־זשע האָט אים קיינמאָל נישט

געצויגן, ווי מיך, אין דרויסן ארויס זומער אין דערפרי, בשעת די זון ברענט נאָך נישט אזוי שטאַרק, הויבט ערשט אָן ארויסטרעטן אויפ׳ן גרויסן הימל און אז. וו.? וואָס פאַר א טעם, פרעג איך אייך, האָט אין אזא געטלאַכן פרימאָרגן דאָס וואָכעדיגע דאווענען? וואָס פאַר א טעם האָט נאָך דעם דאָס זיצן און לערנען אינ׳ם ענגען וויסטן חדר און אז. וו. און אז. וו.״ דער זון פילט נישט דעם טעם וואָס דער טאַטע האָט אין לערנען און אין דאווענען. דאָס קינד לעבט גאָר אין אן אנדער וועלט, אין א וועלט, וואו ס׳איז נישטאָ קיין ענגשאַפט און קיין אומעט, קיין גלות און קיין יאָך פון גלות, קיין איד און קיין גוי. ווען חדר־אינגלאַך פירן מלחמה מיט שקצים („ל״ג בעומר״), איז עס נאָר, ווייל זיי, „די שקצים״, זיינען „פלשתים״, דארפן די „בני ישראל״ מיט זיי מלחמה האלטן. ווי זשע אנדערש? אָבער אָט שפילט זיך פייטל זייער פריינטלאַך מיט פעדקא׳ן, און אז עס קומט פרילינג כאַפּן זיי זיך ביידע ארויס „אויף גאָט׳ס וועלט, וואָס האָט זיך געעפנט פאַר זייביידן גלייך, און ביידע נעמען זיי זיך פאַר די הענט און מע לאָזט זיך לויפן אַהין צום באַרג, וואָס שמייכלט צו זיי ביידן גלייך: קינדער, אהער! און מע שפּרינגט אנטקעגן דער זון, וואָס גריסט זיי ביידן גלייך און רופט זיי ביידן צו זיך: קינדער, אהער! און אז זיי מידן זיך איין לויפנדיג, זעצן זיי זיך ביידע אוועק אויף גאָט׳ס ערד, וואָס ווייס נישט קיין איד, וואָס ווייס נישט קיין גוי — קינדער, צו מיר, צו מיר!״ („פסח אין דאָרף״). זאָלן דאָרט די טאַטעס מיט די מאַמעס מאַכן בלבולים איינע אויף די אנדערע, בלוט־בלבולים; זאָלן זיי מורא האָבן, ציטערן איינע פאַר די אנדערע. וואָס גייט עס אָן זיי, די קינדער? זיי, וואָס האָבן נאָך נישט פאַרזוכט דעם גיפטיגן עפּל פון עץ־הדעת, זיי, וואָס לעבן נאָך ריין און געזונט, ווי אין גן־עדן? וואָס גייט עס זיי אָן?

מיט אונז, דערוואַקסענע, קערט עס זיך יאָ אָן, — זאָלן מיר נישט ווינטשן, ווייניגסטנס, צו האָבן א הארץ, וואָס פילט, און אן אויג, וואָס זעט כאָטש די אומשולד פון די קינדער? שלום עליכם האָט אזא הארץ, אזא אויג.

אָט האָט דער כמורנער משכיל, דער פאַרביסענער ליטוואַק

שאצקעס געמאכט א גאנצע טראגעדיע, רחמנא לצלן, פון דעם אידישן פאר פסח; און ביי שלום עליכם׳ען איז געווארן דערפון די „ערב־פסח׳דיגע עמיגראציע״, איינע פון די פריילאכ־סטע, לוסטיגסטע געשיכטן. פארוואס? ווידער אמאל, ווייל שאצ־קעס דער משכיל, דער אפיקורס האט געקוקט אויף דער וועלט מיט די אומרואיגע, מידע, פאר׳פלפול׳טע, פארהאוועטע אויגן פון די בית־המדרש־און־פריץ־אידן, פון די מארק־ קראם־ און קיך־אידענעס מיט זייערע ברוגז׳ע, פארשמייעטע, פארהארעוועטע צורה׳ס, ער האט געפילט דאס אייגענע, וואס זיי, מער נישט, ער האט זיך פארהאלטן צו דעם קריטישער. שלום עליכם אבער האט לעבן דעם כמורן אידן, דעם טאטן, וואס איז ברוגז אויף דער „עמיגראציע״ פון אלקער אין קיך און פון קיך אין קעלער און פון קעלער אויפ׳ן בוידעם, און לעבן דער מאמען, דער אידענע, וואס איז שרעקלאך אריינגעטאן אין כשר׳ן און רייניגן לכבוד פסח — דערזען אויך דאס קינד, דעם חדר־אינגל, דעם קונדס, וואס פאר אים איז די ערב־פסח׳דיגע „עמיגראציע״ א גאנצע שמחה, אן אמת׳ער יום־טוב. „מיר דאכט, זאגט ער, איך וואלט א בעלן געווען, זאל זיין אלע וואך ערב פסח און מען זאל אלע וואך דארפן קריכן אויפ׳ן בוידים. ערשטנס, איז דאס קריכן אליין עפעס אויך א שטיקל עסק. א שטייגער, אין מיטן וואך איך זאל מיך אויסציען, וועט מען מיך לאזן קריכן אויפ׳ן בוידעם? און איצט שפאן איך אויף די טרעפ, ווי א מזיק. אונטן, שפאנט מיר נאך דער טאטע און זאגט מיר: „פאוואלינקע, פאמעליכן״. וואס מיר פאוואלינקע, וואס מיר פאמעליכן? איך פיל, אז ביי מיר זיינען אויסגעוואקסן פליגלען, איך פלי, איך פלי!״ און אין א מינוט ארום, אז עס טרעפט זיך א סבה און ער טוט זיך נעבאך א לאז צו דער טיר פונ׳ם בוידעם און... „טראך־טאראראם מיט׳ן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף איבער אלע טרעפ״ — איז אויך אן בייז! „ווי איר זעט, דערציילט ער, בין איך געבליבן געזונט און שטארק. הלואי ווייטער נישט ערגער, בלתי נאר (לאזט ער אויס אויף טביה׳ס — שלום עליכם׳ס שטייגער —) דער איינער שראם, וואס ביי מיר אויפ׳ן פנים און וואס דער אטעם איז מיר געווארן פון דעמאלט אן קירצלאך און וואס אז איך רייד פונטל איך מיט די

אויגן עד היום הזה"... און אייך לאכט זיך פונדעסטוועגן, אז איר לייענט עס, הגם עס איז גאנץ טרויעריג. איהר פילט, אז דער איד, וואָס דערציילט עס, ווען ער וואָלט געווען נאָך איצט א קינד, וואָלט ער ווידער געקראָכן אויפ'ן בוידעם און ווידער געוואונדערט זיך אויפ'ן טאַטן, וואָס ביי אים איז עס אַן אָפּקומעניש. קינדער גייען אזוי גיך און אזוי גרינג איבער פון געוויין צו געלעכטער!

און וואָס פאר א טייער געשאנק דער אידישער ליטעראטור און דעם אידישן לעזער איז אָט דער קינדערשער געלעכטער!

אידן מיט בערד, ווען זיי לאכן אמאָל, איז עס א לאכן מיט קרעמענעס. אפילו טביה דער הומאָריסט קאָן נאָר שמייכלען, ווייך און הארציג, אבער נישט לאכן ברייט און פריי און הויך אויפ'ן קול, נישט לאכן, אזוי ווי די קינדער לאכן ביי שלום-עליכם'ן — מיט'ן גאנצן כח, מיט'ן גאנצן הארצן!

וואָס פאר א ליבע מתנה איז עס פאר אונז, קלאָגמוטערס, אָט דער קינדישער געלעכטער.

י. ד. בערקאָוויטש דערציילט אין „שלום עליכם בוך", אז איינמאָל, אין ווארשע, איז א אידישער לעזער צוגעגאנגען צו שלום עליכם'ן, אים א קוש געטאָן אין האנט און געזאגט: „איר זייט דאָך אונזער טרייסט, איר פארזיסט דאָך אונז די ביטערקייט פונ'ם גלות" אָט דער לעזער איז גערעכט געווען. שלום עליכם פארזיסט אונז די ביטערקייט פונ'ם גלות, ער נעמט אראָפּ פון אונזערע פּלייצעס די משא פון לעבן, ער מאכט אונז קינדיש מיט זיין קינדערשן געלעכטער.

און ס'איז נישט קיין צופאל, וואָס גראד ער האָט אונז גע־שענקט אָט די הארציגע מתנה — די קינדישקייט. דער הומאָריסט און דאָס קינד — ביידע האָבן איין גרויסע מעלה בשותפות: דאָס איז די זארגלאָזיקייט. דאָס קינד ווייס נישט פון לעבנס זאָרגן, דער הומאָריסט ה א ל ט נ י ש ט פון זיי. דערפאַר פאַר־שטייען זיי איינס דאָס אַנדערע אזוי גוט, דערפאַר זיינען אַלע אמת־הומאָריסטישע שרייבער — שרייבער פאַר קינדער...

א חוץ טביה'ן, האָט אונזער דיכטער נאָר איינעם פון זיי־נע וויכטיגערע פאַרשוינען באַשאַנקען מיט א הומאָריסטישן קוק אויפ'ן לעבן, און דער דאָזיגער איינער איז — מאָטל,

פייסי דעם חזנ׳ס א י נ ג ל . אינ׳ם ליבן בוך , וואס טראגט דעם דאזינן נאמען מיט דעם אונטער־קעפל „כתבים פון א אינגל א יתום״, — אינ׳ם דאזיגן בוך זיינען, ווי תמיד ביי שלום־עליכם׳ן, אלע פארשווינען קאמיש אדער טראגי־קאמיש, און נאר איינער איז הומאריסטיש, נאר איינער קוקט אויף זיי אלעמען אראפ פון עפעס א הויכקייט, מיט עפעס א איידעלען שמייכל, וואס איר ווייסט נישט, צי לייכט פון אים ארויס איינפאכע קינדישע אומשולד אדער א טיפער, נאר געלייטערטער שמערץ ; נאר איינער שיידט זיך אפ פון אלעמען און שטייט אזוי ווי אן א זייט פון זייערע ליידן און פריידן : — דאס איז מאטל ! אויף מאטלען קוקן מיר אנדערש ווי אויף אלע איבעריגע כתרילעווקער, וואס זייערע פיינען און יסורים זיינען באשריבן דא אין די „כתבים״. אויף זיי האבן מיר רחמנות, אבער נישט מער ווי רחמנות ; אויף מאטלען, כאטש ער שטייט אויס נישט ווינציגער, אויב נישט מער נאך צרות פון אלע איבעריגע, — אויף מאטלען האבן מיר קיין רחמנות נישט : מיר ל י ב ן אים ! ער נויטיגט זיך נישט אין אונזער הילף. מיט זיין שמייכל, פול מיט ליכט און טרייסט, קאן ער אונז אפשר אליין פון אונזער נויט ארויסהעלפן. אין אים לעבט די קראפט, וואס מיט איר כשוף קאן דער מענטש זיך אליין ארויסציען פון זומפ, די געבענשטע קראפט, וואס ווען זי איז נישט קיין מתנה פון גאט, איז זי פאראן נאר אדער ביי די, וואס זיינען שוין זייער געניט אין לעבן, אדער ביי די, וואס זיינען נאך גאר־נישט געניט : — דאס איז די קראפט פונ׳ם הומאר, פונ׳ם געטליך רואיגן הומאר, די קראפט, וואס נאר א דאנק איר קאן אונז מאטל דערציילן אט די אלע אומענדלאכע, אומבאשרייבלאכע וואגלענישן און קלעמענישן און מאטערנישן — אינ׳ם טאן פון א אידיליע !

אז ער וועט אויסוואקסן, מאטל, וועט ער אויסוואקסן א טביה ; שוין איצט שטעקט אין זיין נאטור א שטיק טביה ; ער איז דערוויל אבער נאך א אינגל, איז זיין נאטירלאכער הומאר נאך נישט אזוי פארוואלקנט, ווי ביי טביה׳ן, וואס איז א טאטע פון קינדער און האט צער גדול בנים. ביי מאטלען איז דער הומאר אומשולדיגער, ריינער, ליכטיגער, ווי ביי זיין נאענטן קרוב טביה : „איך ווייס נישט, זאגט ער, וואס די מאמע באוויינט אזוי די

קינדער, די קינדער זיינען, דאכט זיך, גאנץ פריילאך; אז זייער מאמע הייבט אָן רעדן נאַרישקייטן, צעלאַכן זיי זיך." און אזוי ווי אלע קינדער, קאָן ער אויך ל א כ ן, נישט נאָר ש מ י י כ ל ע ן, ווי טביה — — —

און אז מיר פרעגן זיך: שלום־עליכם אליין — צו וועמען שטייט ער נעענטער, צו ט ב י ה ׳ ן, צי צו מ אָ ט ל דעם ח ז נ ׳ ס אי נ ג ל? — ענטפערן מיר: צ ו ם ל ע צ ט ן. „... און איך האָב געקוועלט, האָט ער מיר געשריבן אמאָל אין א בריוו, וואָס איר האָט געטראָפן, ווי א נביא, אז מיין געליבט קינד איז „מאָטל דעם חזנ׳ס". אמת, ווי די תורה איז אמת". ווארים אויך ער אליין קען זיך נישט צופרידנשטעלן מיט׳ן טראַגישן, מיט׳ן ט ב י ה ׳ ש ן שמייכל, אויך ער אליין האָט ליב צו לאַכן פראָסט און אָן קיין שום כונה׳ס. „לאַכן איז געזונט — דאָקטוירים הייסן לאַכן" — איז דאָס מאָטאָ פון זיינע ווערק. „אלע דריי האָבן געלאַכט, ג ע ש מ אַ ק געלאַכט, ה נ א ה געהאַט פון זייער לאַכן" („דער בלוטיגער שפּאַס") — אָט אזוי לאַכט מען ביי שלום־עליכם׳ען — געשמאַק און מיט הנאה.

ראיא מאַנאַ, דער נביא, וואָס נ אָ מ ב ע ר ג דערציילט פון אים אין זיין אינדישער לעגענדע, — האָט געזען דעם גאָט פ ו ן געלעכטער: האָט ער צוויי פּנים׳ער געהאַט: איינס האָט געלאַכט, דאָס אַנדערע — געטרויערט... אויך ביי שלום־עליכם׳ען איז פאַראַן, ווי מיר האָבן געזען, א טרויעריג פּנים; ס׳איז אָבער פארשטעלט: אָפן איז דאָס דאָזיגע, וואָס לאַכט און מאַכט לאַכן. אין דעם ליגט דער חן, דער כשוף שלום עליכם׳ס. ווארים פ ר י י ל א כ ע געשיכטן, פריילאַך ד ע ר צ י י ל ן קאָנען אויך אַנדערע. אָבער קיינער, א חוץ אים, קאָן נישט נעמען אומעטיגע מעשיות און דערציילן זיי אזוי, אין אזא טאָן, מיט אזוינע ווערטער, אז מיר זאָלן הנאה האָבן, לעקן די פינגער און גאָרנישט טראַכטן שוין וועגן דער עצם זאַך, און גאָרנישט פרעגן קיין קשיות, אזוי ווי עס פרעגט נישט א קינד, ווען מען דערציילט אים א מעשה׳לע: וואָס איז דער שכל, דער תכלית דערפון? אבי ס׳איז שיין! די טרויעריגסטע געשיכטן, וואָס ער דערציילט אונז פון אידישן לעבן (און ער דער־

ציילט אונז דאָך שטענדיק כמעט טרויעריקע געשיכטן) רופן אַרויס נישט קיין זיפץ פון טיפן האַרצן, נאָר אַ שמייכל אויף די ליפּן און אָפט גאָר אַ ברייטן געלעכטער. ער קאָן שטענדיק אַרייננטאָן אין זיין דערציילן עפּעס אַזוינס, וואָס מאַכט דעם שמערץ ווייכער, שטילער, אָדער עפּעס אַזוינס, וואָס פאַרשטעלט אים פון אונז, וואָס מאַכט, מיר זאָלן אים פאַרגעסן. און מיר זאָגן אַ דאַנק שלום־עליכם'ען נישט דערפאַר, וואָס ער וועקט אין אונז געדאַנקען, נאָר, פאַרקערט, דערפאַר וואָס ער פאַרטרייבט אונז די רעיונות, וואָס ער קערט אונז אום אונזער רואיקייט. מיר דאַנקען אים דערפאַר, וואָס ער האָט געמאַכט דאָס קינד פאַר זיין לעזער, און אויך דער־פאַר, וואָס ער האָט זיין לעזער אויסגעלערנט צו ווערן צוריק אַ קינד אויף אַ ווײַלע...

אין די ערשטע קאַפּיטלאַך, רעדנדיק וועגן שלום־עליכם'ס מיען זיך צו זיין אינטערעסאַנט פאַר'ן לעזער, האָבן מיר צו־נויפגעבונדן די דאָזיקע שטרעבונג מיט דער „שמ"ר"־טענדענץ. מיר האָבן געזען, אַז זי האָט געהאַט די מעלה, וואָס זי האָט צוגעצויגן צו דער אידישער ליטעראַטור נייע לעזער. מען מוז אָבער צוגעבן, אַז שלום־עליכם האָט נישט נאָר געשאַפן נייע לעזער, ער האָט איבערגעאַנדערשט אויך דעם אַלטן אידישן לעזער: ער האָט אים איינגעוויינט צו לייענען פון פאַרגעניגן וועגן, צו זוכן (אפשר אומבאַוואוסטערהייט) אין דער ליטעראַטור עסטעטישן גענוס, נישט נאָר מאָראַלישן נוצן.

נישט יעדער, וואָס לייענט פון פאַרגעניגן וועגן, איז אַ מענש מיט אַ עסטעטישן געשמאַק: די שונד־לעזער לייענען דאָך אויך פון פאַרגעניגן וועגן! אָבער אין דער שונד־ליטעראַטור איז נישטאָ קיין מעגלאַכקייט פון אַ העכערן און איידעלערן סאָרט פאַרגעניגן, אַ חוץ דער אָרימער פרייד פון דער אָרימער פאַנטאַזיע. ביי שלום־עליכם'ען איז, אינאיינעם מיט דער „אינטערעסאַנטקייט", דאָ קינסטלערישקייט. און דער לעזער פון זיינע ווערק געניסט ווילנדיק נישט ווילנדיק די שיינקייטן, וואָס זיי פאַר־מאָגן. אגב, דאָס גופא, וואָס ער לאַכט און שמייכלט אינאיינעם מיט'ן דיכטער, דאָס גופא באַפרייט אים, ווי בעל־מחשבות האָט

באמערקט, פון דער וואכעדיגער וועלט, אין וועלכער ער לעבט, פון דער וועלט, וואס איז פול מיט דאגות און תכליתים־זוכעניש; דאס גופא שטעלט אים העכער פון יענעם אידן פון אלטן דור, וואס פרעגט ביי פרץ'ן „אינ'ם פאסט־וואגאן": „וואס טויגן זיי, די מעשיות? וואס פאר א תכלית שטעקט דערינען?"

דער אידישער לעזער, וואס איז געוויינט צו קנייטשן דעם שטערן, האט זיך אויסגעלערנט ביי שלום־עליכם'ען נישט צו זוכן קיין כונה'ס, איז געווארן א ביסעלע הומאריסטישער, — און אט אזוי האט ביסלאכוויין די אידישע ליטעראטור אנגעהויבן אריינצו־דרינגען אין דער אידישער פאמיליע, אין דעם אידישן גאסט־צימער: ביידע, אי די אידישע ליטעראטור, אי דער אידישער לעזער זיינען געווארן פריינטלאכער, געמיטלאכער, ביידע האבן זיך צוגערוקט נעענטער איינס צום אנדערן.

ווי עס איז פריער דערמאנט געווען, האט אויך שלום־עליכם ליב געהאט אמאל אפצורוקן זיך פונ'ם לעזער און א מוסר־טאן אים. באזונדערס אין די ערשטע ווערק זיינע פלעגט ער זיך מתקנא זיין אפט אן דעם אויפקלערונגסטייטל, וואס אנדערע שרייבער אין יענער צייט האבן אין האנט געהאלטן. אבער שוין דעמאלט פלעגט ער זיך פארגינען דעם פארגעניגן זיך אויפצוהויבן מיט זיין שמייכל ניט נאר איבער די פארשוינען, וואס ער האט גע'מוסר'ט, נאר אויך איבער זיך אליין מיט זיין מוסר. שוין דעמאלט פלעגט ער אפט אריינמישן די אייגענע פערזאן אין דעם גאנג פון דער דערציילונג, און קלענער מאכן אויף דעם אופן די דיסטאנץ צווישן זיך און דעם לעזער...

אריינמישן די אייגענע פערזאן אין דער דערציילונג — דאס טוען אלע הומאריסטן און שלום־עליכם אויך בתוכם. נישט דער־פאר ווייל עס פעלט זיי די צניעות, נאר, פארקערט, ווייל די גדלות פעלט זיי, צוליב וועלכער מענשן האבן ליב אפט צו פארדעקן זיך אליין...

עס איז שווער צו זאגן אין צוויי ווערטער, וואס אזוינס ליגט אינ'ם הומאר, נאר וואס ס'איז ניטא אין אים—דאס קאן מען זייער

לייכט אויסדריקן: אין אים איז נישטאָ קיין פּאַטאָס. דער פּאַטאָס מאַכט היים די לופט אַרום, דער הומאָר מאַכט זי קיל און היימיש...

פּאַטעטיש ווערט דער הומאָריסט נאָר דאַן, ווען ער שטייט פאַר אַ קראַפט, וואָס ער האָט זי נאָך נישט „איינגעביסן", נישט ביינעקומען, פאַר אַ קראַפט, צו וועלכער ער האָט נאָך נישט קיין הומאָריסטישע באַציאונג. אַזוי, צום ביישפּיל, קאָן שלום-עליכם נישט שרייבן אָן מליצה און התפּעלות וועגן דער ל י ב ע און איר מוטער — דער נ אַ ט ו ר. פאַר אָט די ביידע קרעפטן האָט ער אַראָפּפאַל, דרך-ארץ, און ער לאָזט אַראָפּ פאַר זיי די אויגן.

פאַר דער נאַטור-קראַפט א י נ ' ם מענטשן, דער ליבע, קריגט איר נאָך ביי אים אָפּט אַן איינפאַך, פּראָסט, נאַאיוו, שמייכלדיק וואָרט; פאַר דער נאַטור אַ ר ו ם אונז — זעלטן. זי איז שטענדיג כמעט „הימליש", געטלאַך". ווערט זי געשילדערט איינפאַך, איז זי לאַנגווייליג.

אין אַ בריוו צו י. ח. ראַווניצקי, אין סוף פון די אַכציגער יאָרן, האָט ער געשריבן אַליין: „איך פיל, אַז איך בין זייער שוואַך, מחילה, אין דעם ענין (פון נאַטור-באַשרייבונגען). (זע „שלום עליכם בוך" ז. 54).

און דאָ האָבן מיר ווידער אַ חילוק צווישן דעם „זיידן" און דעם „אייניקל": דער ערשטער האָט צ ו ו י י „העלדן", וואָס מיט זיי באַשעפטיגט ער זיך תמיד: „די מאַטעריע, וואָס גייט אום איבער דער וועלט מיט דעם נאָמען „איד", — א ו ן ד י נ אַ ט ו ר; זי פאַרנעמט ביי אים דעם אויבן-אָן. שלום עליכם גיט איר אויך אָפּ גרויס כבוד, אָבער מער נישט דערפאַר, ווייל זי איז ביי אים אַ ג אַ ס ט — נישט קיין תושב, ווי ביי מענדעלע'ן, — אַ גאַסט, וואָס מען מ ו ז אים פיין צונעמען און מאַכן אַ מינע, אַז ער איז שטאַרק אָנגעלייגט, אין דער אמת'ן אָבער פילט מען זיך מיט אים גאַרנישט אַזוי היימיש...

היימיש פילט זיך שלום עליכם, ווען ער איז נישט מחויב צו ריידן מיט התפּעלות און מיט התלהבות, ווען ער נעמט זיך נישט אָן צו זאָגן מוסר און צו געבן עצה'ס, ווען ער קאָן שמייכ-לען, לאַכן און זיך שפּילן, — שפּילן זיך מיט'ן לעזער און מיט

זיך אַליין. און דאָס איז דאָן, ווען ער האָט צו טאָן מיט זאַכן און מענטשן, וואָס ווערן אונטער זיין פען הומאָריסטיש אָדער קאָמיש.

יא. מנחם מענדל מיעהופעץ.

ווען די הומאָריסטישע העלדען האָבען מיר שוין גערעדט: זיי זיינען ווייניג. אונז בלייבט זיך אָפּצוגעבן אַ רעכנונג פון די קאָמישע פּערשוינען, וואָס זיינען זייער פיל ביי שלום עליכם'ן.

דער הומאָר איז אין זיינע ווערק, אַזוי ווי אויך אין לעבן, אַ טאַלאַנט פון איינציגע פּערזענלאַכקייטן, דער קאָמיזם אין אָבער אַן ענין, וואָס ליגט נישט אַזוי אין פּערזאָנען, ווי אין זאַכן, אַן ענין, וואָס געהערט צו דער סיטואַציע, צו דער סביבה. איז ער נישט אַזוי פּערזענלאַך, נישט אַזוי אינדיווידועל, ווי דער הומאָר. ער איז אַ מאַסן־זאַך, ליגט אויף אים מער, ווי אויפ'ן הומאָר, די לאָקאַלע פאַרב, די מיליע־פאַרב, און עס איז פאַראַן דעריבער נישט נאָר „נאַציאָנאַלער" קאָמיזם, נאָר אויך קאָמיזם פון איינציגע סאָציאַלע גרופּן, אַפילו פון איינציגע פּראָפעסיעס. שלום עליכם שילדערט אונז אייגנטלאַך נישט אַזוי דעם „נאַציאָנאַלן", ווי דעם פּראָווינציעלן אידישן קאָמיזם, דעם כתרילעווקער קאָמיזם. אָבער אָט דער כתרילעווקער וואַקסט ביי אים אויס און ווערט אַ נאַציאָנאַלער טיפּ. אין זיין ספּעציפיצירונג גייט שלום עליכם אין פלוג נאָך ווייטער פון דעם לאָקאַליזם: ער שטעלט די טראָפּ אויף איין פונקט פון דעם כתרילעווקער חוכא־וטלולא־לעבן — אויף די אידישע פּרנסות פון כתרילעווקע, און נישט אויף די פּרנסות סתם, נאָר אויף יענע גאַנץ באַזונדערע פּרנסות, וואָס „אָנהויבן הויבן זיי זיך אָן (ווי מיר לייענען אין דער פאָררעדע צו דער צווייטער אויפלאַגע פונ'ם „מנחם מענדיל"), דאַכט זיך, גאַנץ נישקשה'דיג, מיט אַזוי פיל בטחון און גלענצנדע האָפנונגען, און אויסלאָזן לאָזן זיי זיך אויס צום מיינסטן מיט שלים־שלים־מזל, ווי ביי מנחם מענדלען", — אויף יענע פּרנסות, הייסט עס, וואָס געהערן צו דער נאַציאָנאַל־פּאַטאָלאָגיע מער ווי צו דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע, אָבער טאַקע דערפאַר גיבן

זיי אונז אַ בילד, אָדער — וואָס איז אַמאָל נאָך וויכטיגער, ווי אַ בילד — אַ קאַריקאַטור — נישט נאָר פונ׳ם „ווירטשאַפטלאַכן", נאָר אויך פונ׳ם אינעווענינגסטן פּסיכאָלאָגישן לעבן פון דער כתריאלעווקער וועלט, און דער פּראָטאָטיפּ פון אַ סך קאָמישע פּאַרשוינען שלום עליכם׳ס — מנחם מענדל מיעהופּעץ, וואָס אין פלוג איז ער דאָך מער נישט, ווי דער רעפּרעזענטאַנט פון אַ געוויסער אידישער „פּראָפעסיע", ווערט דער פאַרשטייער פון אַ גאַנצער לעבנס־קולטור.

יע, דער ווערט פונ׳ם איינציגאַרטיגן „בריפנשטעלער", וואָס רופט זיך אָן „מנחם מענדל", ליגט דערין, וואָס דער פּרנסה־קאָמיזם פון דעם איינציגן קלאַס לופט־מענטשן איז געוואָרן די קאָמעדיע פון אַ גאַנצן פאָלק. און געשען איז עס נישט צוליב דער גרויסער ראָליע, וואָס דער דאָזיגער קלאַס מענטשן שפּילט אין דעם לעבן פונ׳ם גאַנצן אידישן פאָלק. עס האָט צו פאַרדאַנקען אַן אַנדער אורזאַך, אַ מער אינעווייניגסטער. שלום עליכם מיט זיין טאַלאַנט, נישט די אידישע סביבה מיט אירע עקאָנאָמישע אומשטענדן, האָט געגעבן מנחם מענדלען יענעם גרויסן אָרט, וואָס ער פאַרנעמט. אַזויווי אין „טביה דעם מילכיגן" האָט דער דיכטער אונזערער זיך אויפגעהויבן פון דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם וואָלינער ישוב׳ניק ביז צו אַלגעמיין־מענשלאַכע געפילן, אַזוי האָט ער אין די בריוועלאַך פון דעם יעהופּעצער שלים־מזל׳ניק זיך דערגרונטעוועט ביז צו אַלגעמיין־אידישע כאַראַקטערשטריכן.

„די אידישע פאָלקס־משוגעת אין דער געשטאַלט פון אַ אידישן סוחר׳ל", — אַזוי כאַראַקטעריזירט מנחם מענדלען בעל־מחשבות, וואָס זיין אַרטיקל וועגן אָט דעם ענין איז אַ קוואַל, פון וועלכן עס מוז שעפּן, ווילנדיג נישט ווילנדיג, יעדערער, וואָס פּרובט געבן אַ פולשטענדיג בילד פון שלום עליכם׳ס שאַפן...

„אַ פאָלקס־משוגעת", — וואָרום שוין תיכף אינ׳ם ערשטן בריוו מנחם מענדעל׳ס, ווען איר לייענט: „שטעל דיר פאָר, איך גיי מיר אַרוים מיט׳ן שטעקל אין גרעצק אַריין, אַזוי הייסט דאָ אין אָדעס די גאַס, וואו אידן האַנדלען, האָב איך צוואַנציג טויזנט געשעפטלאַך; וויל איך ווייץ — איז ווייץ, קלייען — איז קלייען, וואָל — איז וואָל, מעל, זאַלץ, פעדערן, ראָזינקעס, זעק, הערינג, —

הכלל, וואָס אַ מויל קאָן אויסרעדן, געפינסטו אין „דעם אָדעם״, — ווען איר לייענט אָט די התפעלות'דיגע רייד מנחם מענדעל'ס וועגן דעם רחבות פון אָדעסער געשעפטן, דערפילט איר גלייך, אַז איר האָט דאָ צו טאָן נישט מיט אַ אידן, וואָס זוכט נעבאך פּרנסה צו שפּייזן ווייב און קינדער, נאָר מיט עפּעס אַ מאַניע, מיט עפּעס אַ דבוק, אַ ווילדן יצר־הרע, וואָס קלייבט זיך פּלוצלונג אריין אינ'ם אידן, און נישט נאָר אינ'ם לופט־אידן, און טרייבט אים: לויף, יאָג־זיך, האַווע, שמאַיע, שווינדל, פאַרגעס אָן ווייב און קינד, פאַר־געס אָן זיך אַליין, שטאַרב פאַר אַ גראָשן — און וואַרט אויף מיליאָנען! איר פילט, אַז איר האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אַזאַרט, מיט אַ תאוה, צו פירן געשעפטן (און נישט דווקא מאַטעריעלע געשעפטן) צוליב זיי גופא, אָן קיין שום ציל און תכלית. איר פילט, אַז דער באַרימטער אידישער „טעלעאָלאָגיזם״ (דאָס האָבן אַ מיין, אַ ציל אין אַלץ), איז אַ בלבול, אָדער אַ נישט פאַרדינטער שבח... ביי אידן קאָן אפילו אַ סוחר האַנדלען פון האַנדלען וועגן און שמאַיען צוליב דער הנאה, וואָס ער האָט דערפון, אָן קיין שום אַנדער ריוח... שוין מענדעלע מוכר ספרים האָט אונז דערציילט, ווי ער האָט מיט אלתר יכנה״ז, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט אים אין וועג, „געביטן תחינות אויף בבא־מעשיות, מענה־לשון'ס אויף טויזנט און איין נאַכט, שיר־המעלות'ן אויף קמיע'לאך... ביידע צדדים האָבן פונ'ם גאַנצן משא־ומתן קיין גראָשן אין די אויגן ניט געזען און געבליבן שטאַרק צופרידן, גלאַט פונ'ם האַנדל אַליין; מען האָט דאָך געטאָן, געהאַנדלט, געמאַכט געשעפטן, נישט געזעסן ליידיג״...

שוין ביי מענדעלע'ן האָבן מיר אַלזאָ געזען, אַז דאָס, וואָס מיר האָבן נישט קיין טיפע וואָרצלען אין דער ערד און דאָס, וואָס אין אונזער פאָלקס־אָרגאַניזם לעבט איין פונקציע, די האַנדלס־ און בייט־פונקציע, אויפ'ן חשבון פון אַלע איבעריגע אַרבעטן, מוז עס פירן דערצו, אַז דער ענין פון בייטן, פון קויפן־און־פאַרקויפן, פון מעקלערן און סרסור'ן און שווינדלען (אויך אין דער גייסטיגער ספערע) זאָל ווערן אַ געוווינהייט, אַ הצטרכות, אַ ליידנשאַפט, אַ קליפּה, עפּעס אַ מין דבוק, רחמנא לצלן, אַ כח, וואָס טרייבט אונז צו טאָן עס מיט גוואַלד, על פי אימפּעט, צי מיר דאַרפן עס, צי ניט... דאָס האָבן מיר שוין געזען ביי מענדעלע מוכר ספרים, נאָר ביי אים איז עס מער ניט

ווי אַ שטריך אינ׳ם כאַראַקטער פונ׳ם אידן. ביי שלום עליכם׳ען איז עס אויסגעוואַקסן ביז צו דער מדרגה פון אַ טיפּ.

פון דער „נישט אויסגעקלערטער פיגור״, וואָס דער אויטאָר האָט, ווי ער דערציילט אין דער פריער־דערמאָנטער פּאָררעדע, באַגעגנט „אינ׳ם 1892 יאָר אויף דער אָדעסער קליינער בערזע״, — איז געוואָרן די אַלגעמיינע אידייע, די „פּלאַטאָנישע אידייע״ פון דער אידישער „פּרנסה״. מיר האָבן דערזען פאַר זיך נישט סתם אַזוי אַ שלים־מזל׳ניק, וואָס פאַרשטייט נישט קיין געשעפט און וואָס איהם גייט שלעכט אין געשעפט, נישט סתם אַזוי אַ לופט־מענטשן, אַ דריי־קאָפּ. מיר האָבן דערזען פאַר זיך דעם בלינדן ענטוזיאַסט פון עפּעס אַ מין עקאָנאָמישן מעשה־אונן, דעם דאָן־קישאָט פון דער אָדעסער „קליינער בערזע״, דעם נאַאיוון און איינגעשפּאַרטן פאַנטאַסט, וואָס ווען שיינע שיינדל פון כתרילעווקע, דער ווייבערשער סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ, שרייבט אים, ער זאָל נישט זיין קיין משוגע׳נער, זאָל „אָפּשניידן פון די געשעפטן״ און קומען צוריק אַהיים, קיין כתרילעווקע, — ענטפערט ער איר גאָר אפילו נישט אויף דעם, דערמאָנט גאָר וועגן דעם נישט. אַזוי ווייט איז ער פון זיין כתרילעווקער ווייב מיט איר כתרילעווקער רעאַליזם און אַזוי שטאַרק איז ער איינגעגלויבט אין די „מיליאָנען״, אַז ווען זיין געליבטע אָדעס, זיין פריערדיגע דולציניע, נאַרט אים אָפּ און ער כאַפּט אַ מיאוס׳ן פּסק פון איר מיט איר בערזע, פאַרלירט ער נישט דעם מוט. ער גלויבט זיך איין גלייך אין יעהופּעץ. און אַז פון יעהופּעץ ווערט אויך גאָרנישט מיט נישט, האָפּט ער אויף וואַרשע. ער הערט נישט אויף צו האָפן און צו פאַנטאַזירן: יעדעם נייע בריוועלע זיינס צו זיין ווייב שיינע שיינדל איז אַ התפּעלות׳דיגע אַנטפּלעקונג פון אַ נייער „אינזל־אוטאָפּיע״!

ניין, דאָס איז נישט קיין פּאַראָדיע אויף דעם אידישן בטחון: דער בטחון איז פּאַסיוו און רואיג; מנחם מענדל אָבער האַוועט און שמאַיעט און נישטערט און קאָכט זיך און זוכט אַלץ נייע גליקן. די אידישע מדה, וואָס איז פאַרקערפּערט אין אים, ווי אין אַ גלענצנדער קאַריקאַטור, איז ניט די מדה פון בטחון, נאָר דער אָפּטימיזם, וואָס ווירקט ביי אונז שטאַרק אי אינ׳ם געזעלשאַפטלאַכן, אי אינ׳ם אינדיווידועלן לעבן. יענער אומפּראָדוקטיווער

אוטאָפּיזם, וואָס טראָגט אריין אַ ברען און אַן אימפּעט און אַן איילעניש און אַ זעלבסט־נאַרעריי און אַ גיכע אָפּקילונג אין אַלץ, וואָס מיר טוען. יענער היסטערישער אוטאָפּיזם, וואָס זעט אויס ווי אַן אַנעמיש קינד מיט אַ גרויסן קאָפּ און דאַרע, ווי שטרוי דינע פּיסלאַך, און וואָס נעמט זיך דערפון, וואָס זייענדיג אַ הענדלער־און־פּארמיטלער־פאָלק האָבן מיר זיך צוגעוואוינט צו קוקן אויפ'ן לעבן נישט ווי אויף אַ פּראָצעס (אַזויווי עס קוקט אויף אים דער אַרבעטס־מענטש), נאָר ווי אויף אַ שורה פון איינציגע אַקטן, וואָס אָדער זיי גיבן זיך איין אָדער נישט — עס ווענדט זיך אָן דער מזל'דיגער שעה און אָן דער גליקלאַכער קאָמבינאַציע...

מנחם מענדל, ברייט פאַרשטאַנען, איז אָבער נישט נאָר אַ בייזע קאַריקאַטור אויף אָט דעם אוטאָפּיזם, וואָס זיין גאָט איז דער איינפאַל און זיין גאָטס־דינסט — די קאָמבינאַציע: אין מנחם מענדלען איז פאַראַן נאָך עפּעס, — עפּעס אַזוינס, וואָס מאַכט אים אונז שיר נישט סימפּאַטיש אין אַ געוויסן גראַד: דאָס איז דאָס, וואָס ער רעדט וועגן זיינע אוממעגלאַכסטע ווילדסטע פּלענער און פּראָיעקטן מיט דער אויפריכטיגקייט און תמימות פון אַ גלויביגן. יע, אָט דאָס גופא, וואָס מאַכט אים אַזוי לעכערלאַך, מאַכט אויך, אַז מיר זאָלן פון אים אַן אַנדערש מאָל פּשוט גערירט זיין. ווארום אויב ביי אלתר יכנה'ז איז פון דער געוויינהייט צו בייטן און קאָמבינירן געוואָרן אַ טויטע אויטאָמאַטישע רגילות, „אַבי נישט ליידיג צו זיצן", — זעען מיר, ווי די זעלביגע געוויינהייט וואַקסט אויס ביי מנחם מענדל פון יעהופּעץ ביז צו אַ קולט, ביז צו אַ בלינדער און זיסער אמונה...

צווישן די אַלע מינים ליגנערס, וואָס שלום עליכם רעכנט אויס אין זיין „ערשטן ראָמאַן", איז פאַראַן איינער, „וואָס בשעת ער זאָגט אָפּ דעם ליגן, מיינט ער אַליין, אַז ער האָט געזאָגט אַן אמת, און איז איבערצייגט, אַז יענער מיינט אויך, אַז ס'איז אַן אמת, און בשעת מעשה האָט ער באמת הנאה"... אָט צו דעם מין „ליגנער" געהערט מנחם מענדל. אָבער אייגנטלאַך איז ער שוין גאַרנישט קיין ליגנער, ער איז נאָר אַ „מענטש, וואָס לעבט אינ'ם עולם הדמיון, אַ מענטש, וואָס פאַנטאַזירט", אַ מחבר, אַ פּאָעט, אַ טרוימער. ווען

ער רעדט וועגן געשעפטן, טראָגט אים דער קאָפּ און עס ברענען אים די אויגן, ווי אין אַ היץ־קרענק. ער איז שכור פון דער האָפנונג אויף „מיליאָנען", ווי פון אָפּיום. און ער איז קיין קאָפּ נישט מגזם, ווען ער שרייבט דעם ווייב, אַז מאָרגן גייט ער איר קויפן בריליאַנטן און, אגב, וועט ער זיך אַראָפּכאַפּן קיין וואַסילקאָוו און מאַכן דאָרט גילדע און באַלד וועט ער איר קויפן אַ הייזל אויף איר נאָמען „פאַר אַ קערבל צוואַנציג טויזנט"... ער איז קיין האָר נישט מגזם. ער מיינט עס גאַנץ ערנסט. ער גלויבט דערין מיט'ן גאַנצן האַרצן, מיט'ן גאַנצן ברען פון זיין מזרח־פּאַנטאַזיע. נאָר וואָס איז ער שולדיג, וואָס זיין ווייב שיינע שיינדל איז אַ כתרילעווקער פּקחית, און הגם אין האַרצן גנב'עט זיך איר אַריין אַ האָפנונג, וואָלט זי דאָך וועלן זען זיך מיט מזומנים, וואָרום קרעפּלאַך אין חלום, זאָגט די מאַמע אירע, איז נישט קיין קרעפּלאַך, נאָר אַ חלום... וואָס איז ער שולדיג, וואָס אין'ם קליינשטעטל כתרילעווקע איז נאָך געבליבן אַ זכר פון אידישער געשטעלטקייט און איינגעזעסנקייט און וואָס דעריבער זיינען די כתרילעווקער חכמים טאַקע נישט מסוגל צו פאַרשטיין די „מיליאָנען"־פּלענער און די ראָטשילד־פּאַנטאַזיעס פון די יעהופּעצער מעקלערס? ער אַליין מיינט עס זייער ערנסט מיט די גילדענע געשעפטן. און פון אָט דעם קאָנטראַסט צווישן דער פּראָזאַאישער כתרילעווקע און די שיער נישט פּאָעטישע יעהופּעצער לופט־שלעסער נעמט זיך איינער פון די פילע קינסטלערישע חנ'ען, וואָס ליגן אויסגעגאָסן אויף דער קאָרעספּאָנדענץ צווישן מנחם מענדל און שיינע שיינדל. דער קאָנטראַסט צווישן אָט דיביידע וועלטן מאַכט יעדע איינציגע פון זיי קענטיגער, בולט'ער. ווען מען גייט איבער פון מנחם מענדעל'ס אַ בריף צו שיינע שיינדל'ס, דערפילט מען תיכף גאָר אַן אַנדער לופט...

דאָך איז פאַראַן עפּעס אַן אינווענייגסטע קרובה'שאַפט צווישן אָט די צוויי סאָרטן בריף: אין איינעם ווערט געוויזן, וואָס ווערט פון די יעהופּעצער נייס, וואָס מנחם מענדל שרייבט, אין כתרילעווקע, וואָס פאַר אַ פּנים באַקומען זיי דאָרטן; אין דעם אַנדערן, פאַרקערט, זעען מיר, וואָס ווערט פון אַ כתרילעווקער, ווען ער פאַלט אַריין אין'ם הו־האַ פון יעהופּעץ.

און אַט דאָס קרומע־לאָמע אָפּשפּיגלעניש, וואָס איין שטאָט באַ־קומט אין דער שיין פון דער אַנדערער, — מאַכט, אַז זיי זאָלן ביידע ווערן ענלאַך איינס צו דאָס אַנדערע: אַ ז ז י י ז אָ ל ן ב י י ד ע ו ו ע ר ן ק אָ מ י ש. און עס איז זייער גוט (הגם עס איז מער נישט ווי אַ צופאַל, קאָן זיין), וואָס אין די לעצטע טיילן פון „מנחם מענדל” זיינען שוין ניטאָ מער קיין בריוועלאַך פון שיינע שיינדל: אין זיינע לעצטע בריוועלאַך הייבט מנחם מענדל אָן אַליין צו פילן זיין דערשלאָגנקייט, זיין שלים־שלים־מזל. ער ניכטערט זיך אויס אַ ווײַלע פון די יעהופּעצער גליקן און עס וואַכט אויף אין אים צוריק דאָס כתרילעווקער קליין מענטשעלע מיט די קליינע השגות... עס ווערן אונז געוויזן די פּעדים, וואָס ציען זיך ד אָ ך פון׳ם אידישן יעהופּעץ צו כתרילעווקע, און ממילא איז קיין אָרט נישטאָ דאָ פאַר די בריוועלאַך פון שיינע שיינדל, וועלכע ווייזן, פאַרקערט, די פאַר־פרעמדקייט צווישן אָט דיביידע מקומות... ערשט ווען מיר לייענען דורך מנחם מענדל׳ס בריוו ביז׳ן ס ו ף, זעען מיר, ווי ווייט ע ר איז נאָך נישט אינגאַנצן קיין יעהופּעצער, קיין גרויסשטעטיגער; ערשט דאַן דערפילן מיר, אַז דער חילוק צווישן אים און זיין ווייב באַשטייט טאַקע נאָר אין דעם, וואָס זי איז נאָך אַן איינגעפונדע־וועטע, אַן איינגעוואָרצלטע כתרילעווקערין, וואָס זיצט, ווי אַ וואָרם אין חריין און מיינט, אַז קיין זיסערס איז נישטאָ, בעת ער, וואָס שטאַמט אויך פון כתרילעווקע, איז ווי אַ הערבסט־בלאַט, וואָס דער ווינט האָט אים שוין אָפּגעריסן פון בוים, און איצט שוועבט ער אין לופטן, די ווינטן טראָגן אים און יאָגן אים אין אַלע פיר עקן, אָן אַ אָפּהאַלט, אָן אַ אָנהאַלט... און עס איז נישטאָ גאָר קיין ספק, אַז מער נישט דערפאַר, וואָס ער איז אַ ק אָ ר ש ט אוועק פון כתרילעווקע און קיין יעהופּעץ איז ער נ אָ ר ־ ו ו אָ ס גע־קומען — מעהר נישט דערפאַר פילט ער שוין די קליינקייט און קליינלאַכקייט פון כתרילעווקע, נאָך נישט אָבער די פּוסטקייט פון יעהופּעץ. די אומגעהויערע פּוסטקייט שטעלט זיך אים פאָר, ווי אַ אומגעהויערע רחבות. די שפּעקולאַנטן־ און מעקלער־שטאָט ווערט אין זיין פאַנטאַזיע אַ שטאָט פון גילדענע מעגלאַכקייטן, אַ שטאָט פון טויזנט און איין נאַכט...

דאָס איבערוואַקסן די ענג געוואָרענע גרעניצן פון ק ל י י נ ־

שטעטל און דאָס נישט־דערוואַקסן זיין צום נייעם גרויס־שטאָטישן לעבן — אַט דאָס איז די אָביעקטיווע און סאָציאַלע זייט פון מנחם מענדל'ס קאָמעדיע, און אַט דער אָביעקטיווער און סאָציאַלער יסוד מאַכט די קאַריקאַטור פון מנחם מענדיל מיעהופּעץ פאַר אַ קאַריקאַטור אויף דער גאַנצער געשיכטע פונ'ם אידישן פאָלק אין מזרח אייראָפּע פאַר דער לעצטער תקופה, וואָרים סיי די גשמיות, סיי די רוחניות פונ'ם אידישן פאָלק אין געטאָ לעבט איצט איבער אַ קריזיס טאַקע צוליב דעם, וואָס דער חורבן פונ'ם שטעטל, פון דער ביזאַהעריגער רעזידענץ פון דער אידישער אייגנאַרטיגקייט, האָט זיך אָנגעהויבן, ווען די שטאָט, דער נייער מרכז פונ'ם אידישן לעבן, איז מסוגל געווען אַריינצונעמען אין זיך נאָר אַ טייל פון דער שטעטל־וואַנדערונג...

אַט דאָ, אויפ'ן וועג, וואָס פירט — און ברענגט נישט — פון שטעטל אין שטאָט אַריין, אַט דאָ מאַכט איר אָפּטן און פריילאַכן שפּאַציר די מוזע פון שלום עליכם'ס הומאָר. אַט דאָ באַגעגנט זי זיך, נישט נאָר מיט מנחם מענדלען, נאָר אויך מיט די אַנדערע פאַרשוינען. אַט דאָ קוקט זי זיך צו צו זייער קאָמישן הילוך, צו זייערע פּעקלאַך מיט די קלומקעס. אַט דאָ הערט זי זיך איין אין זייערע פּאַרשפּיצטע און נאַרישע רייד, קוקט זיי אַריין אין די דערשראָקענע, ביטרע און צוגלייך תמ'עוואַטע, בלאָנדזשענדיגע אויגן — גיט שטיל און אַמאָל ביטער אַ שמייכל — און פליט אַוועק...

יע, דער חורבן פון כתרילעווקע, נישט כתרילעווקע, איז דער הויפּט־שטאָף פון שלום עליכם'ס הומאָר, — דער חורבן פון כתרילעווקע, וועלכער איז אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך נאָך ביז איצט נישט געענדיגט און וואָס לאָזט נאָך אַלץ ניט צו־זיך־קומען דער צערודערטער און דערפאַר קאָמיש געוואָרענער מאַטעריעלער און גייסטיגער קולטור פונ'ם אידישן פאָלק, לאָזט נאָך אַלץ נישט פאַלען דעם פאָרהאַנג פון דער „צעזייט־און־צעשפּרייט"־קאָמעדיע, לאָזט נאָך אַלץ נישט שטיל ווערן דעם — צווישן שטעטל און שטאָט געבוירענעם — מאָנאָלאָג פון „גימ־

נאזיע", צו ענדע ברענגען די — **אויך** דארט אויסגעוואקסענע — כתבים פון מאטל דעם חזנ'ס, מעשיות פון טביה דעם מילכיגן, בריוו פון מנחם מענדל מיעהופעץ...

יב. כתרילעווקע.

ווען כתרילעווקע וואלט געווען די אייגענע כתרילעווקע, וואס אמאל, שטיל און אומבאוועגלאך, ווי דאס געמויזאכטס, וואלט שלום עליכם אפשר נישט געהאט גאר אזוי פיל שטאף פאר זיינע מעשיות. אומשטיינס־געזאגט, וואס מען קאן דארט הערן און זען ביי די קליינע מענטשעלאך מיט די קליינע השגה'לאך? איז אבער דער דיכטער מיט'ן שארפן אויג און נאך שארפערן חוש השמיעה געקומען דוקא אין דעם מאמענט, ווען כתרילעווקע האט זיך **גענומען רירן פון ארט**, ווען אזוי ווי עפעס א פרעמדע פארבארגענע האנט האט אריינגעווארפן אהין א שטיק הייוון, און עס האט אנגעהויבן צו „יאוירן". די כתרילעווקער האבן אנגעהויבן צו באקומען פון דער וועלט אלץ פרישערע און מאדנערע נייס: — אז ס'איז פאראן דארט א באן, האבן זיי אין אנהויב אפילו נישט געוואלט גלויבן: „וויים איך, האבן זיי געזאגט, דאס האבן פוסטע מענטשן אויסגעטראכט", און אז איינער האט זיי געשוואוירן, אז ער איז אליין מיט דער באן געפארן, האבן זיי זיך דאך געהאלטן פאר דאס זייעריגע, אז „ס'וועט נישט אויסגעהאלטן ווערן". פאוואלינקע אבער האט זיך צוגערוקט די באן ביז צו כתרילעווקע. זיי האבן עס דערזען מיט זייערע אויגן, און צי עס איז זיי געפעלן געווארן, צי נישט, — נאר פלוצלונג האט זיי אנגעהויבן ענג צו ווערן אין כתרילעווקע, און עס האט זיי אנגענומען דער חשק זיך דורכצופארן מיט דער באן. ביסלאכווייז האט מען זיי אנגעהויבן צו באגעגענען אין די וואגאנעס, און באלד האבן זיי זיך אנגעהויבן דארט צו פילן זיך, ווי פיש אין וואסער, זיינען געווארן דארט אזוי היימיש, אזוי ברייטלאך האבן זיי זיך צולעגט דארט אויף די בענק, אז דער וואגאן האט אנגעהויבן אויסזען, ווי א שטיק כתרילעווקע, וואס האט זיך אפגעריסן פון פונדאמענט און געלאזן זיך לויפן, הענדום־פענדום, ווי א ווילדער רוח, אין דער וועלט אריין. עס האט אנגעהויבן אויסזען, ווי **כתרילעווקע אויף דער רייזע**, —

און שלום עליכם האט די כתרילעווקער געשיכטן שוין געקאנט פשוט אנרופן „אייזנבאן־געשיכטן”... אידן האבן אנגעהויבן פירן זייערע געשעפטן אין וואגאן. און יעדעס מאל, ווען מ ע נ ח ם מ ע נ ד ל האט זיך געקליבן צו קומען צוריק אהיים צו שיינע שיינדלען מיט די קינדערלאך, פלעגט זיך אים מאכן מעשה־שטן עפעס א גילדן געשעפט אין וואגאן, און ער פלעגט בלייבן ווידער ווייט פון כתרי־לעווקע... אבער כתרילעווקע אליין האט זיך אנגעהויבן רוקן אליץ נעענטער צו יעהופעץ. זי האט זיך געמאכט אויף איר אייגענעם שטיינער א טראמוויי („כתרילעווקער טראמוויי”) און אפילו א טעאטער („כתרילעווקער טעאטער”), און זינט מען האט אויפ־געהערט צו בעטן זיך ביי כתרילעווקער קינדער, זיי זאלן גיין אין די „שקאלעס” אריין, האבן זיי זיך אנגעהויבן צו שטופן אהין אליין מיט מסירת נפש. און אפילו שיינע שיינדל די יענטע האט אנ־געהויבן נאכצופרעגן זיך אין אירע בריוועלאך אויף דרייפוס'ן און אויף די, וואס פארשרייבן זיך קיין ארץ־ישראל. און מנחם מענדל אין זיין לעצטן בריוול מאכט שוין גלייך א שפרונג קיין האמבורג, און פון דארט וועט ער פארן קיין אמעריקע, וואוהין „די גאנצע וועלט פארט איצט”, און פון אמעריקע וועט ער שיינע שיינדלען שיקן שיפסקארטן פאר איר און פאר די קינדער... קורץ, כתרילעווקע האט זיך געלאזן אין וועג אריין... וועגן אט דער נייער רייזע פון די נייע „בנימין השלישי'ס” איז ביי שלום עליכם'ען פאראן שוין א גאנץ בוך, — דאס זיינען די שוין פריער־דערמאנטע גאלדענע כתבים פון מ א ט ל פ י י ס י ד ע ם ח ז נ ' ס י ו נ ג ל...

אמעריקע, און ווי כתרילעווקע זעט ד א ר ט אוים, האט אונז שלום עליכם געשילדערט אין זיין גרויסן ראמאן „בלאנדזשענדע שטערן”.

און אט דערפאר, וואס ער פארנעמט זיך נישט אזוי מיט דעם אלטן, רואיגן, פארגליווערטן, פארשלאפענעם כתרילעווקע, ווי מיט כ ת ר י ל ע ו ו ק ע א ו י ף ד ע ר ר י י ז ע, מיט כתרי־לעווקע, וואס מיט גוואלד האט מען עס אויפגעוועקט פון שלאף, נעגעבן א שטעקן אין האנט און געהייסן זיך לאזן אין וועג אריין, — אט דערפאר נעמט זיך נישט אוים ביי אים קיין שטאף. ווארום

הגם מיר זעען אומעטום אַלץ די אייגענע קאָמעדיע, — די טרויעריגע קאָמעדיע פונ'ם כתרילעווקער אידן, וואָס בלייבט געטריי זיין כתריִלעווקער היים, הגם ער איז שוין לאַנג פון איר פאַריאָגט געוואָרן, — בייטן זיך דאָך, אַ דאַנק די וואַנדערונגען, — די דעקאָראַציעס, דער הינטער־גרונט און די באַלייכטונג, אַזוי, אַז פון דעם אָרימען איינטאָניגן כתרילעווקע איז געוואָרן אַ אומענדלאַכע פּאַנאָראַמע פון מאַלערישע סצענעס, בילדער, פּאָרטרעטן, קאַריקאַטורן. די איינאון־איינציגע טעמע איז, אַזוי ווי יענעם קריגל בוימל, געבענטשט געוואָרן און זי שעפּט זיך גאָרנישט אויס... זי בייט די קאָלירן און ענדערט זיך, אַזוי ווי גלאָז־ברוך געגן זון, אויף טויזנטערליי אופנים... אָט זעען מיר זיי, די כתרילעווקער פאַרשוינען, ביי זיך אין דער היים, ווי זיי לעבן איינס פונ'ם אַנדערן, האָבן נחת פון קינדער און צער גידול בנים, קריגן זיך וועגן דרייפוס'ן און דערציילן פון ראָטשילד'ן. אָט באַגעגענען מיר זיי אין בויבעריק אויף דאַטשע. אָט ווערט אויף זיי פּלוצלונג אַ בהלה און זיי אַנטלויפן פון כתרילעווקע און טרעפן זיך אָן אויפ'ן וועג מיט קאָזאָדאָיעווקע. אָט שפּרעכן זיי אויפ'ן פּתח דייטש אין „לעמבערג", האָבן צו טאָן אין ווין מיט דער „אַליאַנץ" און מיט „עזרא" אין אַנטווערפּן. און אָט כאַפּט גאָר איינער פון זיי „די גראָבע עטלאַכע טויזנטער" און לאָזט זיך אוועק אין די „וואַרם־בעדער", און עס וואַקסט אויף גאָר אַ שפּאָגל נייעס כתרילעווקע און עס רופט זיך „מאַריענבאַד"...

אָט אַזוי שפּרייט זיך אויס כתרילעווקע גאָר להבדיל אַזוי ווי לעתיד לבוא ארץ־ישראל, איבער אַלע לענדער פון דער וועלט. און אויב מיר האָבן געזאָגט פריער, אַז שלום עליכם און מענדעלע — ביידע שילדערן כתרילעווקע, מוזן מיר צוגעבן, אַז נאָר אין דער צייט פון „סטעמפּעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי" איז געווען נאָך ביידנס כתרילעווקע גלייך, נאָר דאַן, ווען אַ חוץ די אָרימע לייט, וואָס גייען איבער די הייזער, זיינען די חזנים, שפּילער און מגידים געווען כמעט די איינציגע כתרילעווקער, וואָס האָבן „געררייזט". שפּעטער אָבער, אַז די כתרילעווקער זיינען געוואָרן היימיש אין די וואַגאָנעס און האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט קינד און קייט אין דער וועלט אריין, שפּעטער האָט שלום עליכם'ס כתרילעווקע, הגם עס איז אין תוך גענומען געבליבן די אייגענע, וואָס ביי מענדעלע'ן,

אָנגעהויבן דאָך צו ענדערן זיין געשטאַלט און צו ווייזן זיך יעדע ווײַלע אין אַ נייעם קאָסטיום, מיט אַ נייער מאַסקע...

און עס קאָן זיין, אַז טאַקע דאָס איז איינע פון די סבה׳ס, וואָס ביי שלום עליכם׳ען איז נישטאָ יענע שיינע, הגם עטוואָס איינ־אַרטיגע, קיילאַכדיגקייט, יענע קלאַסישע אָפּגעשלאָסנקייט און יענע געזעצטקייט, וואָס ביי מענדעלע מוכר ספרים. ווען מען שילדערט אַן עדה, וואָס שטייט אויפ׳ן וועג, דער שטעקן אין האַנט, דאָס פּעקל אויף די פּלייצעס, אַן עדה, וואָס שטייט אויף דער גרעניץ צווישן פאַרשיידענע לענדער און פאַרשיידענע תקופות, — קאָן מען נישט זיין אַזוי איינגעשלאָסן אין זיך און אַזוי ריטמיש, ווי ווען מען שטייט, ווי מענדעלע, אין אַ סביבה, וואָס הגם זי מאַכט שוין איר סך־הכל, ליגט זי דאָך נאָך אין די אייגענע גרעניצן און קיין שאָטן פון דרויסן פאַרשטעלט נישט איר נאַטירלאַכע פאַרב...

פאַרגלייכט מען די שפּראַך, — ריכטיגער: די שפּראַכן, — וואָס שלום עליכם געברויכט אין די פאַרשידענע ווערק זיינע, מיט דעם שטרענגען, געשטעלטן, געטאָקטן, אומפאַרענדערלאַכן, סטיליזירטן לשון מענדעלע׳ס, — זעט מען ערשט דאַן דעם חילוק צווישן אַ שפּראַך פון מענטשן, וואָס זיצן אויפ׳ן אָרט, אָפּגעטיילט פון דער גאַנצער וועלט אַרום, און אַ וואַנדער־שפּראַך, וואָס אויפ׳ן וועג מישן זיך צו צו איר כל׳ערליי עלעמענטן פון אַרום.

דער וואַנדער־וועג פון שלום עליכם׳ס שפּראַך פירט נישט נאָר פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד, נאָר אויך פון קלאַס צו קלאַס און פון תקופה צו תקופה: נישט נאָר ריידן ביי אים די ניו יאָרקער אידן אַנדערש ווי די מאַזעפּעווקער, די יעהופּעצער אַנדערש ווי די כתרילעווקער, די בעסאַראַביער אַנדערש ווי די ליטוואַקעס, — אויך די פאַרשוינען פון פאַרשידענע קלאַסן, פון פאַרשידענע פּראָפעסיעס זיינען פאָרגעשטעלט ביי אים יעדער מיט זיין לשון, און די דאָזיגע פאַרשוינען גופא האָבן אַ ן דעם ציוניזם גערעדט אַנדערש ווי מ י ט אים, פ א ר דער רעוואָלוציע — נישט אַזוי ווי נ אָ ך איר.

און נישט נאָר די פאַרשוינען זיינע, — ער אַליין האָט זיין שפּראַך געענדערט, געבויגן אין אַלע זייטן אין די לעצטע פאָר

צענדליג יאָר. און דאָ האָט שוין געווירקט נישט אַליין די אָביעק־טיווע סבה, וואָס מיר האָבן דערמאָנט, נאָר אויך די אינווענינסטע עלאַסטיציטעט פון זיין נאַטור, יענע פעמינינשע בויגעוודיגקייט און צופּאַסונגס־פּייאינקייט, דורך וועלכער ער שיידט זיך אָפּ אַזוי שטאַרק פון מענדעלע'ן מיט זיין שטרענגען, געשטעלטן, פונדאַמענ־טאַלנעם, מענלאַכן כאַראַקטער.

די בויגעוודיגקייט שלום עליכם'ס ווייזט זיך אַרויס נישט נאָר אין זיין אידיש, וואָס לאָזט צו צו זיך כל־ערליי ווירקונגען פון דער זייט. זי פילט זיך אין זיין גאַנצן שטייגער שרייבן, וועלכער איז, ווי געזאָגט, קיינמאָל נישט אַזוי געמאָסטן און געוואויגן, ווי ביי מענדעלע'ן. ווען מיר לייענען אין „פעסיל דעם רבינ'ס", ווי פ י י ו ו ל „שיט ווי פון א זאַק, עס גיסט זיך ביי אים ווי פון א פאַס, און עס ציט זיך ביי אים אָן אָן אָפּשטעל און אָן אויסלאָז, ווי ביי יענעם פּאָקוסניק, וואָס ציט אַלערליי סטענגעס פונ'ם מויל, רויטע, גרינע, געלע, בלויע און מען ווייסט נישט, ווען לאָזט זיך אויס ביי אים רויטע, און ווען הויבט זיך אָן גרינע, ווען לאָזט זיך אויס געלע און ווען הויבט זיך אָן בלויע", — דוכט זיך אונז, אַז אַזוי ריידן אייגנטלאַך אַלע פּאַרשוינען שלום עליכם'ס, נישט נאָר פייוול כל־בו'ניק, — און אַזוי שרייבט אויך שלום עליכם אַליין. ער גיט דעם שטאָף זיינעם די פולע פרייהייט, ער עפנט אים אויף טיר און טויער, ער ווייזט אים קיינע גרעניצן נישט אָן, און זייער אָפט גיסט ער זיך אַריין, דער שיטערער פליסיגער שטאָף, אין זיין ווערק און פאַרפליצט אים פון אַלע זייטן ביז איבער די ברעגן, און עס דוכט זיך אויס, אַז מיר געפינען זיך נישט אין א „טעמפּל פון קונסט", נאָר אינ'ם רחבות פונ'ם לעבן, אַזוי ווי ווען נאָך איידער עס האָט אַרויסגעקלונגען דאָס געטלאַכע גרעניצן־און־פאָרמען־שאַפנדיגע „יהי אור!", וואָלט שוין דער שטאָף, דער כאַאָס, באַ־קומען לשון און אָנגעהויבן ריידן.

און אויך דאָ איז שולדיג געווים נישט נאָר די צערודערטקייט, דאָס נע־ונד זיין, דער תהו־ובהו צושטאַנד פונ'ם „נייעם כתריי־לעוועקע", וואָס שלום עליכם שילדערט, און נישט נאָר דער נ אַ ט ו ־ ר אַ ל י ז ם, וואָס איז ביי אים א קונסט־מעטאָדע, נאָר אויך אַלץ

די אייגענע עלאסטיציטעט פון דער הומאריסטישער נאטור, וועלכע האט נישט אין זיך די שטייפקייט צו נעמען דעם צולאזענעם „שטאף" אין האנט אריין און לערנען אים דרך־ארץ...

און פון אט דער פארשיידענער באציאונג צום שטאף (נישט נאר פון דער פארשיידנקייט פונ'ם שטאף גופא) ביי שלום עליכם'ען און ביי מענדעלע'ן — נעמט זיך דאס, וואס ביים לעצטן אין די ווערק פילן מיר זיך, ווי אין א סאד זומער, וואו מען הערט דעם זאפטיגן רואיגן אטעם פון די צייטיגע פירות, וואס קוקן שווער און מיט חשיבות אראפ פון די צו דער ערד אראפגע־זונקענע צווייגן, אין דער צייט ווען אין שלום עליכם'ס לוסטיגן גארטן פלאטערט אום לייכט און פריש די גרינע גרינקייט פון אנהויב פרילינג. די שטילע בליאונג פונ'ם פרוכט־בוים באהאלט זיך נאך צניעות'דיג אין בעכערל, נאר אט האט זיך ברייט און יוגנטלאך און לוסטיג צעלאזט דער ווייסער מאי... אויב עס איז ריכטיג, וואס א קריטיקער האט געזאגט, אז אין מענדעלע'ן לעבט א ליטוואק מיט א וואלינער צוזאמען, איז אמת אויך דאס, אז אין אונזער הומאריסט איז נישטא אפילו קיין זכר פונ'ם כמורן, חקירה'דיגן און אין רעיונות פארטאנענעם ליטוואק.

יג. הומאר, קאמיזם, פאטאס.

מיר האבן ביז אהער גערעדט וועגן צוויי גרופעס פארשוינען ביי שלום עליכם'ען: הומאריסטישע מיט טביה דעם מילכיגן בראש און קאמישע מיט מנחם מענדיל מיעהופעץ, ווי זייער פראטאטיפ. אבער עס איז דא נאך ביי אים א דריטער וויכטיגער סארט מענטשן, און דאס איז דער, וואס איז הערא־איש, פאטעטיש. דאס איז יענער מין העלדן, וואס ער האט גע־פרובט שאפן אין דער ראמאן־טרילאגיע: „סטעמפעניו"־„יאסעלע סאלאוויי"־„בלאנדזשענדע שטערן". דאס זיינען די קינסט־לער־געשטאלטן, וואס שטאמען פון דער שוין פריער כא־ראקטעריזירטער אידישער באהעמע. זיי שפילן די ראליע פון העלדן, נישט פון קיין געוויינלאכע פארשוינען. אין זיי זיינען נישטא קיין קאמישע שטריכן, און זיי זיינען אויך נישט הומאריסטיש; זיי זיינען, פארקערט, פאטעטיש „ערהאבן".

זייער הויפּט כאַראַקטער־שטריך איז, וואָס זיי זיינען נישט אַקטיוו, נאָר, פאַרקערט, ליידנדיג, פּאַסיוו. פון קינדהייט אָן שוועבן זיי אַרום אין אַ וועלט פון חלומות — און כל זמן זיי לעבן בלייבן זיי קינדער און בעלי־חלומות: מיט שטאַרקע געפילן און אַ שוואַכן כאַראַקטער; מיט אייביגע „שטרעבונגען" — און אָן אַ ציל; מיט אַ אייביגן זוכן — און אָן אַ וועג; מיט אַ שטענדיגער בענקעניש — און אָן אַ באַפרידיגונג; מיט די אויגן, מיט דער נשמה אין הימל, אין די עולומות־עליונים פון קונסט און פּאָעזיע און נגינה, און מיט די פיס — אין זומפּ, וואוהין עס פאַרפירן זיי אַנדערע, שטאַרקערע, פּראַקטישערע, וואָכעדיגערע פון זיי... קורץ, אַ שענער, אַ הויכער סאָרט העלד, נאָר אַן אומגליקלאַכער, אַזאַ, וואָס רופט אַרויס ביים לעזער מיטלייד און באַוואונדערונג, אַזאַ, וואָס שטעלט צופרידן אי די פאַנטאַזיע, אי דעם סענטימענטאַליזם פונ'ם פּאָלקס־מענטשן...

אָט דעם מין קינסטלער־טיפּ האָט שלום עליכם געפּרובט שאַפן, אָבער די פּראָבע האָט זיך אים נישט גאָר גוט איינגעגעבן. זי האָט זיך אים נישט געקאָנט גוט איינגעבן. דאָס הומאָריסטישע און דאָס סענטימענטאַלע לאָזט זיך נאָך פאָרן, אָבער דאָס הומאָריסטישע און דאָס פּאַטעטישע — דאָס נישט. שלום עליכם אליין האָט עס געפילט. אין זיינעם אַ בריוו צו מרדכי ספּעקטאָר אין יאָר 1894 האָט ער געשריבן: „ביי מיר וואָלט אייער בעל־שם געוויס אַרויסגעקומען מער גאָט אַלס מענטש". ער האָט, ווי ער שרייבט אין דעם אייגענעם בריוו, געהאַט גרויס ליבשאַפט „צו אַזעלכע ערהויבענע נפשות, ווי דער בעל־שם וכדומה, און צו זיי, שרייבט ער, ציט עס מיך תמיד מיט לייב און לעבן", און ווייל עס האָט אים געצויגן צו זיי, האָט ער נישט געקאָנט האָבן צו זיי, ווי ער האָט נישט געקאָנט האָבן צו דער נאַטור און צו ליבע, קיין פרייע, הומאָרפולע, קינסטלערישע באַציאונג. אין סטעמפּעניו און יאָסעלע סאָלאָוויי איז פאַראַן נאָך אַ ביסל קינסטלעריש פלייש־און־בלוט: סטעמפּעניו און יאָסעלע שטעקן אינ'ם אַרומיגן מיליע און זיינען נאָך נישט אַזוינע „העלדן"; לעאָ ראַפּאַלעסקאָ אָבער, וואָס שלום עליכם האָט געוואָלט אים אויפהויבן מיט אַ טרעפּ העכער און וואָס ער טראָגט זיך אַרום שוין אפילו מיט גרויסע

פלענער (וואָס בלייבן פּלענער) צו רעפאָרמירן דעם אידישן טעאַטער און צו שאַפן אַ אידישע קונסט — לעאָ ראַפּאַלעסקאָ איז אַ שאָטן, נישט קיין לעבעדיגער מענטש.

לעאָ ראַפּאַלעסקאָ איז די העכסטע מדרגה, וואָס שלום עליכם האָט געפּרובט ארויפברענגען אויף איר זיין קינסטלער־טיפּ, און ער האָט שטארק געגלויבט, אז די „בלאָנדזשענדע שטערן" זיינען אַ גרעסערער אויפטו, ווי די פריערדיגע צוויי טיילן פון דער טרילאָגיע. אין אַ בריוו צו דער רעדאַקציע פון „דער נייער וועלט", וואו דער ראָמאַן האָט זיך געדרוקט, האָט ער געשריבן (10־טן סעפּטעמבער, 1909) : „...איך האָב קיין חרטה ניט, וואָס איך האָב מיט מיין דריטן ראָמאַן אַ ביסל פארשפּעטיגט. הלואי וואָלט איך איצט געהאַלטן ביי שרייבן יענע ערשטע צוויי ראָמאַנען, וואָלטן זיי אַנדערש אויסגעזען" („שלום עליכם בוך", ז. 232), און אין אַ סך פּרטים זיינען די „בלאָנדזשענדע שטערן" טאַקע אינטערעסאַנטער, ווי די צוויי יונגנט־ראָמאַנען, אָבער דער הויפּט־העלד, לעאָ ראַפּאַלעסקאָ איז שלום עליכם'ען נישט געלונגען. און ער האָט אים, ווי געזאָגט, נישט געקאָנט געלינגען.

אגב, איז כדאי צו געדענקען, אז אויך דעם דאָזיגן ט י פּ, אזוי ווי דעם מנחם מענדל'שן, האָט שלום עליכם געמיט זיך צו פּ אָ ר ־ ט ר ע ט י ז י ר ן. דער פידל־שפּילער ס ט ע מ פּ ע נ י ו, דער זינגער י אָ ס ע ל ע און דער אַקטיאָר ר אַ פּ אַ ל ע ס ק אָ זיינען, אין תוך גענומען, איין און דערזעלביגער טיפּ, דאָך זיינען זיי דריי גאָר באזונדערע פּ אָ ר ט ר ע ט ן.

יד. שלום.

ביי שלום עליכם'ען דאָמינירט דער פּ אָ ר ט ר ע ט, ניט דער ט י פּ, ווי ביי מענדעלע מוכר ספרים, און אָט דאָס איז נאָך איינער פון די וויכטיגסטע אונטערשיידן צווישן אונזערע ביידע קלאַסיקער.

מענדעלע האָט אונז געגעבן דעם סך־הכל, די, אזוי צו זאָגן, אַ ל ג ע ב ר אַ א י ש ע פּ אָ ר מ ו ל ע פונ'ם אידישן לעבן, פון דער דער אידישער פאָלקס פסיכאָלאָגיע. שלום עליכם האָט אונז געוויזן אָן אַ שיעור איינציגע, קאָנקרעטע, אריטמעטישע ציפער פון דער אידישער וועלט.

ביי מענדעלע׳ן זעען מיר (מיט אנדערע ווערטער) דעם פּרט דורכ׳ן כּלל, ביי שלום עליכם׳ען, פאַרקערט, דעם כּלל דורכ׳ן פּרט. מענדעלע גראָבט זיך כּסדר צום שורש, ציט זיך אהין, פון וואַנען עס קומט דער זאַפט צו די צווייגן; שלום עליכם פאַרקוקט זיך אויף די צווייגן; אויף די צווייגן און אויף יעדן איינציגן בלעטל...

מנחם מענדל מיעהופּעץ איז, ווי מיר האָבן געזען, אַ שטיק כּלל, אַ ט י פּ, נישט קיין אינדיווידועלער פּאָרטרעט. אָבער ער איז אַן אויסנאַם. און ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס שלום עליכם האָט זיך ניט באַרואיגט, וואו ער האָט לעבן דעם ט י פּ מנחם מענדל נישט אויסגעמאָלן אויך אַ גאַנצע שורה פּאָרטרעטן זיינע: מנחם מענדל אַליין ציינט אונז אין זיינע בריוולאַך אַ גאַנצע קאָ־לעקציע פון זיינע חברים מעקלערס און ספּעקולאַנטן („דער אידל פון קאַמענעץ", „דער איד פון די זאַוואָדן", „טענדעווערענדעס", „טודרוס", „לייבע לעבעלסקי"); איינעם פון זיי, דעם „מוצלח", האָט ער זיך געפּרובט אפילו „באשרייבן", ווען ער האָט זיך שפּעטער גענומען פאַר דער „בכבוד׳יגער פּרנסה" — שרייבעריי. און וואָס איז מ אַ ל ק י ן פון׳ם „מבול" אָדער א ל י ה ו, מאָטל פּייסי דעם חזנ׳ס עלטערער ברודער, אדער ב ר אָ נ ז ע נ ט אַ ל ע ר פון דער „פּריילאַכער קאָמפּאַניע", אָדער מ י ס ט ע ר ש ו ו אַ ל ב, פון די „בלאָנדזשענדע שטערן" — אויב נישט קיין אינדיווידועלע פּאָר־טרעטן פון דעם אַלגעמיינעם טיפּ מנחם מענדל? שלום עליכם, ווען ער זאָל האָבן געווען אַ מאַלער, וואָלט ער געווען אַן ערשט־קלאַסיגער רעאַליסטישער פּ אָ ר ט ר ע ט י ס ט.

ער וואָלט אָבער צו גלייכער צייט געווען אויך אַן אויסגע־צייכנטער ק אַ ר י ק אַ ט ו ר י ס ט.

אַלע הומאָריסטן האָבן ליב די גוזמא פון דער קאַריקאַטור, ווען עס פּאָרט זיך אין איר די פאַרגרעסערונג מיט דעם חוש פאַר פּראָ־פּאָרץ. שלום עליכם איז נישט קיין אויסנאַם אין דעם פאַל. ער באַנוצט די גראָטעסקע פּאַראָדיע אפשר ניט אזוי אָפט, ווי אנדערע מייסטערס פון הומאָר, אָבער אויך אים געפעלן זייער שטאַרק די קרומע, אויסגעצויגענע אָדער פאַרקירצטע, פּרייע, לאַכעדיגע ליניעס

פון דעם איבערקרימענדיגן צייכענער. אויך ער האָט ליב צו מאַכן פון דעם קאָמישן שטריך אַ קאָמישע פיגור און פון דער רעאַלער אומפּולקאָמענהייט אַ שטיק קינסטלערישע שלמות. אויך ער האָט די וואונדערלאַכע פייאיגקייט צו מאַכן ווארהאַפטיג זיין איבערטרייבונג. מנחם מענדל און שיינע שיינדל מיט די אַלע איבעריגע יעהופּעצער און כתרילעווקער זיינען נ י ט „געגומען פון לעבן" אַזוי, ווי זיי שטייען און גייען אין שלום עליכם'ס מעשיות, זיי זיינען אַ היבש ביסל מגוזמ'דיג, אָבער איר זעט זיי, איר גלויבט אין זיי. זיי האָבן אין זיך זייער אייגענע ווארהאַפטיגקייט — די ווארהאַפטיגקייט פון דער קינסטלערישער קאַריקאַטור.

און עס איז קיין קשיא ניט, ווי אַזוי קאָן מען פאַראייניגן די ק אַ ר י ק אַ ט ו ר , וואָס שטעלט די טראָפּ אויף דאָס טיפּישע, מיט דעם פּ אָ ר ט ר ע ט - בילד, וואָס זוכט דאָס אינדיווידועלע. שלום עליכם קאָן עס. ער האָט די זעלטענע פייאיגקייט אויסצוטיילן, פון איין זייט, יעדן פאַרשוין פון דעם רעדל מענטשן, וואו ער באַגעגנט אים, און פון דער אַנדער זייט איבערלאָזן אין זיין אָפּגעזונדערטער געשטאַלט עפּעס אַ ליניע, אַ קאָליר, וואָס פאַרבינדט אים מיט דער סביבה, פון וועלכער ער שטאַמט.

דאָס פילט זיך שוין ביי אים אין דער שפּראַך. דאַכט זיך, יעדערער רעדט ביי אים מיט זיין אייגענעם לשון, יעדערער האָט זיך זיינע אייגענע ווערטלאַך מיט זיינע אייגענע פּסוקים, דאָך שפּירט זיך אין זייער אַלעמענס ריידן דער ריטם, די נשמה פון דער פאָלקס-שפּראַך. יעדער פון זיינע פאַרשוינען איז אַ רב ישראל, אָבער זיי אַלע געהערן צום כלל-ישראל. דער כלל-ריטם איז אָבער די א ו מ ב אַ ו ו אַ ו ס ט ע קראַפט, וואָס ווירקט אין אים, בעת דאָס אַכטונג-געבן אויף די אינדיווידועלע פּרטים איז ביי אים אַ באַוואוסטזיניג קונסט-מיטל, אַ מעטאָדע *), וואָס איז פאַרשפּיצט

*) אין דער שפּראַך איז ביי אים אויך דאָס כלל'ישע אָפּטמאָל אַ באַוואוסטזיניג מיטל. אַזוי, צום ביישפּיל, געלינגט אים צו מאַכן ריטמיש און איבערזיכטלאַך די לאַנגע פאַרפּלאָנטערטע מאָנאָלאָגן פון זיינע פאַרשוינען דורך לאָזן איבער'חזר'ן נאָך געוויסע הפסקות איין און דאָס זעלביגע וואָרט אָדער ווערטל. דאָס „צוטשעפּען זיך" צו איין וואָרט איז

ביי אים ביז צו דער לעצטער מעגלאכקייט. זעלטן ווען וועט איר באגעגענען ביי אים א פארשוין, וואס עס זאל נישט זיין ביי אים א וועלכער ס'איז קענטיגער, כאראקטעריסטישער סימן. פאר דעם גאנג פון דער געשיכטע איז עס אמאל גארניט וויכטיג, נאר גארנישט: זאל מען וויסן, מיט וועמען מען האט דא צו טאן (ביי־שפילן דערצו קאן מען געפינען אויף יעדן בלעטל פון שלום עליכם'ס ווערק).

און אט דאס שארפע אויג, וואס אונזער שרייבער האט פאר דאס אפגעזונטערטע, און באזונדערס פאר דאס קאמיש־אפגעזונדערטע, גיט אים די מעגלאכקייט צו וואריאירן זיין כתריי־לעווקע־טעמע אויף טויזנטערליי אופנים און צו געבן אונז אפט אן א שיעור מאמענט־בילדער פון איין און דערזעלביגער פיגור, אזוי, אז אין דער אידישער ליטעראטור איז נישטא קיין איין שרייבער, וואס זאל האבן באשאפן אזא גרויסע משפחה, אזא עדה, קאן מען זאגן, אינדיווידואליזירטע פארשוינען, ווי שלום עליכם.

דאס אויפזוכן די אורבילדער, אזוי צו זאגן, די טאטעס פון דער „באפעלקערונג", וואס פילט אן די ערד, וועלכע שלום עליכם האט באשאפן, — איז דעריבער נאר א האלבע ארבעט; די אנדערע העלפט איז — דאס אויפציילן און סארטירן און באשרייבן די צענדליגער, אויב נישט הונדערטער, איינציגע בירגער פון אט דער גרויסער אידישער מלוכה... דער, וואס וועט האבן דעם מוט זיך צו נעמען פאר דער ארבעט (ער וועט מוזן זיך באוואפענען מיט געדולד און מיט... א מיקראסקאפ), וועט באקומען זיין לוין. איך וויל דא נאר זאגן, אז אויב אין שלום עליכם'ען איז פאראן עפעס א לייכטקייט, להיפוך צו מענדעלע'ן, וואס

בכלל כאראקטעריסטיש פאר דער פאלקס־שפראך, און שלום עליכם נוצט עס אפט אוים. א שטויגער... „אז ס'איז געקומען צו דער רעטאנדע, מען זאל פארקויפן די רעטאנדע, זאגט די מאמע. אלסדינג וועט זי פארקויפן, נאר נישט די רעטאנדע; פרעגט זי דער טאטע. אויף וואס דארפסטו די רעטאנדע? אין אמעריקע דארף מען נישט קיין רעטאנדע, א. אז. וו. („מאטל פייסי דעם חזנ'ס").

ווענן זיינע כתבים האָט ביאַליק וואונדערלאַך־שיין גזעאָגט, אַז זיי האָבן וואָג, — שפּירט זיך די לייכטקייט נאָר דאָן, ווען מען נעמט יעדן איינציגן ווערק באַזונדער. אַלע אינאיינעם האָבן זיי אַן אומגעהויער גרויס קינסטלעריש און נאַציאָנאַל געוויכט. מען זעט פאַר זיך אַ פעסטן און חשוב'ן בנין, ווען מען נעמט אַרום מיט איין קוק אַלע ווערק שלום עליכם'ס, — אַ בנין, וואָס האָט נישט קיין פיל גאָרנס און קיין הויכע טורמס, דערפאַר אָבער אַ ברייטן פונדאַמענט און אָן אַ שיעור קאַמערן, וואו אין אַ שפּילעוודיגער, ריטמישער אומאָרדנונג רוען און עטעמען, ווער שטאַרקער און ווער שוואַכער, צענדליגער, הונדערטער לעבעדיגע נפשות. מען זעט פאַר זיך דעם אוצר פון אידישן הומאָר, דעם שפּיגל פון אידישע העויות, דעם מוזיי פון אידישע פּרנסות, די ענציקלאָפּעדיע פון אידישער פאָלקסטימלאַכקייט, דעם פּנקס פון אידישע וואָגלענישן, דעם גרויסן פּריינט פון אידישן קינד...

מיר האָבן שוין פריער גזעגן, וואָס פאַר אַ וואונדערלאַכער געשאַנק עס איז דער אידישער ליטעראַטור און דעם אידישן פאָלק אָט דער הומאָר און אָט די קינדישקייט. אָבער דאָס איז ניט סתם אַזוי אַ גרויסער אויפטו, דאָס איז כמעט אַן איבערקערעניש אין דער וועלט פון דעם געשריבענעם אידישן וואָרט.

עס זיינען, אמת, געווען אויך פאַר שלום עליכם'ען אידישע שרייבער מיט הומאָר, און שרייבער, וואָס האָבן זיך געוויצלט און געפּראַוועט המצאות *), אָבער זיי האָבן אָדער קיין גרויסע באַדייטונג נישט געהאַט, אָדער דער הומאָר איז ביי זיי געווען אַ מיטל, ניט קיין ציל פאַר זיך אַליין. אַ שרייבער, אַ גרויסער שרייבער, וואָס איז ניט אויסן עפּעס אויסצולאַכן, נאָר סתם אַזוי זיך לאַכן, ווייל לאַכן איז געזונט, ווייל לאַכן איז מענטשלאַך — אַזאַ שרייבער האָבן מיר פאַר שלום עליכם'ען נישט פאַרמאָגט.

ווייל מיר זיינען אַ „גלות־פאָלק", און עס פעלט אונז פריי־לאַכקייט?

---

*) זע ווייטער „עלעמענטן פון שלום עליכם הומאָר פאַר שלום עליכם'ען".

ניין, עס פעלט אונז ניט קיין פריילאכקייט, כאטש מיר זיינען אין גלות. דאס האבן די קלאגמוטערס אונזערע, וואס האבן ליב קלאגעדיג צו קלאגן, אויסגעטראכט אויף אונז א בלבול, אז מיר האבן אויפגעהאנגען אונזער פידלען אויף די שטומע ווערבעס ביי די טייכן פון בבל און קאנען מער ניט שפילן און קאנען מער ניט זינגען און קאנען מער ניט לאכן. דאס האבן אויסגעטראכט די, וואס מיינען, אז דאס אידיש פאלק — דאס זיינען די אידישע ספרים.

א חוץ דעם ספרים'דיגן לעבן, האט דאס אידישע פאלק נאך אויך א לעבן פון א גאנץ יאר, א לעבן פון שטוב און פון גאס און פון וואַרשטאט און פון קראם און פון קרעטשמע און פון וועגן און פון גערטנער און פון פ א ר ' ן דאוונען און פון נ א כ ' ן דאוונען אין שול און בית־המדרש — און אט דאס וועלטלאכע לעבן איז געווען א לעבן פון פריילאכקייט, ניט נאר פון אומעט, א לעבן פון שמייכל און געלעכטער, ניט נאר פון זיפצן און פון קרעכצן... זאמלט אויף אונזערע אידישע פאלקס־לידער — אבער זאמלט זיי אן פאלשע און נארישע, רחמנות'דיגע פניות — וועט איר זען, וואס פאר א קוואל פון פרישקייט און געזונטקייט עס האט געשלאגן אין דער פאלקס־נשמה און וואס פאר א ליבע קינדישע שמייכלען עס האבן געבליט אין איר! אפילו אין דער ערנסטער, כמורנער, מתנגד'יר־שער ווילנע זיינען די מאטקע חבד'ס און שייקע פייפערס געווען פאלקס־העלדן. זיי האבן זיך דערלויבט — און זיי האט מען דער־לויבט — אלע זאכן, אפילו שחוק וקלות ראש (געלעכטער און פריי־וואליטעט). זייערע ווערטלאך און וויצן האט דאס פאלק ארייג־גענומען און אויסגעהיט אין זיין טייערסטן אוצר — אין זיין שפראך... און איז די אידישע שפראך דען אליין ניט קיין לעבע־דיגער קוואל פון הומאר? איז די „גלות'דיגע" אידישע שפראך ניט צוגלייך אויך די וויציגסטע און שפילעוודיגסטע שפראך אין דער וועלט? זיינען די וואלקנדלאך פון דעם אידישן טרויער ניט באַ־זוימט מיט דעם זילבער פון שמייכל?

ניין, פאר דעם אידישן ל ע ב ן איז שלום עליכם נישט איני־גאנצן ניי געווען, ווען ער האט זיך באוויזן: פון אים, פון זיינע

טיפעניש, איז ער דאָך אַרויסגעקומען. אָבער דער אידישער ליטעראַטור, דער אידישער ספרים־וועלט, איז ער געווען פרעמד.

די אידישע ליטעראַטור איז ווי אַ טעמפּל געווען, וואו עס שטייט אַ מזבח פאַר גאָט: אין אַ טעמפּל איז מען ערנסט און פייערלאַך; אין אַ טעמפּל איז קיין פּלאַץ נישטאָ פאַר לאַבעדיגע... „שקצים, וואָס לאַכט איר, מען דאַוונט דאָך!" — פלעגט זיך בייזערן, געדענק איך, דער שמש פון שול אויף אונז, אינגלאַך שטיפערס. מען טאָר נישט לאַכן, בעת מען דאַוונט. און ווען האָט מען נישט געדאַוונט אין דעם „היכל פון דער אידישער ליטעראַטור"? האָט מען נישט געדאַוונט, האָט מען געלערנט אָדער גע'דרשנ'ט. לערנען און מגידות זאָגן איז דאָך אויך עפּעס אַ מין דאַוונען, אַ שטיק עבודה.

און אין דער אידישער ליטעראַטור האָט מען געהאַלטן אין איין לערנען דאָס פאָלק און אין איין שטראָפן אים... האָט אַ ספרד'ישער משורר, אונטער דער ווירקונג פון דער אַראַבישער פּאָעזיע, געפּרובט אַזוי זיך, סתם אַזוי זינגען, אָן אַ „שיר היחוד" און אָן קינות אָדער סליחות — האָט מען זיין ווערק אין אַלמער ספרים נישט אַריינגעשטעלט... דער לעבנסלוסטיגער עראָטיקער און רענעסאַנס־אַנזאָגער, עמנואל הרומי, איז געווען און גע־בליבן אַ פרעמדער אין דער ליטעראַטור אויף לשון קודש.

טאָמער האָט מען אויף אידיש, אויף דער שפּראַך פון פאָלק, געשריבן (אָדער איבערגעזעצט) „פאַר ווייבער און פּראָסטע מענטשן" פריילאַכע מעשיות — האָבן די משגיחים אויף דער כשרות פון דער אידישער נשמה אין דעם איינגעזען אַ סכנה — און מען האָט אויך די אידיש־ליטעראַטור פאַרפלייצט מיט מוסר־ספרים...

מען האָט געמעגט לאַכן און פריילאַך זיין, מען האָט אָבער נים געטאָרט שרייבן קיין ספרים, וואָס מאַכן לאַבעדיג און פריילאַך. אין יאָר 1824 האָט אַ פריילאַכער יונגערמאַנטשיק אין ווילנע אָפּ־געדרוקט אַ הומאָר־פולע פּאַראָדיע, „ספר הקונדס" — האָט עס ווילנער קהל מחרים געווען און פאַרברענט. ווילנער קהל'ס־לייט, אָט די חשוב'ע און געזעצטע בעלי־בתים, האָבן זיכער געלאַכט הויך אויפ'ן קול, בשעת מען האָט זיי פירגעלייענט דעם קונדס'דיגן „ספר

הקונדס". אָבער טאַקע דאָס האָט זיי אַריינגעבראַכט אין גרימ־צאָרן... אַ קונדס — מהיכי תיתי! אָבער אַ ספר הקונדס — דאָס ניט!

אַ ספר איז אַ הייליגע זאַך. אַ ספר מוז זיין „ערנסט". אַ ספר קאָן אייך לערנען, ווייזן דעם וועג פון לעבן, פּאַרטייטשן די תורה הקדושה, לויבן גאָט'ס ווערק, וויינען אויף גלות־השכינה, זוכן דעם קץ, מאַכן פּשט'לאַך, פּלפּול'ען זיך, מוסר זאָגן, שפּאָטן, אָבער — נישט לאַכן.

אפילו די השכלה־ספרים האָבן נישט געלאַכט, נאָר אָפּגעלאַכט; נישט געשמייכלט, נאָר געשטאָכן זיך. אַ וואָלקן, אַ כמאָרע הענגט איבער דער גאַנצער השכלה־ליטעראַטור. טאָמער שלאָגט זיך דורך דער כמורנעקייט אַמאָל אַ פּאַס ליכט, איז עס אַ שאַרפער שניידנ־דיגער בליץ, נישט קיין מילד גלעטנדיג זון־שמייכל.

אייזיק מאיר דיק איז געווען אַ שמייכלדיגער משכיל, האָט אויך ער דאָס ליכט און די וואַרמקייט פון זיין ליבן שמייכל באַהאַלטן, געמוזט באַהאַלטן אונטער דעם גרויען אַש פון מוסר־זאָגעריי. היינט ווער רעדט שוין — ר' מענדעלע — ער האָט אַליין מיט'ן גוטן (און שטאַרקן!) ווילן געשמידט זיין הומאָר אין די קייטן פון סאַטירע...

איז געקומען זיין „איניקל" — און צעבראָכן די קייטן, און פריי געמאַכט דעם „פאַר'כשופ'טן בן־מלך" — דעם גוטן און ליבן הומאָר.

ניט לייכט איז עס אים אָנגעקומען. מיט זיך אַליין האָט ער מלחמה געהאַלטן. ער איז אַליין געווען פאַר'כשופ'ט פון דער ערנסטקייט און כמורנעקייט פון דעם אידישן ספר. ער האָט זיך געווען געמאַטערט אויך אַליין זיין „ערנסט", השכלה'דיג, מוסר'דיג. ער האָט זיך געווען איינגעשפּאַנט אין דעם שווערן שליטן פון דעם „זיידנס" סאַטירע. אָבער אין האַרצן האָט ער געוואוסט, אַז דאָס איז „ניט זיין שליטן", און נאָך אין יאָהר 1886 האָט ער, אין אַ בריוו צו י. ח. ראַווניצקי, געשריבן: „... זעט איר, שפּעטן, אויס־לאַכן, חוזק מאַכן, אַריינקריכן יענעם אין די גרגרת און פונדעסט־וועגן צושטעלן דעם לעזער פאַרגעניגן, אַז ער זאָל מיך פאַר מיין חוזק מאַכן אויך

ליב האבן — זעט איר, אַט דערויף בין איך אַ מזיק, אַ כוואַט, וויפיל איר ווילט". ער האָט שוין דאָן געוואוסט, אַז דער לעזער וועט ניט נעמען זיך אַזוי שטאַרק צום האַרצן זיין „חוזק מאַכן" און וועט אים ליב האָבן פאַר דעם פאַרגעניגן, וואָס ער פאַר־שאַפט אים. ער האָט שוין דאָן געוואוסט, אַז ניט בעסער (און דורכדעם אויך לייכטער) מאַכן דאָס לעבן איז ער געקומען, נאָר, פאַרקערט, לייכטער (און דורכדעם אויך בעסער) מאַכן עס — איז זיין שליחות אין דער אידישער וועלט.

און ער האָט אַזוי ווי געזאָגט צום זיידן פון דער נייער און צו די זיידעס פון דער אַלטער אידישער ליטעראַטור:

— ליבע האַרציגע זיידעס! אייך געפעלט ניט די וועלט, און איר ווילט זי איבערמאַכן. איר זייט גערעכט, וואָס זי געפעלט אייך ניט, און אפשר וועט איר זי טאַקע איבערמאַכן. צי וועט איר זי אָבער גליקלאַכער מאַכן? צי וועט איר אויסקערן די רואיגקייט און די זוניגקייט און דעם שמייכל, וואָס גאָט האָט איר געשענקט, ווען ער האָט זי אין די ערשטע זעקס טעג באַשאַפן? איז אפשר אַ סברא, אַז מיר זאָלן ניט וואַרטן ביז מיר וועלן ווערן אַנדערע, בעסערע — ווער ווייס, וויפיל דאָס וועט דויערן — און שוין איצט אַ ביסעלע רואיג און אַ ביסעלע זוניג און אַ ביסעלע שמייכלדיג זיין? וואָס קומט אַרויס פון חוזק מאַכן און פון ביטערניש? חוזק רוט ניט און ביטער איז — ניט זיס. לאָמיר רואיגע זיין, לאָמיר לאַכן פון אונזערע פעלערן און פון אונזערע ליידן: לאַכן איז געזונט, קלוגע דאָקטוירים הייסן לאַכן...

און צווישן די כמורנע שווייגנדיגע ווענט און הייליגע מזוזות פון דעם אַלטן „טעמפּל", לעבן די הויכע און ברייטע אַלמערס ספרים, האָט זיך דערהערט אַזאַ הילכיגער, אַזאַ געזונטער און שטאַרקער און אַנשטעקנדיגער געלעכטער, אַז די שווערע טירלאַך פון די אַלמערס האָבן זיך אַזש צעעפנט פון וואונדער און די שטרענגע, קאַלטע, טרוי־קענע, פאַרגליווערטע, פירעקיגע אותיות זיינען אַזוי ווי מילדער, ווייכער געוואָרן, און אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך אַליין צעשמייכלט אומגעריכטערהייט...

דאָס איז געווען אַ שטילע רעוואָלוציע אין דעם לאַנד פון שאָטנס און געלע בלעטער.

דאָס איז געווען אַ זיגרייכע רעוואָלוציע...

ווען מען נאָך פון די נייע אידישע שרייבער האָט דאָס אידישע פאָלק אָנגענומען און אנערקענט אַזוי, ווי עס האָט אָנגענומען און אנערקענט שלום עליכם׳ען?

כמעט אַלע שרייבער אונזערע זיינען געקומען פון פאָלק און פיל פון זיי זיינען געגאַנגען צו אים; אָבער ווער איז דערגאַנגען? ווער איז דערגאַנגען צום גאַנצן פאָלק, צו אַלע זיינע טיילן און גלידער און צו אַלע זיינע קלאַסן, פון אויבן ביז אונטן? ווער איז אַזוי איינגעבאַקן און אַזוי איינגעוואַקסן געוואָרן ביים פאָלק אין הארצן און אין זכרון און אין שפּראַך, ווי שלום עליכם?

ער איז דער איינציגער אידישער שרייבער, וואָס איז צוריק געוואָרן דאָס, וואָס עס ער איז נאָך אין אָנהויב געווען — פאָלקס־קראַפט, פאָלקס־שפּיל, פאָלקס־רו, פאָלקס־שמייכל און פאָלקס־ווערטל.

ער איז דער איינציגער אידישער פאָלקס־שרייבער, וואָס האָט כמעט אויפגעהערט צו זיין שרייבער און איז געוואָרן — פאָלק.

און טאַקע דערפאַר איז ער געווען דער ערשטער ערנסטער נצחון פון אונזער בוך איבער אונזער ספר...

דער ספר׳דיגסטער איד הערט, וואָס ער זאָגט און לאַכט זיין געלעכטער...

אמת, ער הערט אים, ווי אַ זאָגער, ער לייענט אים ניט, ווי אַ שרייבער. ער שטעלט אים ניט אריין אין זיין אַלמער ספרים, נאָר ער לעגט אים אַוועק אויפ׳ן טיש, ווי כיבוד, פאַר געסט, ער לעגט אים אריין אין רייזע־טאַש, ווען ער פאָרט אין וועג. ער קוקט אויף אים ניט ווי אויף ליטעראַטור, נאָר ווי אויף אַ טייל פון זיין געבענטשער באַלעבאַטישקייט, ווי אויף אַן אנגענעמער לעבנס־באַקוועמלאַכקייט. אָבער אויך דער אַלטער אידישער ספר איז ניט געווען קיין „ליטעראַטור" אין דעם גוי׳אישן זינען פון דעם דאָזיגן וואָרט, אויך דער אַלטער ספרים־שראַנק איז ניט געווען קיין „ביבליאָטעק", נאָר אַ טייל פון דער הויז־מעבלירונג, אַ שטיק אידישע איינגעפונדעוועטקייט און פאַמיליענהיימלאַכקייט.

דער אַלטער אידישער ספר האָט זיין חשוב׳ן אָרט פאַרנומען

א דאַנק זיין געוויכטקייט, זיין „הייליגקייט״; שלום עליכם פאַר־נעמט אים אַ דאַנק זיין לייכטקייט און זיין „פּראָסטקייט״. אין דעם אַלטן אידישן ספר רעדט דאָס פאָלק מיט גאָט; ביי שלום עליכם׳ען רעדט עס — מיט זיך אַליין...

קיינער האָט צווישן די, וואָס שרייבן אידיש, נישט פאַרדינט אַזוי כשר דעם נאָמען פאָלקס־שרייבער, ווי אונזער גרויסער הומאָריסט.

זיין זיידע, ר׳ מענדעלע, שאַפט אין גייסט, אין גוסט פון פאָלק, אָבער ער גיט אונז נאָר פאָלקסטימלאַכקייט, נאָר פאָלקס־שאַפונג. פּרץ איז אפילו נאָר פאָלקסטימלאַך, ער איז עס ניט אפילו אין די „פאָלקסטימלאַכע געשיכטן״, ער איז תלמיד־חכם׳דיג אינטעליגענטיש. צווישן די נייע, די אינגערע שרייבער זיינען דאָ פאָלקס־מענטשן, אָבער אפילו זיי, אפילו אַ וויסנבערג, זיינען באַהעפט מיט די פאָלקס־וואָרצלען נאָר אונטן, ערגעץ אין אַ טיפער טיפעניש, בעת אויבן, אין דעם פאָרם, זיינען זיי ניט קיין איינפאַכע פאָלקס־זין, נאָר פאָלקס־אינטעליגענטן, וועלכע שפּיגלען אָפּ אין זיך גיכער די באַוועגונג, די דינאַמיק פון פאָלקס־גייסט, איידער זיין שטאַנהאַפטיגקייט און באַשטענדיגקייט. שלום עליכם גיט אונז אָט די איינגעשטעלטקייט. ער שיל־דערט ניט מענדעלע׳ם אומבאַוועגלאַכן און פאַרגליווערטן קאַב־צאַנסק, ער מאָלט די רירעוודיגע כתרילעווקע, כתרי־לעווקע, וואָס האָט זיך אויפגעטשוכעט פון שלאָף און — די אויגן נאָך ניט אויסגעריבן — אַוועקגעלאָזט זיך אין דער ווייטער וועלט אַריין. ער קרימט נאָך אַזוי קונציג אָט די משונה׳דיגע אידישע צערודערטקייט, צעטראָגנקייט, צעדרייטקייט, אָבער דוקא אין אָט דער אומרואיגקייט און תמיד׳יגער צאַפּלעניש פון דעם היינטיגן אידן האָט ער אונז געוויזן דאָס שטאַנדהאַפטיגע און איינגעשטעלטע, וואָס אין אים. אין זיינע ווערק זעט מען די גאַנצקייט, די איינ־גוסיגקייט, די געשלאָסנקייט פון דעם פאָלקס איך אפילו דאַן, ווען זיי ווייזן אונז דעם פאָלק בעת עס רירט זיך פון אָרט און ווערט צעזייט און צעשפּרייט.

די דאָזיגע גאַנצקייט פון פאָלקס איך איז בולט אויך ביי מענ־דעלע׳ן, אָבער מענדעלע גראָבט טיף אין פאָלקס־גייסט און דאָרט,

אין דער טיפעניש, זוכט ער זיין קערנדל, זיין תמצית, זיין תוך. פרץ, ווידער, מיט זיך צו דערהויבן דעם פאָלקס־גייסט און ווייזן אונז זיין העכסטן שפּיץ, זיין שבת'דיגקייט. שלום עליכם פאַרטיפט זיך ניט אין תוך־זאַכן און גייט ניט דווקא באַרג־אַרויף; ער זאָגט צום פאָלק:

— איך בין מיט דיר אויף אַלע וועגן. איך בין דיין מויל — רייד דורך מיר! ווי דו ווילסט, ווי דו קאָנסט, אַזוי רייד! איך צייכן ניט קיין גרעניצן, איך בויג מיין קאָפּ איין — זאָל זיך גיסן איבער מיר דיין פרישער לעבנס־שטראָם!

ער זאָגט:

— איך בין, מיין פאָלק, דיין שפּיגל, — שפּיגל זיך אין מיר! איך וועל ניט פאַרבעסערן, כ'וועל נאָר פאַרגרעסערן דיין בילד און געדיכטער מאַכן די פאַרב, כדי עס זאָל קאָנטיגער זיין ווי דער שאָטן, אַזוי אויך דאָס ליכט...

איך וועל ניט אָפּטיילן זיך פון דיר אויף איין האָר אין מיינע ווערק. איין גוף וועלן מיר זיין און איין נשמה. איך וועל אינ־גאַנצן פאַרגעסן אָן זיך, ניין, איך וועל ניט האָבן גאָר אָן וואָס צו פאַרגעסן, ווייל ווען איך וועל דיך שילדערן, וועל איך זיין — דו... איין זאַך נאָר וועל איך געדענקען. איך וועל געדענקען, אַז לייכטער צו ווערן דיין מויל, דיין גייסט, דיין מעדיום איז מיר דאַן, ווען דער אומעט און דער טרויער, די וואָלקנס, וואָס באַטרייבן דיין געמיט, ווערן ניט, און אויף דיין אַלטן קלוגן געזיכט שיינט אַ שמייכל אַ ליכטיגער, ווי די זון אויפ'ן אויסגעלייטערטן הימל... איך וועל ניט פאַרגעסן, אַז דיין אָפּשפּיגלען זיך אין מיר איז בעסער, ווי אַלע מאָל דאַן, ווען דו וואַרפסט פון זיך אַראָפּ אויף אַ רגע די משא פון ליידן און פּלאָגן, וואָס דריקן דיך, ווען דו פאַרטרייבסט פון זיך די עצבות, ביזט גובר דעם יצר־הרע פון קלאָגן זיך אויף דיין ביטערער מערכה, ווען דו ווערסט פריי און ריין און געלייטערט און קוקסט אויף דער וועלט און אויף זיך אַליין מיט אויגן שמייכלענדיגע, רואיגע און קינדישע... דיין קינדישקייט — זי איז מיר נעענטער ווי אַלץ... מיט דיינע קינדער, די קליינע און די דערוואַקסענע — מיט דיין

מאַטל פּייסי דעם חזנ׳ס און מיט דיין טביה דעם מילכיגן — בין איך מסוגל צו באַהעפטן זיך, ווי מיט ברידער, ווי מיט דעם בעסערן טייל פון מיין אייגענעם איך.

אָבער ניט נאָר דיינע קלוג־נאַאיווע טביה׳ס — אויך דיינע נאַריש־נאַאיווע דערוואַקסענע קינדער — דיינע יעהופּעצער מנחם מענדל׳ס וועל איך שילדערן מיט טריישאַפט און גוטסקייט: — מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן! איך וועל ניט וועקן צו זיין קיין האַס, קיין פאַראַכטונג, חלילה. איך וועל ניט אָפּלאַכן פון זיי, ווי אַנדערע טוען, איך וועל נאָר לאַכן, גוטמוטיג, האַרציג, כשר לאַכן, ווייל דאָ, און נאָר דאָ, ווען איך לאַך און שמייכל, בין איך ביי זיך, דאָס הייסט, ביי דיר, אין דערהיים...

אַט דאָס איז די שטים, וואָס מיר הערן אין דעם גרעסטן און בעסטן טייל ווערק פון דעם דיכטער, וועלכער האָט די פאַרכמאַרעט־קייט, די אומרואיגקייט און ניט־קינדישקייט, וואָס איז געווען אין אים, ווי אין יעדן, אָפּגעגעבן זיין פּריוואַטן וואָכעדיגן לעבן, כדי ריין און פריי און צוגעלאָזן און קינדיש און שמייכלענדיג צו זיין, שילדערנדיג דאָס פאָלק.

די צוגעלאָזטקייט, די קלוגע גוטסקייט, די גאָט׳ס־געבענטשטע שמייכלדיגקייט איז איינער פון יענע כחות, וואָס האָבן געהאָלפן שלום עליכם׳ען שאַפן זאַכן, וואָס דאָס פאָלק לעבט זיי איבער אַזוי, ווי ווען עס וואָלט זיי אַליין געשאַפן, ווי ווען זיי וואָלטן געווען פאָלקלאָר, ניט דאָס, וואָס מען רופט אָן ליטעראַטור.

יע, שלום עליכם איז ניט ליטעראַטור. ליטעראַטור איז מענדעלע, פּרץ, אַש. שלום עליכם איז אַ טייערער, געשמאַקער כיבוד צום טיש, ווען געסט קומען; אַ גוטע זאַך, ווען ס׳איז ניטאָ מיט וועמען צו פאַרברענגען אין וואָגאָן; גוט אויף אַן „אָוונט", וואו מען וויל אַ ביסל הנאה האָבן פון עולם הזה; ס׳איז נישטאָ קיין בעסערע זאַך, ווי אַ שטיקל שלום עליכם, ווען אַ איד איז אין דער פרעמד און עס בענקט זיך און עס גלוסט זיך צו דערמאָנען זיך אָן דער היים, אָן דעם היימישן לשון, אָן אַלטע גוטע באַקאַנטע... נישטאָ

קיין בעסער מיטל צו דערפילן זיך ווי אין דערהיים, אין כתרילעווקע ביי זיך, צווישן אייגענע מענטשן, — ווי הערן שלום עליכם'ס א מעשה... איך זאג „ווי הערן", ווייל שלום עליכם'ען האט דער עולם ליב ניט אזוי לייענען, ווי הערן: דאס איז דען א בוך? דאס איז א טעאטער, א במקום קלוב.

יע, שלום עליכם איז ניט ליטעראטור. שלום עליכם איז א טייל פון דער אידישער פאמיליען־סביבה, פון דער שטוביגער באַלעבאטישקייט, אזוי ווי דער „מזרח", דער „כותל מערבי", דער „ווילנער גאון", דער „ליובאוויטשער רבי" אויפ'ן וואנט דארט; איז עס מאלעריי, „קונסט"? — ניין, דאס איז אזא מין כלי־בית... אין אידישן הויז, ווי אינ'ם אידישן לעבן, איז נאך ניטא דערווייל קיין ארט פאר „קונסט"־זאכן; פאראן דארט פלאץ פאר שיינע זאכן, וואס דאס פאלק אליין האט געשאפן. פאראן דארט פלאץ און רחבות פאר שלום עליכם'ען.

2. דאָס אידישע און דאָס אוניווערסאַלע אין טביה דעם מילכיגן.

א. פראָלאָג.

טביה דער מילכיגער*) איז דאָס אינטימסטע בוך שלום עליכם׳ס. טביה איז, לויט זיין אינעווענינגסטן תוך, שלום עליכם אַליין, שלום עליכם אין זיין העכסטער און איידעלסטער מדרגה.

אין אַנדערע ווערק האָט אונז שלום עליכם געוויזן, וואָס ער קאָן; אין „טביה׳ן" זעען מיר, וואָס ער איז. וואָס ער איז אין דער פאַרבאָרגענער פּנימיות פון זיין נשמה.

אויך אין דער געשטאַלט פון מנחם מענדל איז דאָ עפּעס פון דעם דיכטער׳ס אייגענעם לעבן, אָבער דאָס איז נאָר זיין אויסער־לאַבע ביאָגראַפיע. „טביה דער מילכיגער" איז זיין אינווענינגסטע אויטאָביאָגראַפיע. טביה איז זיין שבת, בעת מנחם מענדל איז בלויז דאָס שפּיל פון אינדערוואָכן **).

נאָענט צו טביה׳ן זיינען די קינדער־געשטאַלטן, דערהויפּט

*) אין דער פאָלקס־פאָנד אויסגאַבע רופט זיך עס „גאַנץ טביה דער מילכיגער", אָבער דאָס איז בלויז אַ פאַרלעגערישער, נישט דער אמת׳ער נאָמען פונ׳ם בוך.

**) אין אַ בריוו (פון יאָר 1909) צו איינעם אַ ה. יצחק יאַמפּאָלסקי האָט שלום עליכם זיך אידענטיפיצירט מיט זיינע צוויי באַרימטע העלדן. „זאָגט אייך, וואָס איר ווילט, האָט ער געשריבן אין יענעם בריוו, קיין שונאים האָב איך ניט, ווייל טביה איז אַ בעל בטחון און מיין מנחם מענדל גלויבט דער גאַנצער וועלט („שלום עליכם בוך", ז. 227).

מאטל פייסע דעם חזנ׳ס אינגל — אָט די קינדישע קלוגשאַפט, די קלוגע קינדישקייט. נאָענט צו טביה׳ן זיינען אין אַ געוויסן זינען די ראָמאַן־העלדן: סטעמפּעניו, יאָסעלע סאָלאָוויי, לעאָ ראַפּאַלעס־קאָ. אויך זיי האָט שלום עליכם איינגעטיילט אַ טייל פון זיין העכערן איך. אויך זיי ווייזן אונז דעם וועג צו זיין אידעאַל, צו זיין האַרץ און נשמה. אויך זיי וועקן אין אונז געפילן פון אכטונג און ליבשאַפט, ניט קיין שפּאַס און גלעכטער, ווי אַנדערע פאַרשוינען.

אָבער צו טביה׳ן איז אונזער צוגעבונדנקייט און אונזער ליבע נאָך אַן אויסערגעוויינטלאַכע.

די קינדער־געשטאַלטן האָבן מיר האָלט פאַר זייער קינדישקייט, די ראָמאַן־העלדן — פאַר זייער העלדישקייט. טביה׳ן האָבן מיר ליב פאַר זיין מענטשישאַפט. אין אים זיינען בולט געוואָרן ניט נאָר, ווי אין יענע, איינציגע שיינע שטריכן פון דעם מענטשנ׳ס נשמה. אין אים איז צום אויסדרוק געקומען די עצם אידייע פון איידעלער מענטשלאַכקייט.

דאָס האָט דער ערשטער פיינער און באַגייסטערטער אויס־טייטשער פון שלום עליכם׳ס שאַפן, בעל־מחשבות, נישט באַמערקט. ער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען מנחם מענדלען, אָבער פאַר טביה׳ס אינעווייניגסטן לעבן איז ער געבליבן שטיין אַזוי ווי אומבאַהאָלפן. דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט געזען אין אים דעם אידן, נאָר דעם אידן. ער האָט פאַרזען דאָס אוניווערסאַלע, דאָס אַלגעמיין־מענטש־לאַכע, וואָס אָטעמט אַרויס פון אונטער טביה׳ס נאַציאָנאַלע בגדים.

פון טביה׳ן דעם אידישן, דעם עטנאָגראַפישן טיפּ איז נישטאָ גאָר אַזוי וואָס נתפּעל צו ווערן. איך ווייס ניט, צי איז טביה גאָר אַזוי דורכאויס געראָטן פון עטנאָגראַפיש־רעאַליסטישן שטאַנד־פּונקט. אמאָל איז ער קליינשטעטלדיג־תמ׳עוואַטע, שיר ניט נאַריש, און אמאָל — קלוג און ביז גאָר איידל און טיף; ווי שיקט זיך עס? זיינע רייד זיינען אָפט אַזוי פיין, אַזוי שיין, אַז עס איז שווער גאָר צו גלויבן, אַז אַ וואָלינער ישוב׳ניק זאָל אַזוי קאָנען ריידן.

ווי אַ סביבה־טיפּ, ווי אַ שטיק לעבנס־שטייגער און ווי אַ שטיק לשון, ליידט טביה, אגב, פון איבער׳חזר׳ונגען. דעם ים ווערטער און ווערטלאַך און פסוקים, וואָס צוליב זיין ברייט־צעגאָסענעם

איבערפלאך באמערקט נישט דער עולם די פערל, וואס ליגן דארט אונטן, — אט דער ים מיט ווערטלאך און פסוקים און טייטשעניש שפרייט זיך אוים פאר אינז אין זיין גאנצער פאלקלאריסטישער פארביגקייט שוין אין דעם ערשטן מאנאלאג. אין אלע ווייטערדיגע מעשיות איז עס אפט שוין נישט מער ווי א סטערעאטיפ, נישט מער ווי יענער סקארבאווער נוסח, וואס מיט אים הויבט זיך אן און לאזט זיך אוים געוויינטלאך יעדער בריוו, — אלץ איינס, וואס עס שטייט אין דעם געשריבן...

ווען אין טביה דעם מילכיגן זאל זיין נישט מער ווי דאס, וואס מען זעט אין אים געוויינטלאך, נישט מער, ווי דאס פאלקלאריסטישע און אידיש-סביבה׳דיגע, וואלטן מיר פון אים גאר ניט אזוי גע־רירט געווען. מיר וואלטן באמערקט אין אים די טבע, וואס שלום עליכם האט, צו לאזן זיינע פארשוינען ריידן, וויפיל זייער הארץ גלוסט און נישט באנוגענען זיך מיט׳ן עיקר. אויב מיר זיינען גערן מוחל דעם דיכטער אט די „שוואכקייט" זיינע, און נאך מער ווי אומעטום געפינען חן אין אונזערע אויגן, ווען מיר לייענען „טביה׳ן", די „אומקינסטלערישע" מיטלען, דורך וועלכע ער דער־גרייכט זיינע קינסטלערישע צילן, — איז עס נאר דערפאר, וואס אין קיין ווערק זיינעם איז דאס ציל, וואס ער דערגרייכט, נישט אזוי וויכטיג (ווארום אין קיין ווערק זיינעם איז דער אוניווערסאלער אינהאלט, וואס ליגט איינגעוויקלט אין דער נאציאנאלער פארם, ניט אזוי רייך) ווי אין „טביה דעם מילכיגן".

און אזוי ווי אמת׳ע קונסט קומט צו איר הויכער מדרגה, ווען דורך נאציאנאלע (דאס הייסט ארגאניש-אויסגעוואקסענע און פון דורות באפרוכפערטע) אויסדרוקס-מיטלען דערגרייכט זי עפעס איבער־נאציאנאלעס, קאן מען זאגן, אז אין „טביה דעם מילכיגן", וואו דורך דאס אידישע ווערט קלערער און פולער ווי אומעטום דאס מענטשלאכע, — האט שלום עליכם דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה.

און עס לוינט, דעריבער, זיך פארטיפן אין די פשוט׳ע מעשיות פון טביה דעם מילכיגן און פארטייטשן און אויסטייטשן זיי פון אנהויב ביז׳ן סוף. פארטייטשן און אויסטייטשן ניט די פרטים, פארשטייט זיך, נאר דעם עיקר און תוך פון יעדן מאנאלאג.

מען מוז האָבן אין זינען, אַז אין די מעשיות פון טביה דעם מילכיגן איז דאָ עפּעס דראַמאַטישעס.

אין יעדן מאָנאָלאָג באַזונדער רוקט זיך די דערציילונג, רוקט זיך — פּאַמעלאַך, דערנאָך אַלץ האַסטיגער און האַסטיגער — ביז זי דערגייט צו עפּעס אַ פּינטל, וואָס איז אַן אָפּשלוס און אַן אָפּשטעל, כאָטש עס איז נאָך נישט דער אויסלאָז. אָבער נישט נאָר יעדע מעשה באַזונדער האָט אין זיך עפּעס אַן אינעווייניקסטע דינאַמישקייט, נישט געקוקט אויף דער שיר נישט אומבאַוועגלאַכער איינגעשטעלטקייט פון'ם אויסערלאַכן נוסח. אויך אינאיינעם גענומען שטעלן־פאַר מיט זיך די מעשיות (ביז „טביה פאָרט קיין ארץ־ישראל") אַ שטייגנדיגע ליניע. זיי זיינען נישט גלאַט אַזוי אָנגעצויגן אויף איין שנירל. זיי פירן אונז כסדר פון נידעריגערע טרעפּ אויף אַלץ העכערע און העכערע. זיי שטעלן טביה'ן (אין די ערשטע זעקס קאַפּיטלאַך) פאַר נייע און אַלץ שווערערע נסיונות. זיי צווינגען אונז, וואָס ווייטער אַלץ מער, צו פילן, אַז טביה איז ניט, ווי אַנדערע מיינען, אַ פּשוט'ער באַנצע שוויינ, אַ נכנע, וואָס גיט אַלעמען נאָך, נאַר, פאַרקערט, אַ פיין־פילנדיגע נאַטור, אַ כאַראַקטער, וואָס נאָר פון אויבן־אויף זעט ער אויס צו זיין פּאַסיוו און ווייכלאַך, בעת אין דער אמת'ן האָט ער אין זיך אַ טיפע נשמה'דיגע אַקטיווויטעט, אַ הויכע מאָראַלישע ענערגיע, וואָס גיט אים צו מוט און האַלט אים אויף די פיס, ווען אַלץ אַרום שאָקלט זיך און עס דוכט זיך, אַז אָט־אָט וועט זיך אים פאַרדרייען דער קאָפּ און ער וועט פאַלן אין אָנמאַכט... איין געלייטערטע טיפעניש נאָך דער אַנדערער אַנטפּלעקן פאַר אונז די ערשטע זעקס מעשיות אין טביה'ן, ביז מיר דערזעען אים, צום סוף, אין זיין גאַנצער — ליידנדיגער, שמייכלענדיגער און שניינענדיגער — מענטשלאַכקייט...

ב. „דאָס גרויסע געווינס".

די ערשטע מעשה — „דאָס גרויסע געווינס" — איז אַ מין פּראָלאָג צו דער דראַמע: ער גרייט אונז צו צו דעם, וואָס שפּעטער וועט זיין. דאָ בויט זיך נאָך ניט דער בנין פון'ם ווערק. עס ווערט אָפּגעראַמט דער פּלאַץ פאַר'ן געביי. עס זיינען נישטאָ נאָך קיין

אינוועניגסטע געשעעענישן, נישטאָ נאָך קיין טיפע נשמה־זאכן. טביה האָט נאָך נישט אויסצושטיין קיין וויכטיגע נסיונות. עס ווערט נאָר צוגעגרייט די ס ב י ב ה, וואו די דראַמע וועט זיך פאַנאַנדערוויקלען.

עס ווערט, פריער פון אַלץ, אָפּגעשאַפט אַן אויסוועניגסטע מניעה: די נויט, די מאַטעריעלע שפּל'קייט טביה'ס. זי וואָלט זיכער פאַרשטעלט פון אונז זיין אינעווענינסטן טראַגיזם. מיר וואָלטן נישט געפילט — און, ווער ווייס, אפשר וואָלט ער אַליין אויך נישט געפילט אַזוי שטאַרק — די אינעווייניגסטע, נשמה'דיגע יסורים, וואָס אים איז באַשערט אריבערצוטראָגן, ווען ער זאָל בלייבן, ווי פריער, א „ביטערער אָרימאַן", וואָס שטאַרבט, „נישט פאַר קיין אידן געדאַכט, מיט ווייב און קינדער, דריי מאָל אין טאָג פון הונגער, אַ חוץ וועטשערע"... מיר וואָלטן, צוליב דער מאַטעריעלער אָרימקייט, נישט געזען אַזוי גוט די גייסטיגע רייכקייט טביה'ס. און — ווער ווייס — אפשר וואָלט זיין גייסטיגע עשירות גאָרנישט געקאָנט האָבן קיין קיום ביי אַ צו שווערן דלות.

איז נויטיג געווען, אַז טביה זאָל באַקומען, וואָס ער רופט אָן, „דאָס גרויסע געווינס", זאָל אויפהערן צו זיין אַ קבצן אַ האָליעפּירער און ווערן טביה ד ע ר מ י ל כ י ג ע ר, וואָס איז, אמת, „נאָך איצט אויך גאַנץ ווייט פון אַ נגיד", נאָר „ווּעדליג אַמאָל" איז ער „היינט, הייסט עס, אַ איד אַ נגיד מיט אַ פערד און וועגעלע אַן אייגנס, מיט קיין עין הרע בהמה'לאַך אַ פּאָר, וואָס מעלקן זיך, א. א. וו."

פאַרטריבן דעם הונגער פון שטוב, איז מען שוין ניט אַזוי פאַראומערט, פאַר'דאגה'ט, און עס איז שוין דאָ אַ ווינקעלע אין דער נשמה פאַר אַנדערע העכערע, מער גייסטיגע איבערלעבענישן...

די עצם איבערלעבונגען זיינען נאָך נישטאָ אין דעם ערשטן מאָנאָלאָג. טביה'ס שיינע מאָראַלישע פערזענלאַכקייט דאַרף זיך ערשט אַנטפּלעקן פאַר אונז.

עס פילט זיך שוין איצט אפילו, אַז ער איז מיט אַ קאָפּ העכער פון די אַרומיגע, אָבער ער האָט זיך נאָך ניט אָפּגעטיילט אין אונזער באַוואוסטזיין פון דער פאָלקס־מאַסע, וואָס צו איר געהערט ער. ער איז דערווייל נאָך נישט קיין מענטש מיט אַן אייגענעם אָפּגעזונדערטן

אויך. ער איז דערוויל נאָך די פּערסאָניפיצירונג פון דעם אידישן פאָלקס־מענטשן. ער עטעמט נאָך מיט'ן כלל־גייסט פון א מענדעלע מוכר־ספרים. דעם זיידנס השפעה, וואָס פילט זיך אין אַלע מעשיות זיינע, די השפעה פון מענדעלע'ס שטייגער צו שילדערן דעם כלל דורכ'ן פּרט, איז באַזונדער שטאַרק אין „דעם גרויסן גע־ווינס". דער עצם „העלד" פון דער דאָזיגער דערציילונג איז נאָך אייגנטלאך נישט טביה, נאָר די אידישע פאָלקס־מאַסע, וואָס רעדט דורך זיין מויל. אַ שטייגער, זיין אויסגעשריי: „אהא, אַ נישט־גוטער!" ווען ער דערזעט אַרויסגיין פון וואַלד די ווייבער, וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרבלאָנדזשעט, זיין טראַכטן דעם צווייטן מאָל, ווען ער האַלט שוין ביי אַוועקגיין אהיים, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַט — אַלע זיינע אַבערגלויבענישן, ווערטלאַך און המצאות, זיינע אַלע רייד, זיינען אַ שטיק אידישער פאָלקס־שטייגער, אידישער פאָלקלאָר...

ווערטלאַך און גלייכווערטלאַך זיינען דאָ אַ סך אויך אין די ווייטערדיגע געשיכטן; אָבער דאָרט זיינען שוין דער עיקר, ווי מיר וועלן זען, די איבערלעבענישן טביה'ס, ניט די רייד זיינע. דאָ זיינען נישטאָ נאָך קיין אינדיווידואַליזירטע איבערלעבונגען. טביה איז נאָך דאָ אַ שטיק פאָלק, אַ פאַרקערפּערונג פון דעם פאָלקס תמימות און דעם פאָלקס קלוגשאַפט.

דערהויפּט פון דער קלוגשאַפט.

יעדער איינציגער מענטש פון דער מאַסע קאָן זיין נאַריש. דאָס פאָלק אינגאַנצן, דער כלל פאָלק, איז נישט נאַריש. ער קאָן אַמאָל זיין אַ תם (דאָס הייסט נישט זיין תמ'עוואַטע), דאָס רוב איז ער אַ פּקח. אָבער נישט פאַר אַלעמען איז אָפן זיין פּקחות. לויטער אויסדערוויילטע קינדער פון פאָלק האָבן אַ שליסל צו די אָנגע־זאַמלטע אוצרות פון זיין קלוגשאַפט. אַזאַ אויסדערוויילטער פאָלקס־מענטש איז טביה. דערפאַר זיינען אַלע דערציילונגען זיינע פול מיט דימענטן און בריליאַנטן פון קאָלעקטיוון שכל, אָבער געדיכטער ווי אומעטום זיינען אָנגעזעצט די אבנים טובות אין „דאָס גרויסע געווינס". אין דער דאָזיגער מעשה טביה'ס, אַזוי ווי אין די ברי־וועלאַך פון שיינע שיינדל צו מנחם מענדלען, האָט שלום עליכם,

קאָן מען זאָגן, אָראָפּגענומען די סמעטענע פון די אידישע גלייכ־ווערטלאַך...

כדי דער לעזער זאָל עס זען באַשיינפּערלאַך, וועל איך ברענגען כאָטש אַ קורצע, דורכגעזיפּטע, זאַמלונג פון פאָלקסווערטלאַך, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער די עטלאַכע און צוואַנציג זייטן פון „גרויסן געווינס":

1. אַז סע גייט, לויפט עס.
2. קיין טאַנץ גייט נישט פאַר'ן עסן.
3. פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס.
4. אַ משכון פאַרזעצן — און אַ גביר זאָל מען זיין.
5. אָרים איז נישט רייך, קרום איז נישט גלייך.
6. אַז מען האָט טעכטער, פאַרגייט דער געלעכטער.
7. עס איז נישטאָ קיין גלייכערס פון אַ קרומען לייטער, און קיין קרומערס פון אַ גלייך וואָרט.
8. אַ קראַנקן פרעגט מען, אַ געזונטן גיט מען.
9. אַז דאָס האַרץ איז פול, גייען די אויגן אַריבער.
10. אַז עס קומען די מאות, קומען די דעות.
11. אַז מען איז אפשר רייך, איז מען געווים קלוג *).

אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין דעם „גרויסן געווינס" איז דער עיקר נאָך דער פאָלקס־אַטעם, דער כלל־אָטעם, פילט זיך שוין אויך דאָ פונדעסטוועגן דער שטילער הויך פון טביה'ס פערזענלאַכקייט, פון יענער אייגנאַרטיגער פערזענלאַכקייט, וואָס וועט זיך אַנטפּלעקן שפּעטער. דאָס פילט זיך דערהויפּט אין די שטעלן, וואו טביה רעדט נישט אויפ'ן בעל־עגלה־לשון. די דאָזיגע שטעלן מאַכן אונז קלאָר, אַז פאַר אונז שטייט איינער, וואָס נישט נאָר די שכינה פון דעם פאָלקס־גייסט רוט אויף אים, אויך זיין אייגענער גייסט איז איידל און פיין... „שטיל אַרום און אַרום, זאָגט טביה, יעדער קנאַק פון דער בייטש רופט זיך אָפּ אין וואַלד; די זון זעצט זיך;

---

*) דער גאַנצער פאָלקלאָריסטישער מאַטעריאַל, אָט די עשירות, וואָס באַשיינט די ווערק שלום עליכם'ס, מוז גאָר באַזונדער געזאַמלט און אויסגעפאָרשט ווערן. די עטלאַכע ווערטלאַך האָב איך געבראַכט נאָר ווי אַ ביישפּיל פון דעם אוצר, וואָס געפינט זיך בלויז אין איין מאָנאָלאָג.

דער טאָג ער גוסס'ט; די שאָטנס פון די בוימער ציען זיך אויס לאַנג, ווי דער אידישער גלות; עס הויבט אָן ווערן פינסטערלאַך און שטאַרק סומנע אויפ'ן הארצן. פארשיידענע געדאַנקען, מחשבות'ן, קריכן אין קאָפּ אריין. אַלערליי געשטאַלטן פון מענטשן, שוין לאַנג געשטאָרבענע, קומען מיר אַנטקעגן. און דאָ דערמאָן איך מיך די היים, אז אָך און וויי איז מיר!" — אזוי רעדט נישט אַ פשוט'ער פורמאַן. אזוי רעדט (אין מענדעלע'ס סטיל) אַ פּאָעט. און ווען מיר הערן אויס די ווייטערדיגע מעשיות טביה'ס און באַקענען זיך מיט זיין טיפן אינעווענינסטן לעבן, פארשטייען מיר, אז דער דאָזי-גער שטילער, איידעלער, פּאָעטישער סאָרט ריידן פּאַסט פאַר טביה'ן בעסער, ווי די בעל-עגלה-שפּראַך.

און נישט נאָר אויפ'ן פּ אָ ע ט אין טביה'ן, אויך אויפ'ן פ י ל אָ ז אָ ף אין אים האָבן מיר שוין אַן אָנצוהערעניש אין זיין ערשטער מעשה: „גוואלד, גאָטעניו", האָט טביה געטראַכט, ווען מען האָט ביי דעם יעהופּעצער גביר אויפ'ן דאַטשע „געגרייט צום טיש און אָנגעהויבן טראָגן סאַמאָווארן הייסע, מיט בעקנס טיי, מיט צוקער, מיט איינגעמאַכטס, מיט פיינקוכנס גוטע, א. אז. וו., א. אז. וו." — „גוואלד, גאָטעניו, הארציגער געטרייער, דו ביזט דאָך עפּעס אַן אל ארך אפּים, אַ גרויסער גאָט און אַ גוטער גאָט, מיט חסד און מיט יושר, ווי קומט דאָס, דו זאָלסט אוועקגעבן איינעם גאָר, דעם אנדערן גאָרנישט? און צוריק אָבער באַטראַכט איך מיך: עט, ביזט אַ גרויסער נאַר, כ'לעבן, וואָס איך שייך, דו ווילסט א י ם זאָגן אַ דעה, ווי אַזוי צו פירן די וועלט? מסתמא, אז ער הייסט אזוי, באַדאַרף זיין אזוי; אַ סימן האָט איר, אז ווען עס זאָל באַדאַרפן זיין אנדערש, וואָלט דאָך געווען אנדערש. איי וואָס? פאַרוואָס זאָל טאַקע נישט זיין אנדערש? איז דער תירוץ — עבדים היינו, דאַרויף זיינען מיר דאָך עפּעס שטיקלאַך אידן אויף דער וועלט, אַ איד באַדאַרף לעבן מיט אמונה און מיט בטחון" א. אז. וו. און אז איר הערט די דאָזיגע פילאָזאָפישע חקירה'ס טביה'ס, ווייסט איר ניט, צי מיינט ער עס ערנסט מיט די תירוצים, וואָס ער גיט אויף זיינע אייגענע קשיות, אָדער עס שמעקט שוין דאָ אַ ביסל איראָניע, וואָס וואָלט געווען ביטער, ווי גאַל, ווען דער הומאָר זאָל זי ניט פאַרזיסן...

יעדנפאַלס זעען מיר פון די דאָזיגע רייד, אַז אין טביה'ן לעבט עפּעס אַן אומרואיגער פאַרשנדיגער גייסט, און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין אַלע פּרטים פון זיין דערציילונג שפּירן מיר די אידישע פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, נישט געקוקט דאַרויף, וואָס די תמימות פון דער פאָלקס־מאַסע איז זיין תמימות, און איר קלוגשאַפט — זיין קלוגשאַפט — האָבן מיר שוין דאָס געפיל, אַז דאָס, וואָס ער וועט אונז דערציילן, וועט שייך זיין ניט נאָר צום כלל, צו דער אידישער מאַסע, נאָר אויך צו אים אַליין...

ג. „אַ בוידעם".

אָבער נאָר ביסלאַכווייז, שריט ביי שריט, גייען מיר איבער פון דער כלל־נשמה, וואָס אין טביה'ן, צו זיין אייגענער, אינדיווידועלער, פּסיכאָלאָגיע. אין דער צווייטער דערציילונג — „אַ בוידעם" — פאַרנעמט נאָך אַלץ דעם אויבנאָן דאָס קאָלעקטיווע לעבן פון דער אידישער מאַסע. טביה'ס פּערזענלאַכע דראַמע הויבט זיך שוין אָן, אָבער זי איז נאָך פאַרבונדן און פאַרקניפּט מיט דער לעבנס־דראַמע פון דעם גאַנצן אידישן קבוץ.

„אַ בוידעם" איז אַ פּרק קינסטלעריש פאַרקערפּערטע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיע. עס באַגעגענען זיך אין דער מעשה שטעטל און שטאָט — טביה דער מילכיגער און מנחם מענדל מיעהופּעץ.

מנחם מענדל איז, ווי טביה רופט אים אָן, „אַ פליער, אַ ברענער, אַ לויפער. אַ דרייער, אַ נעכטיגער טאָג", „היינט אַ נגיד, מאָרגן אַ קבצן און ווייטער אַמאָל אַ נגיד און ווידער אַמאָל אַן אביון". ריכטיג האָט בעל־מחשבות אים אָנגערופן „דער אימפּעט פון דעם אידישן (גרויס־שטעטישן) לעבן"... טביה'ן דעם קליינשטעטלדיגן אידן, איז פרעמד דער אימפּעט. אָבער עס איז נישט ריכטיג בעל־מחשבות'עס מיינונג, אַז טביה איז די פאַרגליווערטע רו. אפילו ווי אַ כלל־טיפּ, ווי אַן עטנאָגראַפישע פיגור, קומט אים ניט אַזאַ כאַראַקטעריסטיק. עס איז דאָ אין אים, ווי אין דער גאַנצער פאָלקס־מאַסע, רו, אָבער נישט קיין פאַרגליווערטקייט. מיר זעען דאָס טאַקע אין דער מעשה, וואו טביה ווערט געשטעלט אַנטקעגן מנחם מענדלען.

מיר זעען, ווי טביה שטרעבט צו אַן אַנדער לעבן, אַ בעסערן. אַ מענטש (אָדער אַ קיבוץ), וואָס איז פאַרגליווערט, זיצט ווי אַ וואָרים אין כריין און מיינט, אַז קיין זיסערס איז נישטאָ. טביה ווייס, אַז ס'איז דאָ „זיסערס", און ער וויל עס דערגרייכן. אַ סימן, אַז ער איז נישט פאַרשטיינערט אין זיין רואיגקייט.

שוין אין דער ערשטער מעשה זיינער ציַיגט ער אונז, ווי אומ־צופרידן ער איז מיט זיין מערכה. מיר זעען דאָרט, מיט וואָס פאַר אַ ברען ער כאַפּט זיך פאַר אַ נייער, פעטערער פּרנסה, ווי נאָר ער קריגט די מינדסטע מעגלאַכקייט דערצו: געקומען אַהיים מיט די „זיבן און דרייסיג קאַרבן", די מתנות, וואָס ער האָט געקראָגן פון דעם יעהופּעצער נגידס משפּחה, טראַכט ער נישט (ווי עס וואָלט געטאָן, אַ שטייגער, אַ רוסישער פּויער פאַר דער רעוואָלוציע, ווען ער איז באמת געווען פאַרגליווערט), וואו צו באַהאַלטן דאָס געלט, ער טראַכט וואָס צו טאָן דערמיט. „גיב מיר, זאָגט ער, בעסער אַן עצה, גאָלדע סערדצע, וואָס טוט מען מיט'ן געלט". געלט איז גע־מאַכט געוואָרן, אַז מען זאָל עפּעס טאָן דערמיט — דאָס פאַרשטייט דער קליינשטעדטלדיגער טביה דער יגיע כפּים'ניק, פּונקט אַזוי גוט ווי מנחם מענדעל, דער לופט־מענטש פון דער גרויסער שטאָט יעהופּעץ. אַ ניצוץ פון מנחם מענדלען, פון זיין פּרנסה־אימפּעט, שטעקט, אַ פּנים, אויך אין טביה'ן. אויך ער וויל נישט בלייבן ביים ביטערן דלות. אויך ער, דער כלומר'שטער פאַטאַליסט און בעל־בטחון, וואָס זאָגט, אַז „וויבאַלד ער (גאָט) הייסט, באַדאַרף זיין אַזוי", זאָגט עס נאָר דאַן, ווען קיין אַנדער ברירה איז נישטאָ. איז דאָ אַ ברירה, מיט ער זיך מיט אַלע כחות צו מאַכן אַנדערש, בעסער, ווי עס איז. באַקומען די „זיבן און דרייסיג קאַרבוינים", איז ער אַ גאַנצע נאַכט מיט זיין ווייב גאָלדע אָפּגעזעסן איבער דער האַר־בער שאלה: „וואָס קאָן מען מאכן, קיין עין־הרע, מיט אַזאַ קאַ־פּיטאַל" — „און מיר האָבן ביידע, זאָגט ער, גענומען טראַכטן אַהין, אַהער, דאָס, יענץ, געבראָכן זיך דעם קאָפּ, אויסגערעכנט, וואו ערגעץ אַ געשעפט אויף דער וועלט. יענע נאַכט האָבן מיר איבערגעהאַנדלט מיט וואָס איר ווילט: געקויפט פערדלאַך אַ פּאָר און באַלד טאַקע זיי פאַרקויפט מיט רוחים; געעפנט אַ באַקאַליינע קלייט אין בוי־בעריק, אויספאַרקויפט די סחורה און באַלד געעפנט אַ שניט־קראָם;

געהאַנדלט אַ שטיקל וואַלד, געכאַפּט אַפּטריט־געלט עטלאַכע קערבּ־לאַך און אַנטלאָפן; געפּרובט אויסדינגען די אַנאַטעוקער טאַקסע, נעמען דעם „פּראָיעקט", געמאַכט אַ ביסל הלוואה, אָפּגעגעבן דאָס געלט אויף „פּראָצענט"... הכלל, אין טביה'ן האָט אויפגעוואַכט דער ניצוץ פון מנחם מענדל מיעהופּעץ, ווי נאָר ער האָט געקראָגן עטלאַכע רובל במזומן. אָבער טביה איז פאָרט נישט מנחם מענדל. ער איז געוווינט צו האָרעווען, צו אַרבעטן מיט די הענט, ניט נאָר מיט'ן מוח! סוף כל סוף איז ביי אים מיט דער ווייב געבליבן דער פּלאַן — צו דער מאורע בהמה, וואָס די יעהופּעצער נגידית'טע האָט אים געשענקט, צו קויפן נאָך אַ בהמה אַ מעלקעדיגע, וואָס גיט מילך, און ציען דערפון חיונה. טביה ווערט נישט קיין פליער, קיין לויפער, קיין לופט־מענטש, קיין מנחם מענדל. ער בלייבט אַ האָרעפּאַשניק, אַ מענטש, וואָס מיט דער אייגענער מי זוכט ער צו דערשלאָגן זיך צו אַ שטיקל תכלית. דערמיט ענדיגט זיך די ערשטע מעשה.

דער שטילער, פאַרבאָרגענער פאָדעם, וואָס פאַרבינדט טביה'ן מיט זיין קרוב מנחם מענדל, רייסט זיך דאָך ניט איבער. טביה קאָן נישט ווערן אליין קיין מנחם מענדל, ווערט ער אַ שותף זיינער. און די צווייטע געשיכטע טביה'ס, „אַ בוידעם", איז די געשיכטע פון אָט דער שותפות, די געשיכטע פון דער קרובה'שאַפט, וואָס איז פאַראַן צווישן דעם אידישן שטעדטל און דער אידישער שטאָדט, נישט געקוקט אויף דעם טיפן אונטערשייד, וואָס עקזיסטירט צווישן זיי.

טביה מיט זיין אַרבעטס־פּסיכאָלאָגיע הויבט ניט אָן צו פאַר־שטיין, ווי אַזוי וועט דאָס מנחם מענדל, ביי זיין גאַנצער בריה־שאַפט, פון די הונדערט רובל, וואָס ער בעט ביי אים לייען, „מאַכן — צוויי, פון די צוויי — פיר, פון די פיר — אַכט, פון די אַכט — זעכצן", פונדעסטוועגן נעמט אים אָן אַ חשק נישט אויף קאַטאָוועס, עס צעשפּילט זיך אין אים דער כח הדמיון פון דעם געבוירענעם מזרח־מענטשן, די מנחם־מענדל־פאַנטאַזיע, וואָס דרעמלט, ווי אַ מעגלאַכקייט, אין אונז אַלעמען, ווי אין קינדער פון אַ האַנדלס פאָלק, און ער גלויבט זיין קרוב אויפ'ן וואָרט, אַז ער וועט, ווי ער זאָגט, „פיין און אָרענטלאַך אם ירצה השם זיך טיילן אויף דער העלב, גלייך אויף גלייך, חלק כחלק, חצי

שלי וחצי לך, מיר הונדערט, אייך הונדערט, מיר צוויי הונדערט, אייך צוויי הונדערט, מיר דריי הונדערט, אייך דריי הונדערט, מיר פיר הונדערט, אייך פיר הונדערט, מיר טויזנט, אייך טויזנט"... ער גלויבט — ניט ווייל ער איז א תם, נאר ווייל עס ווילט זיך איהם גלויבן, ווייל ער איז געבענטשט מיט דעם כשרון, וואס מיר, אידן, פארמאגן — צו חלומ'ן חלומות און שפינען פאנטאזיעס, דערהויפט, ווען עס רעדט זיך וועגן פרנסה און גלאט א שטיקעלע תכלית: „א קשיה אויף א מעשה, טראכט איך מיר, זאגט טביה: אפשר איז ער דער גוטער שליח מיינער! אט הארך איך דאך פארט, מענטשן ווערן גליקלאך אין יעהופעץ מיט פינף פינגער — וואס בין איך ערגער פון זיי? טאמער טאקע, קלער איך מיר, טוט זיך עס טאקע א דריי, ווי זאגט איר, אויף דער רעכטער זייט, און טביה ווערט כאטש אויף דער עלטער א שטיקל מענטש?"

טביה, אזוי ווי די גאנצע אידישע פאלקס מאסע, פון וועל־כער ער שטאמט, האט קיין מורא ניט פאר ארבעט, פאר האר־רעוואניע; נאר, אזוי ווי די גאנצע אידישע מאסע, וויל ער ניט ארבעטן ווי א פערד, אן א זינען, אן א האפענונג אויף רו, אויף עפעס בעסערס, אן דער האפענונג צו ווערן „כאטש אויף דער עלטער א שטיקל מענטש". „ביז וואנען, פרעגט ער, איז טאקע דער שיעור צו הארעווען, אויסגעריסן ווערן, כ'לעבן?" בעת ער איז געווען א האלץ־פירער און איז געשטארבן, נישט פאר אידן געדאכט, מיט ווייב און קינדער, דריי מאל אין טאג פאר הונגער, האט ער זיך דערפילט גליקלאך, ווען ער האט גע־קראגן אן אייגן וועגעלע און א פאר בהמה'לאך, וואס מעלקן זיך. דאן האט אים געפעלט, פשוט, דאס שטיקל ברויט. איצט, אז ברויט האט ער, איז אים דאס ווייניג. איצט וואלט ער וועלן, דאס לעבן זאל זיין ניט אזוי גרוי, ניט אזוי וואכעדיג: „טאג ווי נאכט ווידער אמאל דאס פערד און וועגעלע און אבער אמאל קעז און פוטער. צייט, זאג איך, טביה זאלסט שוין אפרוען זיך, ווערן א בעל־הבית צווישן בעלי־הבתים, קומען אין בית־המדרש, ארייננקוקן אין א אידישן ספר"...

טביה פילט נישט קיין טעם אין דעם עצם־ענין געשעפט־מאַכן, ווי דער גרויס־שטעטישער איד, מנחם מענדל. ביי אים איז דער עיקר ניט דער עצם פּראָצעס פון טאָן געשעפט, דער פּראָצעס, אין וועלכען עס איז מיט לייב און לעבן אריינגע־טאָן מנחם מענדל. אים אינטערעסירט דער תכלית — די מעגלאכקייט חתונה צו מאַכן קינדער, האָבן צייט אריינצוקוקן אין א ספר און סתם ווערן א שטיקל מענטש אויף דער עלטער. טביה מאַטערט זיך דעריבער ניט צו פאַר־שטיין ווי אזוי מנחם מענדל וועט עס מאכן דאָרט אין יע־הופּעץ פון איין הונדערט „צוויי הונדערטער, דריי הונדערטער, זעקס הונדערטער, זיבן הונדערטער און פאַרוואָס ניט טאקע אַלע טויזנט". אים אַרט ניט, ווי אזוי דאָס וועט געמאַכט ווערן. „איך, זאָגט ער, לייג אריין געלט און מנחם מענדל — שכל". אים אינטערעסירט נאָר די מעגלאכקייט צו קומען צו א שטיקעלע תכלית. און דערמיט איז ער אַנדערש פון מנחם מענד־לען אפילו דאַן, ווען ער שליסט מיט אים שותפות. אים איז פרעמד מנחם מענדל'ס האַווען צוליב האַווען, געשעפט צוליב גע־שעפט, א מין קונסט צוליב קונסט. אים איז פרעמד דער אימ־פּעט מנחם מענדל'ס. אָבער דער געמיט צושטאַנד, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים איז ניט דער היפּוך פון אימפּעט — פאַרגליווערטע רו, נאָר דער סינטעז פון אימפּעט און רו — שטרעבן. טביה שטרעבט צו דערגרייכן עפּעס א תכלית, און אים איז פרעמד נישט נאָר דער אימפּעט, וואָס איז אזוי ווי א ציל פאַר זיך אַליין, נאָר אויך די אבסאָלוטע פאַר־גליווערטקייט, וועלכע ווייס ניט פון קיין שום ציל. אין דער צווייטער דערציילונג זעען מיר, פונקט אזוי ווי אין דער ערשטער, טביה'ס נישט צופרידן זיין מיט זיין לאַגע און זיין ארומזוכן א תכלית. מער נישט וואָס דאָ האָט עס שוין אביסל אַן אַנדער כאַראַקטער.

פון דער גאָר נידעריגער עקאָנאָמישער מדרגה, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען אין אָנהויב, ווען ער איז געווען נאָך א האָלץ־פירער, האָט ער, מיט דער הילף פון א צופאַל, זיך געקאָנט

אליין אויפהויבן. אָבער פון דער שוין אביסל העכערער טרעפּ, אויף וועלכער מיר דערווּיסן אים אין דער צווייטער דערציילונג, קאָן ער מיט די אייגענע כּחות ניט אַרויפקריכן נאָך העכער, ער מוז אָנקומען צו מנחם מענדל'ס „שכל", — און זיין שטרעבן צו אַ בעסערער מערכה דריקט זיך דאָ שוין אויס נאָר אין חלומ'ען וועגן איר: „געבליבן אליין נאָך זיין (מנחם מענדל'ס) אוועקפאָרן, האָבן זיך מיר אָנגעהויבן פאַרשטעלן אַלערליי מחשבות און חלומות אויף דער וואָר, און אַזעלכע זיסע חלומות, אַז עס האָט זיך מיר געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך ציען אייביג, קיינמאָל נישט אויסלאָזן זיך. עס האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אין מיטן שטאָט אַ שטוב אַ גרויסע מיט בלעך געדעקט, מיט שטאַלן, מיט קאַמערן, קעמערלאך און שפּעזאַרניעס, מיט אַלדאָס גוטס, און אַ בעל־הבית'טע מיט אַ שליסל דרייט זיך אַרום — דאָס איז מיין ווייב גאָלדע. גאָר נישט צו דערקענען זי, כ'לעבן. זי האָט באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים, אַ פּנים פון אַ נגידות'טע, מיט אַ גוידער און מיט אַ האַלז פּערל. זי בלאָזט פון זיך און שילט די דינסטן מיט טויטע קללות. די קינדער מיינע דרייען זיך אַרום אַלע מיט שבת'דיגע קליידער, טוען נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער; דער הויף איז פאַרפּלייצט מיט עופות, גענז און קאַטשקעס און אַז. וו., און אַז. וו.".

דאָס דאָזיגע — אויב איר ווילט, רופט דאָס אָן — קליינ־בירגערלאכע שטרעבן פון דלות צו בעל־הבתישקייט און פון בעל־הבתישקייט צו נגידישאַפט איז פאַר דער בשום אופן נישט פאַר־גליווערטער, נאָר, פאַרקערט, רירעוודיגער, באַגוועלאכער אידישער פאָלקס מאַסע כאַראַקטעריסטישער, ווי פאַר יעדער אַנדער פאָלקס מאַסע, און ווי ווייט אין טביה'ן ווייזט זיך עס אַרויס, איז ער אין דער מעשה, וואָס רופט זיך אָן „אַ בוידעם", פּונקט אַזוי ווי אין דער ערשטער דערציילונג, די פאַרקערפּערונג פון דער אידישער פאָלקס פּסיכאָלאָגיע.

נאָר ווי דאָרט, אַזוי איז אויך דאָ פאַראַן שוין אַן אָנצוהער־רעניש, — און נאָך אַ שטאַרקערע אָנצוהערעניש ווי דאָרט — אויף טביה'ס אייגענער פּסיכאָלאָגיע. דאָרט איז געווען

א וואונק אויף זיין נטיה צו פּאָעזיע, פילאָזאָפיע און הומאָר, דאָס הייסט, א וואונק אויף דער איידלקייט פון זיין גייסט. דאָ אנטפּלעקט זיך פאַר אונז זיין איידל ה א ר ץ. דאָרט האָבן מיר געזען, ווי איידל ער אליין א י ן ז י ך פּיהלט, דאָ זעען מיר, ווי ט י ף ע ר פ י ל ט ד ע ם א נ ד ע ר ן. אויף צו פ י ל ן ד ע ם א נ ד ע ר ן איז ווייניג צו האָבן ג י י ס ט, מען מוז האָבן ה א ר ץ דערצו.

אָט די ה א ר צ י ג ע מענטשלאַכקייט טביה'ס ווייזט זיך ארויס, ווען ער באַגעגענט צום צ ו ו י י ט ן מאָל מנחם מענדלען אין יעהופּעץ און דערוויסט זיך, אז פון אלע זיינע זיסע חלומות האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם. אין דער ערשטער מינוט, איידער ער האָט נאָך בייגעקומען דעם פאַרדרוס אין זיך, כאַפּט ער אויסגיסן אויף מנחם מענדלען, דעם שלים־מזל'ניק, כל חמתו: „...באַרעכן, זאָג איך, דו אליין, וואָס האָסטו געטאָן! האָסט גענומען, זאָג איך, א גאַנצע שטוב מיט לעבעדיגע נפשות, צער בעלי חיים נעבאַך, גאָט די נשמה שולדיג, און האָסט זיי איבערגעקוילעט דעם האַלז אָן א מעסער! געוואַלד, זאָג איך, מיט וואָס וועל איך קומען אצינדערט אהיים צו מיין ווייב און קינדער?" אין דער ערשטער מינוט פאַרדריסט אים ניט אזוי פאַר זיך אליין ווי פאַר ווייב און קינדער... „דער גיהנם, זאָג איך, נ א ר א י י נ ע ר, דער גיהנם איז דאָך קאַרג פון דיינעט וועגן"...

און אין אָט דעם „נאַר איינער" פילט איר שוין, אז דער כעס ביי טביה'ן הויבט אָן אָפּצוגיין. אביסל אויסגעקילט דאָס האַרץ, הייבט ער אָן צו פילן, אז פאַר אים שטייט א מענטש, וואָס האָט ניט נאָר אים און זיין ווייב און קינדער, נאָר אויך זיך אליין אומגליקלאַך געמאַכט. ער הויבט אָן צו פילן, אז אויף מנחם מענדלען איז אפשר נאָך א גרעסערער רחמנות, נאָך מער „צער בעלי חיים", ווי אויף זיין ווייב און קינדער. „איך שטיי, זאָגט ער, און באַטראַכט אים, דעם שלים־מזל, ווי ער שטייט אזוי, דעם קאָפּ אראָפּ, צוגעשפּאַרט צום וואַנט, דאָס היטל אויף א זייט, יעדער זיפץ און יעדער קרעכץ, עס רייסט אויס א

שטיק הארץ". „טאַ, זאָג איך, אז מען וויל שמועסן דאָס איי־גענע ווידער צוריק, פארשטייט מען גאַנץ גוט, דו ביזט אפשר אין דעם אויך גאָט די נשמה שולדיג"... און אנשטאָט אים צו זידלען און צו שטראָפן, נעמט ער אים טרייסטן. ער פארשטייט אים, ריכטיגער, ער פילט אים, — און פארשטיין דעם אנדערן הייסט אים מוחל זיין, פילן דעם צווייטן, הייסט מיטפילן מיט אים.

אָט די געבענטשטע פייאיקייט טביה'ס צו פארשטיין און צו פארגעבן וועלן מיר נאָך באַגעגענען שפעטער. וואָס ווייטער, וועט זי ווערן אַלץ קלערער. אָבער אויך דאָ איז זי שוין גענוג קלאָר און שיין. טביה איז מוחל זיין שותף, ניט ווייל ער זעט זיך ארום, אַז דער שאָדן איז ניט אַזוי גרויס און עס איז ניטאָ פאר וואָס אין כעס צו זיין: ניין, פארקערט, טביה נעמט זיך זייער שטארק צום הארצן די מעשה מיט מנחם־מענדלען. ניט אויף דאָס פארלאָרענע געלט פארדריסט אים: געלט, זאָגט ער, איז בלאָטע; דער עיקר איז דער מענטש. ניט אַזוי דאָס, וואָס ער האָט ניט מיט וואָס צו קומען אהיים צו ווייב און קינדער, טוט אים וויי; דאָס איז געווען נאָר דער ערשטער גע־דאנק, וואָס האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין מוח, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז פון די אַלע חלומות זיינע האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. שפעטער, ווען ער איז געקומען צו זיך אביסל, האָט אים אָנגענומען נאָך אַ גרעסערער פארדרוס פאר זיך אַליין. ער האָט דערפילט, אַז ער האָט זיך אַליין גענאַרט, ניט נאָר מנחם מענדל האָט אים אָפּגענאַרט. ער איז אַליין אראָפּ פון וועג: „ווער, זאָגט ער, איז שולדיג, ווען נישט איך אַליין, וואָס איך האָב מיך געלאָזט איינריידן גרינגע פייגעלאך, שמענדריקעס, שמאכטליאַקעס? געלט, ברודער, באַדאַרף מען, זאָג איך, פאַר־האָרעווען, פארשוואַרצט און אויסגעריסן ווערן". געלט איז טביה, ווי יעדער פּאָלקס מענטש, געוואוינט צו פארדינען מיט מי און מאטערניש, און דאָ האָט ער זיך פלוצלונג פארזינדיגט און צוגע־נייגט אַן אויער צום יצר הרע, וואָס האָט זיך געוויזן צו אים אין דער געשטאַלט פון מנחם מענדל, צום יצר הרע, וואָס זיצט אין

יעדן אידן און טרייבט אים: גיי, לויף, זוך, בלייב ניט אויף דער שפּל'ער מדרגה, וואו דו געפינסט זיך. ווייס, אַז עס איז דאָ גרוימערעס, ווי די לאַך, וואו דו שטעקסט — זוך, נישטער, האווע, שמאַיע, אַבי קומען צו עפּעס אַ תכלית! צו אָט די זיסע, גע־שמאַקע ריידעלאַך פונ'ם מנחם מענדל־יצר־הרע האָט זיך טביה געהאַט צוגעהערט, און אָט האָט ער איצט דערזען בחוש, וואָס פאַר אַ פאַרפירעניש דאָס איז געווען, ווי לייכט ער האָט געקאָנט ווערן אַליין אַ מנחם מענדל — און אָט דאָס טוט אים וויי. דער ווייטאָג איז נאָך שטאַרקער, מחמת ער פילט, אַז אין גאַנצן פריי פון די זינדיגע מחשבות איז ער נאָך אויך איצט ניט. ער ווייס שוין טאַקע, אַז עס איז ניט „באַשערט טביה זאָל זיין אַ נגיד", אָבער עס קרענקט אים נאָך „דער חלום וואָס ער איז אוועק־געגאַנגען. עס האָט זיך מיר געוואָלט, אוי, האָט זיך געוואָלט זיין אַ נגיד כאָטש אויף אַ ווײַלע!" און אָט דעם טיפן ווייטאָג, וואָס מנחם מענדל האָט אים פאַרשאַפט, באַהאַלט ער און דער־שטיקט אין זיך. און נישט נאָר באַהאַלט ער דעם ווייטאָג. ער האָט נאָך גענוג גוטסקייט, גענוג פיינקייט אין זיך ניט שווערער צו מאַכן מנחם מענדלען אויפ'ן הארצן, נאָר, פאַרקערט, אים טרייסטן און אויסלאָזן זיין שמועס מיט די ווערטער: „קום, ברו־דער, וועלן מיר נעמען צו ביסלאַך בראָנפן"...

איז אויך אָט דאָס אַ שטריך פון דעם אידישן פאָלקס־מענטשן, אַזוי ווי טביה'ס שטרעבן צו „ווערן אַ שטיקל מענטש כאָטש אויף דער עלטער"? ניין, די גוטסקייט און די איידעלקייט איז ט ב י ה 'ס גוטסקייט, ט ב י ה 'ס איידלקייט. אין דער אידישער, ווי אין יעדער פאָלקס מאַסע, זיינען דאָ אַלערליי מענטשן, גוטע און שלעכטע, אַלערליי כאַראַקטערן, גראָבע און איידעלע. און אויב אין טביה'ן, אין אָט דעם „קליינעם מענ־טשעלע", וואָס האָט, אין פלוג, „קליינע השגה'ס", זעען מיר דורכ־אויס נאָר איידלקייט, נאָר פיינקייט: אויב טביה פילט די ליידן נישט נאָר פון זיין אייגענער פאַמיליע, ווי מיר זעען עס אין דער ערשטער דערציילונג, נאָר אויך פון זייטיגע מענטשן, און אפילו פון אַזעלכע, וואָס האָבן אים אָנגעטאָן צרות, ווי אַ שטייגער,

מנחם מענדל, — איז עס אָן קיין שום ספק די מדה טובה פון טביה'ן דעם מ ע נ ט ש ן , נישט פון טביה דעם פ אָ ל ק ס מענטשן...

אין סוף פון דער צווייטער דערציילונג האָט שלום עליכם אָנגעהויבן ארויפצובערענגען טביה'ן אויף יענעם הויכן שטאַפּל, וואו ער הערט אויף צו זיין בלויז אַן אַנטפּלעקונג פונ'ם אידישן פאָלקסלעבן און הויבט אָן צו אָטעמען מיט דער לופט פון יענע קינסטלערישע געשטאַלטן, וועלכע פאַרקערפּערן מיט זיך געוויסע אַלגעמיין מענטשלאַכע א י ד ע א ל ע פאָדערונגען. ער איז שוין מער ווי אַ שטיק קינסטלערישע עטנאָגראַפּיע. ער איז אַ קונסט שאַפונג מיט אַ אוניווערסאַלן זין.

דערין באַשטייט דער וויטערדיגער שריט, וואָס שלום עליכם האָט געמאַכט אין דעם צווייטן מאָנאָלאָג פון טביה דעם מילכיגן.

ד. „היינטיגע קינדער."

אין „היינטיגע קינדער" — דעם דריטן מאָנאָלאָג — האָט דער דיכטער געמאַכט נאָך אַ גרעסערן שריט פאָראויס. ענטנאָגראַפישער מאַטעריאַל איז דאָ, ווי אין די איבעריגע דערציילונגען, פאָראַן נאָך גענוג, אָבער וואָס ווייטער, אַלץ מער פאַרשטעלט אים, אָט דעם אויסנווייניגסטן שטאָף, דאָס אינעווייניגסטע לעבן, די אינעווייניגסטע דראַמע טביה'ס.

וואָס ווייטער, אַלץ מער זעען מיר, ווי דער העכערער סאָרט מענטש אין טביה'ן איז גובר די פשוט'קייט און באַגרעניצטקייט פונ'ם „פאָלקס-מענטשן", וואָס אין אים. די הויכע מדרגה, וואָס ער דערגרייכט, ווי אַ יחיד, גיט אים די מעגלאַכקייט צו שטעלן זיך העכער פון די מאַסן-געפילן און מאַסן-געוואוינהייטן, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען צו אים פון דער סביבה.

לייזער-וואָלף דער קצב, וועלכער איז געבליבן אַן אַלמן, שדכנ'ט זיך צו זיין טאָכטער צייטל. לייזער-וואָלף איז אַן איינגעפונדעוועטער בעל-הבית: „ווי דערלעב איך, זאָגט טביה, אַזאַ גוטס ביי מיינע קינדער זאָלן געזונד זיין". נאָר לייזער-וואָלף

איז אַן עם־הארץ און אַ גרויסער גראָבער־יונג; דערצו איז ער אַן אַלמן, ניט קיין בחור... טביה קווינקלט זיך, ווי עס וואָלט זיך געקלינקלט אויף זיין אָרט יעדער פּאָטער פון זיין גראַד: „לייזער־וואָלף... צייטל... ער האָט שוין אַזוינע קינדער, ווי זי״... „נאָר באַלד טראַכט זיך טביה — און ווידער אַמאָל — ווי עס וואָלט געטראַכט יעדער איד אויף זיין אָרט, — באַלד האָב איך זיך אַליין, זאָגט ער, אָפּגעשלאָגן: ס׳טייטש, אַזאַ גליק! אַזאַ גליק! אַזאַ גליק! עס וועט דאָך איר זיין גוט, ווי די גאַנצע וועלט!״ דערצו איז טביה זיכער, אַז דאָ גייט נישט נאָר אום דאָס „גליק״ פון זיין עלטערער טאָכטער: לייזער־וואָלף גיט אָנ־צוהערעניש, אַז „נאָכדעם אם ירצה השם״, וועט ער „קאָנען חתונה מאַכן די אַנדערע טאָכטער אויך, און שפּעטער מיט דער צייט, די דריטע״.

לייזער־וואָלף, לאָ די וואָס ער בעט נישט קיין נדן, זאָגט ער נאָך, אַז „אַלץ, וואָס אַ מיידל באַדאַרף — דאָס נעם איך אויף זיך און אייך, זאָגט ער, וועט מסתמא דערפון אויך עפּעס אַריינ־פאַלן אין בייטל אַריין״...

הכלל, אין טביה׳ן וואַכט ווידער אויף די האָפענונג צו קומען צו אַ שטיקעלע תכלית און „ווערן כאָטש אויף דער עלטער אַ שטיקל מענטש״. דער יצר הרע, וואָס איז איין מאָל געקומען צו אים אין דער געשטאַלט פון מנחם מענדל, האָט זיך איצט ווידער אַנטפּלעקט צו אים אין דער פּערזאָן פון לייזער־וואָלף דעם קצב. דאַן האָט זיך פון די חלומות אויסגעלאָזט „אַ בוידעם״; עס זיינען געווען מניעות, אַזוי צו זאָגן, אָביעקטיווע: עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז „געלט דאַרף מען פאַרהאָרעווען״, פאַר־לאָזן זיך אויף דעם שלים־מזל מנחם מענדל׳ס „שכל״, איז — אַ נאַרישקייט. איצט זיינען קיין אויסנווייניגסטע שטערונגען נישטאָ: לייזער וואָלף איז גרייט אויף אַלץ, אַבי נעמען צייטלען, טביה׳ס גערעטענע טאָכטער, פאַר אַ ווייב, פאַר אַ „בעל־הבית׳טע אין שטוב אַריין״.

טביה׳ן אַליין איז אפילו דער שידוך ניט גאָר געפעלן, אָבער...

וואָס טוט ניט אַ איד פון קינדער'ס וועגן? „אזא גליק, אזא גליק!" ווייטער, די „פלונית'טע" טביה'ס, וואָס האָט די דעה אין אַזעלכע זאַכן, וועט אודאי מסכים זיין; עס בלייבט נאָר אַ פרעג צו טאָן צייטלען אַליין, נאָר פאַרוואָס זאָל זי נישט וועלן? — דער גרויסער נדן וואָס זי האָט! דער אויסשטייער, וואָס ליגט ביי איר אין קאַסטן! הכלל — נייע חלומות ביי טביה'ן. ער פאַנטאַזירט, ווי ער וועט קומען צו צייטלען נאָך דער חתונה צו גאַסט און וועט „זי טרעפן אַ בעל־הבית'טע אויף אַלעם גרייטן, פולע שאַפעס מיט גרעט, פולע שפּיזשאַרנעס מיט פּסח'דיגע שמאַלץ און מיט איינגעמאַכטס, פולע שטייגן מיט עופות, געגנז און קאַטשקעס"... טביה האָפט ווידער אַמאָל אויפגעריכט צו ווערן.

נאָר... עס איז — ווידער אַמאָל — „ניט באַשערט". צייטל באַגעגנט אים אויף'ן וועג פון בויבעריק אַהיים, פאַלט אים אויף'ן האַלז מיט אַ געוויין: „טאַטע, טאַטע, האַרציגער, געטרייער, זאָגט זי, דעם דריטן טאָג אַ שטיקל ברויט! האָב רחמנות, זאָגט זי, אויף מיינע יונגע יאָרן". טביה פאַרשטייט ניט, וואָס וויינט זי אַזוי, מיט וואָס איז עס בעסער דעם דריטן טאָג אַ שטיקל ברויט איידער ביי לייזער וואָלף'ן אין „שמאַלץ־גרוב"? אָבער עס קומט אים אַפילו אויפ'ן זינען ניט צו גיין געגן זיין טאָכטער'ס ווילן. און אָט אין דעם זעט מען ווידער זיין אײדל האַרץ... איז עס דען ניט געוועזן דער דרך העולם, עלטערן זאָלן פאַרלאַנגען פון אַ קינד עס זאָל זיי פאָלגן און ניט פרעגן קיין קשיות; בפרט נאָך ווען עס גייט, נאָך זייער מיינונג נאָך, אום איר אייגן גליק, אום דאָס גליק פון דער גאַנצער פאַמיליע! איז עס דען ניט געוועזן קיין געוויינטלאַכע זאַך ביי אונז, אַז אַ מיידל פון אָרימע עלטערן, אָן נדן, זאָל חתונה האָבן פאַר אַ רייכן? וואָלט עס דען ניט געשטימט מיט דעם גוסט און מיט די געוואוינהייטן פון דער סביבה, פון דער „פאָלקס־סביבה", וואו טביה איז אויפגעצויגן געוואָרן, — צו זאָגן צייטלען, אַז זי זאָל ניט זיין קיין עקשנ'טע און טאָן וואָס טאַטע־מאַמע און אַלע גוטע פרומע לייט הייסן טאָן? אָבער ניין! נאָר אַנדערע רייד הערן מיר פון טביה'ן:

„וואָס באַדאַרף מען וויינען, זאָג איך צו איר, און גלעט זי ביים קאָפּ, נאַרעלע, וואָס באַדאַרף מען וויינען? ממה נפשך, זאָג איך, ניין איז ניין, מען וועט דיר מיט גוואַלד, חלילה, קיינער נישט אָנהענגען קיין לונג און לעבער אויף דער נאָז. מיר האָבן, זאָג איך, געמיינט דיין טובה טאַקע, געוואָלט ווי צום בעסטן, אלא ס'איז דיר ניט צום האַרצן, וואָס זאָל מען טאָן? מסתמא, זאָג איך, איז ניט באַשערט"...

און אָט דאָס „ניט באַשערט" איז איצט טרויעריגער, ווי דאַן, ווען טביה'ן זיינען „ניט באַשערט" געוועזן „די גליקן", וואָס ער האָט דערוואַרט פונ'ם שותפות מיט מנחם מענדלען. פון דער מעשה מיט מנחם מענדלען האָט ער זיך אַ מוסר אַראָפּגענומען, אַז „געלט באַדאַרף מען פאַרהאָרעווען" און ניט פאַרלאָזן זיך אויף „גרינגע פויגלאַך". ער האָט נישט נאָר געפילט אין האַרצן, אַז מנחם מענדל איז גאָט די נשמה שולדיג, ער האָט אויך מיט'ן שכל משיג געווען, אַז ער האָט ניט פאַר וואָס אין כעס צו זיין אויף זיין שותף, אַז דאָ זיינען פאַראַן עפּעס אויסנווייניגסטע כחות, וואָס זיינען גורם, אַז טביה מוז אַ גאַנץ לעבן האָרעווען, פאַרשוואַרצט און אויסגעריסן ווערן. פאַרוואָס אָבער וויל זיין טאָכטער צייטל ניט „קומען אויף גרייטן, ווערן אַ בעל-הבית'טע אויף אַלדאָס גוטס" און טאַטע-מאַמע זאָלן „אַ שטיקל נחת דער־לעבן אויף די עלטערע יאָרן", — דאָס קאָן טביה ניט באַנעמען, דאָס שטימט ניט מיט די געוואוינהייטן און מנהגים פונ'ם אַרו־מיגן לעבן, און נאָר אין האַרצן, אינ'ם ריינעם האַרצן זיינעם, פילט טביה זיין טאָכטער, — און אָט דאָס איז געגוג, ער זאָל איר ניט זאָגן קיין קרום וואָרט!

איז עס דען ניט קיין נייע, נאָך ברייטערע, אַנטפּלעקונג פון זיין איידלקייט און גוטסקייט?

די אינעווייניגסטע דראַמע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין טביה'ס, אין פּלוג, איינפאַכער נשמה, ווערט נאָך שאַרפער: לאָ די וואָס צייטל וויל ניט חתונה האָבן פאַר לייזער-וואָלף'ן און וואָס

טביה קאָן ניט פאַרשטיין מיט'ן שכל, פאַרוואָס איז ניט באַשערט אַט דער שידוך, וואָס וואָלט געווען „אזא גליק", דערוויסט ער זיך נאָך א נייע מעשה, וואָס איז אים שווערער נאָך צו פאַר־שטיין און וואָס מאַכט אים נאָך ביטערער אויפ'ן הארצן. ער דערוויסט זיך פון מאָטל קאַמזויל, א שניידער־יונג פון אנאַטעווקע, אז ער, מאָטל, און צייטל, „האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט שוין לאַנג, שוין העכער א יאָר, אז זיי זאָלן זיך נעמען"... „א מעסער אין הארצן, זאָגט טביה, ווען עמיצער זעצט מיר אריין, וואָלט מיר געווען א סך מער ניחא, ווי די דאָזיגע ווערטער: ערשטנס, ווי קומט ער, מאָטל שניידער, צו טביה'ן פאַר אן איידעם; והשנית, וואָס איז דאָס פאַר דבורים: זיי האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט, אז זיי זאָלן זיך נעמען?" די דאָזיגע, צווייטע, פראַגע, לאָזט אים נישט רוען אפילו דאַן, ווען ער איז שוין מסכים אויפ'ן שידוך מיט'ן שניידער־יונג. לויט דער סביבה, וואו ער איז אויסגעוואַקסן און אויפגעצויגן געוואָרן, לויט אַלע השגות, וואָס זיינען די השגות פון א פשוט'ן פרומען אידן, קאָן ער בשום אופן ניט פאַרשטיין, וואָס איז דאָס פאַר דבורים „געגעבן דאָס וואָרט זיך נעמען", — גאָר אליין, אָן טאַטע־מאַמע! און נאָר מחמת ער האָט — ווידער אַמאָל — א הארץ, וואָס פילט דעם אנדערן, אפילו ניט פאַר־שטייענדיג אים, נאָר מחמת די ריינע און טיפע מענטשלאַכ־קייט, וואָס אין אים, איז גובר זיינע אַלע רגילותן און פאַר־אורטיילן, — האָט ער דעם מוט אָפּצוזאָגן זיך פונ'ם שידוך מיט לייזער־וואָלף דעם קצב און איינגיין אויפ'ן „וואָרט", וואָס צייטל און מאָטל קאַמזויל „האָבן זיך געגעבן, אז זיי זאָלן זיך נעמען"...

און אז מען הערט זיך גוט צו צו טביה'ס רייד און מען קוקט זיך גוט צו צו די קרבנות, וואָס ער ברענגט, זעט מען, אז ניט קיין שוואַכקייט, ניט קיין פּאַסיווקייט, ווי עס קאָן זיך דוכטן פון אויבן־אויף, נאָר, פאַרקערט, א מאָראַלישע גבורה, א גרויסע אינעווייניגסטע אַקטיוויטעט שטעקט אין דעם נאָכגעבן, וואָס ער גיט נאָך זיין טאָכטער צייטל און בכלל — די „היינטיגע קינדער".

ח. האָדל.

טביה'ס מאָראַלישע קראַפט איז קענטיגער נאָך אין דער מעשה מכח דעם צווייטן פון די היינטיגע קינדער — זיין טאָכטער ה אָ ד ל.

האָדל איז נאָך שענער פאַר צייטלען. דערצו האָט זי „אַ קאָפּ אויף, שרייבט און לייענט אידיש און רוסיש, און ביכלאַך, ביכלאַך שלינגט זי, ווי די האַלעשקעס". מאַכט זיך פאַר איר, ווי דער שטייגער איז, אַ רייכער שידוך און זי — אויך ווי דער שטייגער איז — „פאַרקאָכט זיך" דוקא אין אַן אביון. איז עס אין פּלוג די אייגענע געשיכטע, וואָס מיט צייטלען. אָבער טביה דערציילט ניט איין מעשה צוויי מאָל. איך האָב שוין געזאָגט נאָר אין אָנהויב, אַז טביה'ס געשיכטן זיינען ווי די טרעפּ, וואָס הויבן זיך איינע איבער דער אַנדערער. די מעשה מיט האָדלען איז אַ העכערע טרעפּ. זי איז ענליך אויף דער פריערדיגער דערציילונג נאָר ווי ווייט זי נעמט דעם זעלביגן אינהאַלט, וואָס פריער, און ברענגט אים אַרויף אויף אַ העכערער מדרגה. דאָ איז אַלץ געהויבענער, ווי דאָרט, אָנגעהויבן פון האָדלען אַליין.

דער חתן, וואָס מען רעדט איר, איז ניט קיין אַלמן און אויך ניט קיין גראָבער יונג, קיין „נחות דרגא", ווי לייזער־וואָלף דער קצב; אויך איז ער ניט קיין „בעל גוף", ווי לייזער וואָלף, נאָר טאַקע אַן אמת'ער נגיד — און „איידער אַ קבצן, זאָגט טביה, איז שוין גלייבער אַ נגיד". בפרט נאָך אַז דאָס גיט טביה'ן די מעגלאַכקייט צו פאַנטאַזירן און צו חלומ'ן ניט נאָר וועגן חתונה מאַכן די טעכטער, נאָר טאַקע אויך וועגן העכערע ענינים, וועגן יענע ענינים, וואָס זיינען טביה'ן אַזוי צום הארצן — „און איך שטעל מיר שוין פאַר", דערציילט ער, „מיין האָדלען, ווי זי פאָרט אין אַ קאַרעטע מיט אַ פּאָר ברענענדיגע סוסים, און די וועלט איז מיר מקנא, נישט אַזוי אויף דער קאַרעטע מיט די סוסים, ווי אויף די טובות, וואָס איך טו דער וועלט. דורך מיין טאָכטער, די נגידית, העלף איך אויס די געפאַלענע מיט אַ גמילות־חסד, וועמען אַ כף־הייער, וועמען אַ פּופציגער,

און וועמען אַ הונדערטער, ווי זאָגט איר, יענער האָט אויך אַ נשמה"... אין טביה'ן צושפּילט זיך היינטיגס מאָל די פּאַנ־טאַזיע גאָר אויף אַ נייעם שטייגער: ניט נאָר ער אַליין און זיין פאַמיליע וועט זיין באַזאָרגט, אויך „די וועלט" וועט ער באַזאָרגן, ווען ער טוט מיט זיין טאָכטער דעם רייכן און יחוס־דיגן שידוך. און דער נסיון, וואָס ער האָט בייצושטיין, ווען ער דערוויסט זיך, אַז זיין טאָכטער האָדל האָט שוין אַ חתן, איז שווערער אַ סך, ווי פריער, ווען ער האָט זיך געדאַרפט אָפּזאָגן פון'ם שידוך מיט לייזער־וואָלף'ן. דאַן איז ער אַליין ניט געווען שטאַרק קאָנטענט מיט'ן שידוך. איצט איז ער, פאַרקערט, זייער צופרידן, און נאָר מחמת „היינטיגע קינדער זיינען צו קלוג" (און ער — צו גוט), ווערט דער ענין בטל...

האָדל איז נאָך מער „קלוג" ווי צייטל. צייטל און מאָטל האָבן זיך „געגעבן דאָס וואָרט, זיי זאָלן זיך נעמען"; דאָס איז ווילד. פונדעסטוועגן איז עס געווען צו דערליידן, ווייל דאָס איז ניט פאָרגעקומען אַזוי פּלוצלונג. שוין פריער האָט צייטל גע'טענה'ט, אַז זי איז גרייט האָבן „דעם דריטן טאָג אַ שטיקל ברויט", אַבי ניט אַריינפאַלן צו לייזער־וואָלף'ן אין „שמאַלץ־גרוב" אַריין, וואו „די שמאַלץ רינט אויס, די גרוב בלייבט"; ווידער איז מאָטל אַליין געקומען פריער צו טביה'ן דורכשמועסן זיך וועגן דעם ענין: ניט צייטל, זיין טאָכטער, נאָר מאָטל, דער שניידער־יונג, האָט אים אָנגעזאָגט די שמחה, „אַז זיי האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט, זיי זאָלן זיך נעמען".

דאָ אָבער שפּרינגט אַרויס האָדל אַליין: „טאַטע, אונז קומט מזל־טוב". און פּעפּערל, האָדעל'ס חתן, קומט ניט צו טביה'ן, ווי מאָטל, „ריידן זיך אַליין אַ שידוך", נאָר ער זאָגט אים גלייך: „אונז קומט מזל־טוב, מיר זיינען חתן־כלה". וואָס באַדייט דאָס, קאָן טביה שוין גאָר ניט משיג זיין. „וואָס הייסט, זאָג איך, איר זענט חתן־כלה? — חתן־כלה, זאָגט ער (פּעפּערל), ווייסט איר ניט, וואָס הייסט? חתן־כלה הייסט, זאָגט ער, איך בין איר חתן, זי איז מיין כלה"...

דער שמועס, וועלכן עס פאַרפירן פּעפּערל מיט טביה'ן איז

כאראקטעריסטיש ניט נאָר פאַר פעפערל, וועלכער איז אַ סך דרייסטער ווי מאָטל קאַמזויל, נאָר אויך פאַר טביה׳ן, וועלכער ווייס זייער גוט דעם סוד פון ביטערן, נאָר איינגעהאַלטענעם סאַרקאַזם. „איך לאַך“, דערציילט ער, וואָס ער האָט געפילט בעת דעם דאָזיגן שמועס מיט פעפערל, — „איך לאַך, און ווערים עסן מיך, טאָטשן מיין לייב“. ווייניג נאָך, וואָס זיי זיינען געוואָרן חתן־כלה אָן שדכנים, אָן טאַטע מאַמע, אָן תנאים אפילו, זאָגן זיי נאָך: „...מיר וואָלטן אייך היינט אויך נישט דערציילט, נאָר אַזוי ווי מיר האַלטן אין גיכן ביי צושיידן זיך, איז ביי אונז געבליבן מיר זאָלן שטעלן פריער אַ חופּה“... „דאָס, זאָגט טביה, האָט מיך שוין פאַרדראָסן“. מילא וואָס פון אַ „רעכטן“ שידוך מיט האָדלען קאָן שום קיין רייד ניט זיין, דאָס אַרט אים שוין ניט, דערצו איז ער, ברוך השם געוואוינט, בפרט אַז דאָ איז גאָר עפּעס אַן אַנדער צרה, אַ סך אַ גרעסערע: „מילא, וואָס ער זאָגט, דערציילט טביה, חתן כלה, איז נאָך צו דערליידן. ווי שטייט דאָרט געשריבן: אהבתי — ער וויל זי, זי וויל אים. אָבער חופּה? וואָס איז דאָס פאַר אַ ווערטער: „שטעלן חופּה“? עפּעס תרגום־לשון!“ און וואָס מער טביה רעדט מיט פעפערל, אַלץ ווינציגער פאַרשטייט ער, וואָס דאָ טוט זיך. פעפערל זאָגט אים, אַז ער וויל שטעלן חופּה, ווייל ער האַלט ביים אָפּפאָרן פון דאַנען, נאָר וואוהין פאָרט ער און צוליב וואָס — דאָס, זאָגט ער, איז אַ סוד. „איר הערט, זאָגט טביה, ס׳איז אַ סוד! ווי געפעלט דאָס אייך, אַ שטייגער? קומט צוגיין אַ פעפערל, אַ קליינס, אַ שוואַרצס, אַ פאַרזעעניש, פאַרשטעלט זיך פאַר אַ חתן, וויל שטעלן אַ חופּה, האַלט ביים אַוועקפאָרן און זאָגט נישט וואוהין! קאָן נישט צוזעצט ווערן די גאַל?“

מילא, טביה איז געוואוינט שוין אביסל צו ה י י נ ט י ג ע ק י נ ד ע ר, ער ווייס, אַז זיי זיינען צו ק ל ו ג. אָבער אַז ער זאָל שוין גאָר גאָרנישט ניט פאַרשטיין — אויף דעם האָט ער זיך נישט געריכט.

אָבער... טביה לעבט ניט מיט׳ן שכל, ער לעבט מיט׳ן געפיל, ריכטיגער, מיט מיטפילן. און ווען האָדל און פעפערל נעמען

אים קושן, אנשטאָט אים צו ענטפערן אויף זיינע פראַגן, ווען זיי ווענדן זיך, הייסט עס, צו זיינע געפילן, האָט ער שוין מער ניט קיין ווערטער, און הגם עס איז אים אַלץ פּונקט אַזוי אומבאַ־גרייפלאַך, ווי פריער, שטעלט ער זיך ניט אַנטקעגן און נישט נאָר איז ער אַליין מסכים צו מאַכן אַ „שטילע חתונה". ער גע־פינט נאָך מיטלען איינצורייִדן דער ווייב אויך...

און ווען מיר לייענען ווייטער, ווי גלייך נאָך דער חופּה פּירט טביה אַליין אַוועק דעם „געניידעם" זיינעם צום באַהן (דעם ג ע נ י י ד ע ם — וויפיל ליגט אין אָט דעם איין וואָרט!) אַלץ ניט וויסנדיג וואוהין יענער פאָרט, און ווען מיר שטעלן זיך פאָר, וואָס ער פילט בעת מעשה, וואָס פאַר אַ טיפע, כאָטש שטילע דראַמע עס שפּילט זיך אָפּ אין אים אינעווייניג, קומט אונז ניט אויפ'ן זינען אפילו צו טראַכטן וועגן דער שוואַכקייט און „פאַר־גליווערטקייט" טביה'ס — פאַרקערט, מיר פילן אין אים אַ גרויסן מאָראַלישן כח, אַן אינעווייניגסטע מסירת נפש...

ניט דער ט אַ ט ע, ניט דער „פאַמיליע־מענטש", וואָס אין טביה'ן, ניט די ליבע זיינע צו דער טאָכטער טרייבט איהם צו טאָן איר ווילן, כאָטש דאָס איז קעגן זיין ווילן און זיין פאַר־שטאַנד: אַ טאַטע זאָרגט פאַר'ן גליק, ניט פאַר'ן וואונטש פון זיין קינד, און לויט טביה'ס השגות קאָן די „שטילע חתונה" ניט זיין קיין גליק פאַר זיין טאָכטער. אלא וואָס דען — דער מ ע נ ט ש, ניט דער פ אַ מ י ל י ע־־מענטש טביה ווייזט זיך דאָך אַרויס — דער מ ע נ ט ש, וואָס ווער עס האָט אַן אויער צו הערן, הערט, ווי ער זאָגט: זייט ג ו ט, ניט קלוג, קלוג איז מען פאַר זיך...

ווען ניט די גוטסקייט, ווען ניט די איידעלע מענטשלאַכקייט זיינע וואָלט טביה נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די יסורים, וואָס ער האָט, בעת האָדל זאָגט אים אין אַ קורצער צייט נאָך פע־פערל'ס אַוועקפאָר: „הערסטו, טאַטע, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן, היינט געזעגענען מיר זיך אָפּ מיט דיר... אויף שטענדיג". וואָס איז? זי פאָרט צו פעפערל אין... סיביר — ווי טביה דער־וויסט זיך נאָך אַ לאַנגען און ווייטערדיגן שמועס מיט האָדלען —

און גאָט ווייס, ווען זיי וועלן זיך זען... טביה פילט, אז דער פאָטער, וואָס אין אים, וואָלט ניט געקאָנט ביישטיין אָט דעם נסיון: „פאַר אַזאַ זאַך, זאָגט ער, נעמט אַ פאָטער און בייזערט זיך אויס אויף אַ קינד, שענקט אַ פּאָר פעטש אָדער ער בייטלט אויס אַלע בייזע וויסטע חלומות. טביה איז אָבער ניט קיין אידענע. איך גיי מיט דעם גאַנג, אַז כעס איז עבודה זרה".

ווען מען איז אין כעס, איז מען פאַרשקלאַפּט ביי די אייגענע געפילן. טביה איז אַ האַר איבער זיך. ער באַהערשט זיך, ווען אַלץ אין אים קאָכט און שטורעמט. און ווען מיר זעען אַ פּשוט'ן אידן אויף אַזאַ הויכער מאָראַלישער מדרגה, טראַכטן מיר ניט וועגן זיין פּשוט'קייט און אידישקייט, נאָר וועגן אים אליין... יע, אויב די ערשטע דריי מעשיות טביה'ס האָבן נאָך געקאָנט גילטן, ווי אינערלאַכע סביבה־און שטייגער־דערציילונגען, ווי בילדער פונ'ם פאָלקס־לעבן און אַנטפּלעקונגען פונ'ם פאָלקס־גייסט, מוז שוין די געשיכטע מיט האָדלען און דערהויפּט איר סוף, צווינגען אונז אַ טראַכט צו טאָן וועגן טביה'ן אַליין, וועגן זיין הויכער און איידעלער פּערזענלאַכקייט.

ו. חוה.

די איידעלע פּערזענלאַכקייט טביה'ס האָט אָבער נישט באַוויזן נאָך אונז אַלץ, וואָס זי פאַרמאָגט. מיר האָבן געזען די פיינקייט פון זיין גייסט, זיין גוט האַרץ, זיין מאָראַלישע אַקטיוויטעט, זיין אינעווייניגסטע מסירת נפש; מיר האָבן ניט געזען נאָך זיין שטאָלץ.

דער אמת'ער מענטשלאַכער שטאָלץ ווייזט זיך אַרויס, ווען אַ מענטש מוז היטן זיין מאָראַלישע ווערדע פּאַר... זיך אַליין, ווען ער איז אין געפאַר זיך אַליין צו פאַרשעמען. אין אַזאַ לאַגע איז טביה, ווען עס פּאַסירט די געשיכטע מיט חוה'ן. דאָס איז די דראַמאַטישסטע, די טראַגישסטע פון אַלע געשיכטן, וואָס טביה האָט ביז אַהער דערציילט.

חוה איז אינגער פון צייטלען און האָדלען, און וואָס אינגער טביה'ס טעכטער זיינען, אַלץ גראָטענער זיינען זיי. נאָך מער,

טביה אַליין, דוכט זיך מיר, וואַקסט אינאיינעם מיט זיינע קינ־דער. ער פאַרשטייט, דאַכט זיך, בעסער חוה'ן, ווי ער האָט איר עלטערע שוועסטער פאַרשטאַנען. ציטל, די עלטסטע טאָכ־טער, איז געקומען מיט נייע פּערזענלאַכע געפילן; זי האָט ליב, האָט זי געזאָגט, מאָטל קאַמזויל, און זי האָט ניט געוואָלט גיין צו דער חופּה מיט לייזער־וואָלף דעם קצב. טביה האָט מיטגעפילט מיט איר אין הארצן. ער האָט זי אָבער ניט משיג געווען. נאָך ווינציגער האָט ער פאַרשטאַנען האָדלען. זי האָט געבראַכט אין שטוב אריין, א חוץ די פּערזענלאַכע, נאָך עפּעס אויך געזעלשאַפטלאַכע, פּאָליטישע „סודות", און זי אַליין האָט געזאָגט צו אים: „דאָס לאָזט זיך ניט פאַרשטיין מיט'ן שכל אַליין, דאָס דאַרף מען, זאָגט זי, פילן, פילן מיט'ן הארצן". טביה האָט דאָס נישט געפילט און נישט פאַרשטאַנען.

נאָר אַנדערש איז דער ענין חוה. חוה'ן, דוכט זיך אין אָנהויב, פילט ער און פאַרשטייט. זי האָט זיך שוין אָנגע־לייענט מיט די נייע ביכלאַך. זי האָט שוין געדאַנקען, נישט נאָר געפילן פרייע. זי האָט שוין אויסגעלערנט אפילו צו חקר'ענען זיך. און עס דוכט זיך, אז ניט זי אַליין, נאָר טביה רעדט מיט איר מויל. ווען זי זאָגט, א שטייגער: „אפשר געפינט זיך ביי דיר א פּסוק וועגן דעם, וואָס מענטשן, זאָגט זי, האָבן גענומען און האָבן זיך אַליין, זאָגט זי, איינגעטיילט אויף אידן און גויים, אויף בעלי הבתים און קנעכט, אויף פּריצים און בעטלערס?" דאָס אייגענע, נאָר אַביסל אין אַן אַנדער נוסח, האָבן מיר געהערט (און וועלן נאָך הערן) פון טביה'ן אַליין... קאָן ער, הייסט עס, פאַרברענגען מיט חוה'ן, ווי מיט זיין גלייכן.

איז נאָך שאַרפער די דראַמע, ווען פלוצלונג וואַקסט אויס צווישן איר און אים אַן אָפּגרונט. פּלוצלונג — פאַר אים, נישט פאַר אונז, לעזער. מיר, לעזער, ווערן ביסלאַכווייז צוגעגרייט צו דער דראַמע, און עס איז צו באַוואונדערן די פיינע קונסט, וואָס דער דיכטער ווייזט ארויס ביי אָט דעם פּאַמעלאַכדיגן אריינ־פירן דעם לעזער אין דעם אָנוואַקסנדיגן קאָנפליקט. שוין גאָר אין אָנהויב לאָזט ער טביה'ן — אזוי, אגב אורחא — אריינוואַרפן

א וואָרט וועגן דעם שרייבער פון דאָרף כוועדקע — „אַ הויכער גויעץ מיט אַ פּאַטליע (האָר) און מיט לאַנגע שטיוול" — און וועגן „דעם גלח ימח שמו וזכרו". און אָט אַזוי, בהדרגה, און מיט אַ מאָדנער, ריין דראַמאַטישער, שאַרפקייט און שנעלקייט, ברענגט אונז טביה צו דעם מאָמענט, ווען ער דערוויסט זיך, אַז חוה איז... ביים גלח. חוה וויל זיך שמד'ן. זי איז פאַרליבט אין דעם דאָרפישן שרייבער. זי וויל מיט אים חתונה האָבן. דאָס איז גאָר עפּעס אַ משונה-ווילדע זאַך. גאָר ניט ענלאַך אויף דעם, וואָס איז ביז אַהער געשען מיט טביה'ס טעכטער.

צייטל און האָדל האָבן אָפּגעטאָן זאַכן, וואָס זיינען טביה'ן געווען פרעמד. ער האָט זיי שטאַרק ליב, האָט ער געוואָלט, אַז זיי זאָלן עס נישט טאָן. אָבער טאַקע דערפאַר וואָס ער האָט זיי אַזוי שטאַרק ליב, האָט ער זיי ניט געשטערט צו טאָן, וואָס זיי ווילן. נאָך מער, ער האָט זיי געהאָלפן. ווייל ער פילט, אַז דעם מענטשנ'ס ווילן דאָס איז זיין גליק. אחוץ דעם, איז ער ניט מסוגל בכלל צו גוואַלדטאַטן... זיין ליבע צו די קינדער האָט געמאַכט, אַז ער זאָל זיין מיט זיי נישט צופרידן; די אייגענע ליבע, נאָר אויף אַ העכערער מדרגה, האָט אים געהאָלפן מאַכן שלום מיט זיי... אַנדערש איז מיט חוה'ן. זי האָט אָנגערירט אַ זאַך, וואָס איז העכער פון טביה'ן מיט זיין ליבע אינאיינעם. זי וויל זיך שמד'ן און חתונה האָבן מיט אַ גוי! דאָס הייסט שוין ניט סתם אַזוי מאַכן אַן ענדערונג אין טביה'ס לעבנס־שטייגער. צו אַזעלכע ענדערונגען איז ער שוין געוואוינט. אָבער דאָס איז ניט קיין ענדערונג און אפילו ניט קיין איבערקערעניש, נאָר אַ ס ו ף צום אַלטן לעבן: אויס אידיש קינד — אויס טאָכטער — ניטאָ מער קיין חוה אויף דער וועלט, נאָך ע ר ג ע ר ווי ניטאָ!

דאָס איז אַ נסיון, וואָס אפילו טביה'ן, וועלכער איז גע־פּרובט אין נסיונות, איז שווער בייצושטיין ביי אים. טביה איז גרייט אויף די שווערסטע קרבנות. ער קאָן אָבער ברענגען נאָר זיך פאַר אַ קרבן, ניט דאָס, וואָס איז העכער פון אים. ער קאָן זיך אָפּזאָגן פון זיינע געדאַנקען, פון זיינע געפילן. ער קאָן זיך

ניט אָפּזאָגן פון דעם, וואָס אַלע זיינע געדאַנקען און געפילן ווערן בטל לגבי דעם... ווען ער דערוויסט זיך אויפ'ן וועג פון דעם גלח, אז אין חוה'ן, וועלכע געפינט זיך אין גלח'ס רשות איצט, איז „פאַרקאַכט" „נישט קיין איד", כוועדקע, און ער דערפילט מיט זיין טיפן אינסטינקט, אז דאָ וועט שוין ניט העלפן קיין שום זאַך: אוים חוה! — טוט אים א זעץ אין קאָפּ אַריין א מאָדנע היץ און עס באַשלאָגט אים א קאַלטער שוויים, קוים וואָס ער זיצט אויפ'ן וועגעלע. ניט קיין מאָראַלישער ווייטאָג איז עס, נאָר אַזוי ווי עס איז געשטערט געוואָרן עפּעס א נאַטור־געזעץ: טביה ליידט פּיזיש. ריידן וועגן דעם, וואָס איז געשען, רעדט ער ניט; וועגן אַזוינע זאַכן רעדט מען ניט. און ער האָט זיך ניט וואו אהינצוטאָן פון דעם שווייגן, ווען ער קומט אהיים. „און עס ברענט אין מיר, זאָגט ער, א פייער. איך וויים ניט, אויף וועמען... איך וואָלט עפּעס גאָר גענומען און זיך אַליין אויסגעפּאַטשט, און איך צעשריי מיך אויף די קינדער, און לאָז אוים מיין ביטער הארץ צום ווייב, איך קאָן מיר קיין אָרט נישט געפינען, געה איך אַרוים אין שטאַל צום פערד, דאָס געבן עסן, און טרעף דאָס שטיין אַריבערגעפּוצעוועט מיט איין פוס אויף יענער זייט קלאָץ. כאַפּ איך א שטעקן און הויב דעם אָן איינטיילן, שינדן די פעל, ברעכן די ביינער"... מיר פילן — און נאָר א דאַנק דער וואונדערלאַכער קונסט שלום עליכם'ס, פילן מיר — אז צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט טביה אָנגעוואָרן דעם זעלבסט־קאָנטראָל, וואָס פלעגט אים שטענדיג אַרויסהעלפן פון נויט, און ער וויים ניט, פאַרוואָס צו כאַפּן זיך, וואָס צו טאָן... שטענדיג פלעגט אים די ליבע, די טיפע מענטשלאַכקייט זיינע, העלפן געפינען דעם ריכטיגן וועג, העלפן „פאַרשטיין — און מוחל זיין". איצט איז די ליבע, פאַרקערט, דאָס, וואָס אים שרעקט. איצט מוז ער זיין מאָראַלישע ווערדע, זיין גייסטיגן יש אָפּהיטן פון זיך אַליין, פון דאָס בעסטע, וואָס איז אין אים פאַראַן, פון זיין ליבע צו דער טאָכטער... זינט ער איז געקומען אהיים פון גלח, צו וועלכן ער איז געגאַנגען נאָך דערפאַר, וואָס — „וואוהין דען האָב איך געזאָלט גיין? אין דער ערד אריין?" — זינט ער איז

געקומען אהיים און געזאָגט צום ווייב, זי זאָל אויסטאָן די שיך און זעצן זיך, אינאיינעם מיט אים, שבעה נאָך חוה'ן, האָט ער אויסצושטיין א נסיון, וואָס איז פּונקט דער היפּוך פון אַלע נסיונות, וואָס ער איז ביז אהער מיט זיי געפּרובט געוואָרן: ער האָט צו פירן א שטילע און טראַגישע מלחמה מיט זיינע טיפע ליבע־געפילן, מיט יענע איידעלע געפילן, וואָס מיט זייער הילף פלעגט ער תמיד גובר זיין די געוויינטלאַכע, גרויע און וואָכנדיגע מאסן־געוויינהייטן און פּאָלקס־פּאראורטיילן. איצט זיינען זיי, אָט די שענסטע און איידלסטע געפילן זיינע, א געפערלאַכער יצר־הרע, וואָס טוט און דערמאָנט אים אָן זיין טאָכטער, אָן וועלכער ער טאָר זיך נ י ט דערמאָנען, וועלכע ער מ וז פארגעסן, אויב ער וויל אויפהיטן זיין גייסטיגן שטאָלץ, זיין גייסטיגן קיום... ער מאטערט זיך צו טראַכטן וועגן כּל־ערליי זאכן אין דער וועלט, „בכדי, זאָגט ער, איך זאָל מיר צושלאָגן די רעיונות, דאָס הייסט, איך זאָל נישט קלערן פון איר, פון חוה'ן הייסט עס, און ווי אויף צו להכעיס קריכט מיר אין קאָפּ אריין דוקא זי, חוה, הייסט עס, אקעגן מיט איר געשטאַלט. הויך און שיין און פריש, ווי א סאס־נע, אָדער גאר ווי זי איז נאָך געווען א קליינינטשקע, א קראנקעטש־קע, א פגירה'לע, ווי אָן עופה'לע ביי מיר אויף די הענט, דאָס קעפּיל ארויפגעוואָרפן אויף מיינע פּלייצעס: „וואָס ווילסטו, חוה'לע? געבן דיר א שטיקעלע פּאפּע? אביסעלע מאָני? און איך פארגעס אויף א ווייַלע, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן, און עס ציט מיר צו איר דאָס הארץ, און די נשמה נאָגט, בענקט נאָך איר"...

און כדי צו ראַטעווען, אויסצולייזן זיך אַליין, זיין שטאָלץ, פון אָט דער בענקעניש, מיט ער זיך צו דערמאָנען, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן, און — „דערמאָן איך מיך, און עס גייט מיר איבער, זאָגט ער, דעם כח הדם און א פייער צינדט זיך אָן ביי מיר אין הארצן אויף איר און אויף אים און אויף דער גאנצער וועלט און אויף זיך אַליין, פארוואָס איך קאָן זיך נישט פארגעסן אויף קיין מינוט, פארוואָס זאָל איך זי נישט קאָנען אויסמעקן, ארויסרייסן פון דעם הארצן, זי האָט דאָס דען ביי מיר נישט פארדינט?"
אָבער אויסמעקן די טאָכטער, ארויסרייסן זי פון הארצן קאָן טביה ניט: צו איידל איז זיין הארץ, צו טיף איז זי דאָרט איינ־

געבאקן... און די אינעווייניגסטע מלחמה, די אינעווייניגסטע דראמע אין טביה'ן הערט ניט אויף... ביז זי דערגייט צום העכסטן פונקט: חוה קומט צו טביה'ן ניט אין דער פאנטאזיע, נאר אויפ'ן וואר. איינמאל פארנדיג און טראכטנדיג זיינע מחשבות, דערפילט ער פלוצלונג, אז זיין פערדל האט זיך אפגעשטעלט — „סטאפ! וואס איז דאס? איך הויב, זאגט ער, אויף די אויגן, איך טו א קוק — חוה!" וואס דא קומט פאר מיט טביה'ן, וואס פאר א באמת טראגישע און העראאישע מלחמה ער פירט דא מיט זיך אליין, מיט זיינע צארטע געפילן, דאס נעם איך זיך ניט אן איבער־צוגעבן. דאס האט געקאנט מאלן נאר יענער „פרימיטיווער" פאלקס־שרייבער, וואס ניט איין ראפינירטער „קונסט־פסיכאלאג" מעג אים, נישקשה, מקנא זיין די מדרגה, וואס ער האט דא דער־גרייכט... ציטירן די דאזיגע שטעלן האלט איך פאר איבעריג: דער לעזער געדענקט זיי; אזוינע שטעלן פארגעסט מען ניט.

טביה איז בייגעשטאנען אויך ביי דעם דאזיגן — שווערסטן — נסיון. ער האט פארהיט זיין מאראלישע ווערדע פאר... זיך אליין. ער האט זיך נישט אונטערגעגעבן זיינע געפילן.

ווייסן מיר שוין איצט אויף זיכער, אז ער האט א שטארקן, ניט נאר אן איידעלן כאראקטער. מחמת זיין גוטסקייט און פיינ־פיליקייט איז ער תמיד געווען גרייט אפצוזאגן זיך פון זיין אייגע־נער מיינונג און נאכגעבן דעם אנדערן. אבער ער האט עס געטאן נאר כל זמן ס'האט ניט אנגערירט דאס העכסטע און דאס הייליג־סטע פון זיין לעבן. איז דאס אוועקגעשטעלט געווארן אין גע־פאר, איז זיין ווייך הארץ געווארן פעסט — פעסט, ווי א דימענט־שטיין, וואס לייכט און שיינט אלץ מער, וואס מער מען שלייפט אים און מען פאלירט אים...

ז. שפרינצע.

טביה'ס הארץ ווערט אלץ מער און אלץ ווייטאגדיגער געשליפן. ער איז שוין, דאכט זיך, גענוג געפרובט געווארן: די עלטסטע טאכטער, צייטל, האט זיך „פארקאכט" אין מאטל קאמ־זויל, און „ביידע ווערן זיי פארשווארצט אין עושר און אין כבוד"; די צווייטע טאכטער, האדל, איז ערגעץ ווייט, ווייט, אין סיביר —

גאָט ווייס, צי וועלן זיי זיך זען אמאָל; מיט חוה'ן, דער דריטער טאָכטער איז געשען אזוינס, וואָס אים איז א ווייטאָג און א שאַנד צו ריידן וועגן דעם... אים איז אזוי שלעכט, אזוי ביטער אויפ'ן הארצן, אז אים קומען אין קאָפּ געדאַנקען, וואָס זיינען אים בטבע פרעמד: „אָט, למשל, אזוי קלער איך מיר — וואַקסט א בוים אין וואַלד, קומט צוגיין א נפש מיט א האַק, נעמט אָפּ א צווייג און נאָך א צווייג — וואָס איז דער בוים אָן די צווייגן, מ'שטיינס געזאָגט? נעם שוין בעסער, דו, בן אָדם, און האַק אונטער דעם בוים אינגאַנצן — און אָן עק לאָז דאָס האָבן — צו וואָס זאָל סטאַרטשן א נאַקעטער דעמב אין וואַלד?"

אָבער אויפ'ן דעמב זיינען געבליבן נאָך א פּאָר צווייגן — טביה האָט נאָך טעכטער — די האַק וועט נאָך האָבן וואָס צו טאָן... עס איז באמת צו באַוואונדערן די דראַמאַטישקייט פון טביה'ס מעשיות. זיי בלייבן ניט שטיין אויף איין אָרט, זיי גראָבן וואָס ווייטער, אַלץ טיפער. טביה'ס נשמה ווערט אַלץ טראַגישער, און אויף דעם הומאָר, א דאַנק וועלכן ער טראָגט אַלץ אריבער, הייבט אָן צו פאַלן א שיין פון אמת'ן—אינעווייניגסטן—העראָאיזם. איר פאַרגעסט שוין כמעט אינגאַנצן אָן טביה'ס אידישקייט און סביבה'דיגקייט. איר זעט אין אים די פאַרקער־פערונג פון טיף לעבנדיגער און אין די ליידן זיך לייטערנדיגער מענטשלאַכקייט. איר פרעגט מיט אים אינאיינעם:

— געשיקט זיך עס, אז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן צו־ליב דעם, ער זאָל אָפּקומען אויף דער וועלט?

און טאַקע אין דער אמת'ן, איז דאָ דען נאָך א גרעסערע אָפּקומעניש ווי טביה'ס, ווען ער דערוויסט זיך פון דער מעשה מיט חוה'ן? איז עס אָבער נאָך ניט אַלץ. עס קאָן נאָך זיין ערגער... ווי גע'שמד'ט.

אין חוה'ס שמד'ן זיך און חתונה האָבן מיט א גוי זעט טביה עפּעס א כשוף: דאָ איז קיינער ניט שולדיג. אַנדערש איז מיט שפּרינצע'ן, זיין פערטער טאָכטער: זי טוט זיך אָן א מיתה, זי טרינקט זיך, און שולדיג אין דעם זיינען מענטשן, די, וואָס האָבן זי אָפּגענאַרט און פאַר'מיאוס'ט איר דאָס לעבן.

דאָס האָט פּאַסירט אזוי: עס איז געקומען אויף דאַטשע קיין

בויבעריק עפּעס אַ רייכע אַלמנה מיט איר זונדל אַראַנטשיק, אַ מאַמע׳ס אַ זון, אַ ליידיג־גייער, אַ צעלאָזענער, מיט אַ גוט האַרץ און אַ שוואַכן כאַראַקטער. פאַרליבט ער זיך אין שפּרינצע׳ן און זאָגט צו מיט איר חתונה צו האָבן. אין טביה׳ן האָט זיך ווידער צעשפּילט די פאַנטאַזיע. ער האָט שוין ווידער געהאַפּט אויפגע־ריכט צו ווערן אויף דער עלטער, ביז — אין איין שיינעם טאָג רופט מען אים צו דער גביר׳טע, דער אַלמנה. דאָרט באַגעגנט אים „אַ קיילעכדיג געפּאַקט אידל מיט אַן אויסגעפּליקט בערדל און מיט אַ גראָבער גאָלדענער קייט אויפ׳ן בייכל", און מאַכט מיט אים אַזאַ שמועס, אַז ער האָט זיך ניט וואו אַהין צו טאָן פון בזיונות. דאָס קיילעכדיג געפּאַקט אידל, אַראַנטשיק׳ס פעטער, איז זיכער־ווייזט זיך אַרויס, אַז טביה מיט זיין טאָכטער האָבן געוואָלט אַריינגנאַרן, פאַרפירן זיין רייכן פּלימעניק, און ער פרעגט ביי טביה׳ן: „וויפיל וועט אונז קאָסטן אַרום און אַרום די חתונה?" ד. ה., וויפיל דאַרפן זיי אים געבן אָפּצוקויפן זיך פון אים... און מיט זיין עכט־טביה׳שער דערציילקונסט גיט ער אונז איבער די געמיינהייט פון דעם רייכן פעטער׳ס קלוגע סוחר׳ישע ריידעלאַך... „רבונו של עולם — טראַכט איך מיר — וואָס וויל דער איד? און הערט נישט אויף צו ריידן איבער מיין קאָפּ: איך זאָל גאָר ניט דענקען, זאָגט ער, טאָמער וועט מיר געראָטן מאַכן אַ סקאַנ־דאַל, אויספּויקן אומעטום, אַז זיין פּלימעניק, זאָגט ער, האָט זיך גע׳שדכנ׳ט צו טביה דעם מילכיגן׳ס טאָכטער, און איך זאָל זיך אַרויסשלאָגן פונ׳ם קאָפּ, זאָגט ער, אַז זיין שוועסטער איז אַ מענטש, וואָס קאָטאָרי מען קען פון איר פּאָמפּן געלט... מיט גוטן, זאָגט ער, מהיכי תיתי, קאָן מען, זאָגט ער, נעמען ביי איר עטלאַכע קערבלאַך; עלעהיי, זאָגט ער, אַ נדבה... מען איז דאָך, זאָגט ער, מענטשן וואָס קאָטאָרי מען דאַרף אַמאָל אויסהעלפן אַ מענטשן"...

טביה איז מסוגל צו דערשטיקן איך זיך, צוליב אַ העכערן ענין, ווי מיר האָבן געזען ביי דער מעשה מיט חוה׳ן, אפילו די שטאַרקסטע געפילן זיינע די ליבע־געפילן; אָבער אַנדערע זאָלן, צוליב זייער אייגענער געמיינהייט, אומזיסט און אומנישט אים, אינאיינעם מיט זיין טאָכטער, אַזוי מבזה זיין... „איך האָב אים — זאָגט טביה — אַז אַך און ווי איז מיר, גאָר נישט געענטפערט!

ס׳איז מיר געווען, ווי זאָגט איר, תדבק לשוני — עס האָט מיר ווי אָפּגענומען דעם לשון! איך האָב זיך אויפגעהויבן, זיך אויס־געדרייט מיט׳ן פּנים צו דער טיר — און נישטאָ מיך! ווי פון א שרפה האָב איך מיך ארויסגעכאפּט, ווי פון א טורמע! עס האָט מיר געזשומעט אין קאָפּ, געשעמערירט אין די אויגן און געטורקעט אין די אויערן די ווערטער פון דעם אידן: „אָפּן געשמועסט״... „א טאָכטער, ניט קיין טאָכטער״... „אן אלמנה אויף צו פּאָמ־פּען״... עלעהיי א נדבה״... איך בין צוגעגאנגען צו מיין פערד און וועגעלע, אריינגעליינגט דאָס פּנים אין בריטשקע אריין און — איר וועט ניט לאכן פון מיר? — אז איך האָב מיך צעוויינט, האָב איך געוויינט און געוויינט״... אויף זיין כבוד, אויף זיין מענטשלאכער ווערדע, וואָס איז פארשוועכט געוואָרן, האָט ער געוויינט! די מענטשלאכע געמיינהייט האָט ער נישט געקאָנט פארטראָגן! פאר אַלע צרות, פאר אלע ביטערע נסיונות, וואָס ער האָט געהאט אויסצושטיין ביז אהער, האָט ער געהאט טענות צום רבונו של עולם, וואָס ער פירט אזוי מאָדנע די וועלט; היינטיגס מאָל אָרט אים שוין ניט אַזוי אויף גאָט. „מיט גאָט, זאָגט ער, האָב איך מיך שוין ווי עס איז איבערגעבעטן — מיך אָרט אויף מענטשן, למאי זאָלן מענטשן זיין אזוי שלעכט, אז זיי קאָנען זיין גוט?״

אויב ביז אהער האָבן די ליידן זיינע אים אויסגעזעזן צו זיין אומפארמיידלאך, זעען זיי אים איצט אויס אומזיניג. און די ערגסטע ליידן אויף דער וועלט זיינען ניט די, וואָס האָבן קיין ברעג ניט, נאָר די, וואָס האָבן ניט קיין זין: טביה׳ס טראגיזם איז דערגאנגען ביז צום לעצטן שטאפּל!

ח. טביה פאָרט קיין ארץ ישראל.

און עס קאָן זיך דוכטן, אז ביי טביה׳ן איז שוין אויסגעגאנגען די לעבנסקראפט און עס געפינט זיך שוין ניט אין אים קיין טראָפּן מוט. אָבער ס׳איז א טעות. טביה׳ס „ווילן צום לעבן״ איז נאָר געבוינגן, ניט געבראָכן. די „וועלט״, זאָגט ער, ווען ער לאָזט אויס די מעשה מיט שפּרינצע׳ן, „די וועלט איז אויך א וועלט, מען מוז אין זינען האָבן א קערבל אויך — און פארגעסן, וואָס ס׳איז געווען, וואָרים דאָס, וואָס די ערד דעקט־צו, מוז, זאָגט מען, פאר־

געסן ווערן, און אז מען איז א לעבעדיגער מענטש, קען מען די נשמה ניט אויסשפייען. עס העלפט ניט קיין חכמות, און מיר מוזן זיך אומקערן צוריק צום אלטן פסוק, אז כל זמן שהנשמה בקרבי איז — פאר ווייטער, טביה!"

און ער פארט ווייטער. אזויווי עס איז גארנישט ניט געווען.

איז עס, אויב איר ווילט, א ספעציעל־אידישע, ניט קיין אלגעמיין מענטשלאכע, אייגנשאפט. אבער ניט די אידישע מאסע אליין — די גאנצע אידישע נאציע ווערט דא שוין סימבאליזירט אין טביה'ן... אהאסווער, וועלכער טוט און פארט ווייטער, וואס ער זאל ניט האבן אויסצושטיין אויפ'ן וועג.

טביה'ס אידישקייט איז, וואס ווייטער, אלץ טיפער געווארן, אזוי ווי דאס אוניווערסאלע אין אים, און ווען מיר קומען צום סוף פון דער געשיכטע מיט שפרינצע'ן, האבן מיר שוין קלאר פאר זיךביידע יסודות פון טביה'ס לעבן, דעם אלגעמיין־מענטשלאכן און דעם אידישן — די אלגעמיינע איידלקייט, גוטסקייט און שטאלצקייט פון זיין נאטור און די עכט־אידישע וויטאליטעט, צופאסונגספעאיקייט, געדולד, מוט, ווילן צום לעבן. ביידע הויפטשטריכן פון טביה'ס פערזענלאכקייט זיינען שוין בולט און דראמאטיש ארויסגעבראכט געווארן, און אויב עס קומט נאך א קאפיטל מיט'ן נאמען „טביה פארט קיין ארץ־ישראל" (דאס קאפיטל איז אין דער ערשטער אויסגאבע געווען דער שלום), איז עס, לויט מיין אויפפאסונג, שוין ניט מער ווי א מין עפילאג צום בוך. קיין נייע וויכטיגע שטריכן ווייזן זיך ניט אין טביה'ס כאראקטער. עס ווערט דא נאר געשלאסן, אזוי צו זאגן, די פאבל, דער ספור־המעשה: טביה'ס ווייב, גאלדע, איז געשטארבן, די מיזינקע, ביילקע, איז אויסגעגעבן — און ער אליין פארט קיין ארץ ישראל.

זיין ווייב, גאלדע, איז געווען א פראסטע אידענע, און זי האט ניט געקענט אריבערטראגן, וואס די קינדער זיינען זיך „צעקראכן איינער קיין ליסי, דער אנדערער קיין סטריסי". נאר טביה אליין האט דאס געקענט אויסהאלטן, און ער טראגט אריבער — מיט גרויסע יסורים, פארשטייט זיך — אויך די מיאוס'ע גענג פון

זיין נייעם איידים, פדהצור, דעם אויפגעקומענעם גביר, וואָס זוכט אויסצוריכטן דעם שווער קיין ארץ ישראל, וואָס איז — אים פּאַסט ניט, ער זאָל בלייבן דאָ, וואו אלע ווייסן, אז ער הייסט טביה דער מיליכיגער און איז אַ איד אַן אָרימאַן...

טביה האָט אויף דער עלטער, אין פלוג, דערגרייכט, צו וואָס ער האָט אַמאָל געשטרעבט: האָט אויסגעגעבן די מיזינקע פאַר אַ גביר. גראַדע דער שידוך איז געווען, ווייזט זיך ארויס, דער אומגליקלאַכסטער פון אַלע שידוכים, וואָס ער האָט ביז אַהער געטאָן מיט זיינע טעכטער: מיט יענע זיינען די טעכטער כאָטש געווען צופרידן, מיט דעם איז ניט ער קאָנטענט, ניט די טאָכטער. זי לעבט שוין, זאָגט זי, ניט „אין האָדל'ס צייטן" (ד. ה. ניט אין די צייטן „ווען די גאַנצע וועלט האָט זיך געוויגט, געהאַלטן אָט־אָט ביי איבערקערן זיך", און מען האָט „זיך געזאָרגט פאַר דער וועלט און אין זיך האָט מען פארגעסן"), זי לעבט אין די צייטן פון נאָך „יאַפּאָניע", ד. ה. נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע, טוט זי שוין ניט קיין ליבע־שידוך, ווי צייטל, און ניט קיין אידייען־שידוך, ווי האָדל, נאָר אַ געלט־שידוך. זי איז אויסן געווען צו באַזאָרגן אויף דער עלטער טביה'ן, אָבער ער פילט זיך נאָך אומגליקלאַכער ווי פריער. פריער האָבן אים פרעמדע גראָבע מענטשן אָנגעטאָן גייסטיגע יסורים, איצטער באַליידיגט אים מיט זיין גראָבקייט און געמיינהייט זיין אייגענער איידים, דער פּאַרוועניו, וואָס זינט נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאנד האָט ער זיך צולייגט אין דער אידישער גאַס, „ווי ביי זיין טאַטן אין וויינגאָרטן"... טביה טראָגט דאָס אַלץ אריבער, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיינע ליידן, וועלכע זיינען לאַנג געווען שוין אָן אַ ברעג, זיינען איצט שוין אויך אָן אַ זינען... אָבער דאָס האָבן מיר שוין געוואוסט פון „שפּרינצע", און די דאָזיגע דערציילונג איז, ווי געזאָגט, נאָר אַן עפּילאָג צום אויסנווייניגסטן ספּור־המעשה.

מיר געפינען דאָ, אמת, אַ נייעם אויסגעצייכנט געשילדערטן טיפּ — פדהצור, דעם טיפּ פון דעם אויפגעקומענעם גביר, דעם המשך און מער פולשטענדיגן וואַריאַנט פון דעם „קיילעכדיג געפּאַקט אידל" מיט דער „גראָבער גאָלדענער קייט אויף'ן בייכל" פון דער

פריערדיגער דערציילונג. אויך די טאָכטער טביה׳ס, די מיזינקע, איז שוין אביסל פון א נייעם שניט, ווייל פון א נייער צייט: זי וויל שוין ניט באַזאָרגן „די וועלט", ווי האָדל, נאָר „זיך", ד. ה. דעם טאַטן אירן, טביה׳ן, אויף דער עלטער, אָבער אין טביה׳ן אליין איז קיין נייס ניטאָ...

קיין ווייטערדיגע אנטוויקלונג פון זיין אינעווייניגסטער דראַמע איז ניטאָ אויך אין „לך לך" און אין „וחלקלקות" — די לעצטע צוויי דערציילונגען אין דער נייער אויסגאַבע — („גאַנץ טביה דער מילכיגער").

„לך לך" איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין דעם זשורנאַל „די אידישע וועלט" (מערץ, 1914), און אין א בריוו צום רעדאַקטאָר פון זשורנאַל האָט שלום עליכם געשריבן: „...מיין „לך לך" איז כמעט ווי פארטיג און איז אָרוים כפתור ופרח. ער איבערשטייגט אַלע פריערדיגע מעשיות פון טביה דעם מילכיגן עשרת מונים". און אין דער אמת׳ן איז טאַקע אין דעם פאַראַן א סך אינהאַלט, אָבער מער לעבנס־ ווי קונסט־אינהאַלט: טביה איז דאָ שוין ווידער איינגעטונקט אין עטנאָגראַפיע און אין סביבה׳דיגקייט, ווי אין זיין גאָר ערשטער מעשה, ער איז שוין ווידער איינער פון פאָלק, זיינע צרות זיינען צרות־הכלל. זיי זיינען באַשיינט מיט זיין באַזונדערן, ווייך־טרויעריגן טביה׳שן שיין, אָבער זיי זיינען דאָך ניט זיינע, אינדיווידועלע ליידן. זיין אייגענע, ריין מענטשלאַכע, דראַמע, ווי אויך איר איינהייטלאַכקייט, דערגרייכט די העכסטע מדרגה, חזר איך נאָך אַמאָל איבער, אין׳ם עפּיזאָד „שפּרינצע". די דאָזיגע דערציילונג איז דער לעצטער רינג אין דער אינעווייניגסטער אנטוויקלונג פון טביה דעם מילכיגן, ווי פון א קונסט געשטאַלט. וועל איך זיך ניט אָפּשטעלן אויף „לך לך" און „וחלקלקות". איך וויל נאָר צוגעבן נאָך עטלאַכע ווערטער וועגן דעם איינגאַרטיגן הומאָר, וואָס פּילט אָן דעם גאַנצן בוך און וואָס איז פּונקט אַזאַ וויכטיגער, אויב ניט נאָך אַ וויכטיגערער יסוד פון טביה׳ס כאַראַקטער, ווי די צוויי יסודות, וועגן וועלכע איך האָב ביז אהער גערעדט: די איידעלע, שטיל־ליידנדיגע מענטשלאַכקייט און די געדולדיגע אידישקייט.

ט. טביה'ס הומאָר.

דער דריטער — אפשר וויכטיגסטער — זייל, וואָס האַלט אונטער טביה'ס וועלט, איז דער הומאָר. אָבער דאָס איז ניט דער הומאָר, וואָס איז דאָ געוויינטלאַך ביי שלום עליכם'ען. ווי אַלץ אין „טביה דעם מילכיגן", איז אויך דער הומאָר זיינער פון אַן איי־דעלערן מין.

וואָס איז אייגענטלאַך הומאָר? די פעהיגקייט צו באפרייען זיך פון שלעכטע אָדער מיאוס'ע זאַכן, דורך קוקן אויף זיי פון וויטן אָדער פון אויבן אראָפּ. דאָס רוב באפרייט אונז דער הומאָר פון זאַכן, וואָס שטערן אונז, — דורך דעם, וואָס ער צייגט אונז זייער קליינקייט, נישטיגקייט, לעכערליכקייט. אָן אַנדערש מאָל אָבער העלפט ער אונז גובר צו זיין זאַכן, וואָס שטייען אונז אין וועג, ניט דורך דעם, וואָס ער איז זיי מבטל, נאָר דורך דעם, וואָס ער וועקט אין אונז אויף כחות, וועלכע העלפן אונז פון אינעווייניג דערהויבן זיך איבער זיי און דערלייזט ווערן פון זיי.

אין ערשטן פאַל האָבן מיר צו טאָן מיט ענינים, וועלכע בעטן זיך אייגנטלאַך, אז מען זאָל ניט נתפעל ווערן פון זיי, און אויב דער מענטש פון אַ גאַנץ יאָר נעמט זיי ערנסט, זיינען ניט זיי אין דעם שולדיג, נאָר ער, אָט דאָס קליינע מענטשעלע, מיט די קליינע השגה'ס, וואָס אויף זיין מאָס איז אַלץ וויכטיג. אין צווייטן פאַל זיינען די זאַכן, וואָס אויף זיי איז חל דער הומאָר, באמת טאקע פול מיט ערנסטער, אָפט טראַגישער באדייטונג, און גובר איז זיי דער מענטש מיט הומאָר נאָר דערפאר, וואָס ער טראָגט אין זיך באהאַלטן כחות און לעבנס־באציאונגען, וועלכע זיינען נאָך העכער, און נאָך ווירקונגספולער, ווי אָט די ערנסטקייט און אָט דער טראַגיזם; כחות, וואס אז מען שפירט זיי אין זיך, לעבט מען אין אַ פיינערער העכערער לופט און מען קוקט אראָפּ אויפ'ן טאָל פון יאָמער מיט אַ זיגעוודיגער זיגנעדיגער רואיגקייט, מיט יענער שמייכלדיגער, ליכטיגער געלאסנקייט, וועלכע עס פאַר־מאָגן געטער, קינסטלער און פילאָזאָפן... דאָס איז ניט קיין אידילישער, נאָר, איך וואָלט געזאגט, אַ דראַמאַטי־

שער הומאָר, אַזאַ וואָס קומט אין סוף פון אַן אינעווייניגסטן קאַמף, — און אַט דעם העכערן סאָרט הומאָר פאַרמאָגט טביה דער מילכיגער, וועלכער איז פון אינעווייניג גובר די אַלע יסורים, וואָס ער האָט אויסצושטיין, און וועלכער דערציילט וועגן זיי, פונקט ווי ווען זיי זאָלן שייך זיין ניט צו אים אַליין, נאָר צו אַן אַנדערן, ניט צום היינטיגן טאָג, נאָר צו דער ווייטער פאַר־גאַנגענהייט.

„טביה דער מילכיגער" איז אַ בוך, וואָס פירט אונז אַריין, ווי איך האָב געזאָגט, אין דעם דיכטער'ס אייגענעם קדשי קדשים. מיר זעען אין דעם דאָזיגן בוך נישט בלויז דעם קינסטלערישן טאַלענט שלום עליכם'ס. מיר זעען אין דעם אויך דאָס, וואָס זיין טאַלענט איז נאָר אַ טייל דערפון — זיין גייסטיגע פּערזענ־לאַכקייט.

מיר געפינען אין „טביה דעם מילכיגן" דאָס דערהויבענע, ניט נאָר דאָס קאָמישע, ווי אין אַ סך אַנדערע ווערק שלום עליכם'ס. דאָס קאָמישע זעט מען אין אַנדערע. דאָס דערהויבענע קאָן מאָלן נאָר דער, וואָס פאַרמאָגט עס אַליין...

כדי צו ווייזן דאָס קאָמישע, דאָס מנחם־מענדעלשע, דאַרף מען זיין העכער פון דעם; כדי צו קענען אַנטפּלעקן פאַר אונז די שיינקייט פון טביה'ן, מוז מען שטיין מיט אים אויף איין מדרגה...

איז ווער עס וויל קענען דאָס טביה'שע, דאָס געלייטערטע, דאָס שבת'דיגע אין אונזער דיכטער, מוז זיך פאַרטיפן אין די מעשיות פון טביה דעם מילכיגן, אין אַט דער אויטאָ־ביאָגראַפיע פון שלום עליכם'ס העכערן, שבת'דיגן איך.

3. „פונ׳ם יאַריד“.

„שלום עליכם׳ס ביאָגראַפיע פון אים אַליין געשריבן“ — אזוי האָט אונזער גרויסער הומאָריסט אָנגערופן זיין בוך „פונ׳ם יאַריד“, ווען ער האָט עס גענומען שרייבן אין יאָר 1913, אין איטאַליע. דערנאָך, ווען די ערשטע טיילן זיינען פאַרטיג געוואָרן, האָט ער זיי פאַרעפנטלאַכט („וואַרהייט“, ניו יאָרק) אונטער׳ן נאָמען „פונ׳ם יאַריד“ (לעבנס־באַשרייבונגען)“.

אונטער דעם דאָזיגן נאָמען איז שפּעטער אַרויס די צווייטע אויפלאַגע פון בוך, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר די בענד כ״ו און כ״ז פון דער „שלום עליכם פאָלקספאָנד אויסגאַבע“.*)

וואָס זיינען געווען די מאָטיוון, וואָס האָבן באַוועגן שלום עליכם׳ן זיך זעצן שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע?

איך מיין ניט אומבאַוואוסטזיניגע מאָטיוון. זיי זיינען ביי אַלע שרייבער, וואָס דערציילן די געשיכטע פון זייער אייגענעם לעבן, מער אָדער ווייניגער גלייך. פריער שרייבט מען יאָרנלאַנג פאַרשטעלט וועגן זיך אַליין (וועגן וואָס דען שרייבט אַ שרייבער, אויב ניט וועגן זיך אַליין, אויב ניט וועגן זיינע אייגענע אינעווייניגסטע דערפאַרונגען?), דערנאָך קומט אַ צייט, — ביי

---

*) די ערשטע אויפלאַגע (אין פערלאַג „וואַרהייט“) האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן נאָך ביים דיכטער׳ס לעבן, אין יאָר 1916, עטלאַכע חדשים פאַר זיין טויט. אָבער מער ווי די ערשטע צוויי טייל איז אים ניט באַשערט געווען צו זען אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם. דער דריטער טייל איז שוין אַרויס נאָך זיין טויט, אין יאָר 1917. דער דאָזיגער טייל איז געדרוקט געוואָרן ווי אַ באַזונדער בוך, מיט אַ נייער נומערירונג פון די קאַפּיטלאַך, ד. ה., אָנגעהויבן איבער־אַ־נייעס פון איינס. דאָרט איז פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אַ פאָררעדע מיטן נאָמען „די געשיכטע פונ׳ם בוך „פונ׳ם יאַריד“ אין קורצן“. אין דער נייער אויפלאַגע איז „די

איינעם פריער, ביי אַן אנדערן שפּעטער, — ווען עס פאַרגלוסט זיך צו מאַכן אַן אָ פּ ע נ ע ם סך־הכּל פון דעם אייגענעם לעבן, אַ צייט, ווען מען דערפילט זיך גענוג חשוב'דיג צו ריידן וועגן זיך מיט אנדערע, ניט נאָר מיט זיך אַליין, א צייט, ווען מען וויל איבערלאָזן דער וועלט, פאַר'ן שיידן זיך מיט איר, אַ בילד פון זיך, אַ בילד, וואָס די אייגענע, ניט פרעמדע, קאַלטע הענט האָבן עס געמאַכט... אַן אויטאָביאָגראַפיע איז אָדער אַ פאַרשטעלטע אַפּאָ־לאָגיע, אָדער א ודוי. און אויסן איז מען איןביידע פאַלן ניט אזוי דעם טפח, וואָס מען דעקט אָפּ, ווי די צוויי טפחים, וואָס מען פאַרדעקט (אזעלכע פולשטענדיגע ודוי־אויטאָביאָגראפיעס, ווי דעם הייליגן אויגוסטינ'ס, רוסאָ'ס אָדער טאָלסטאָי'ס, זיינען אויסנאַמען). דערפאַר איז די זעלבסט־באַשרייבונג פון א דיכטער ווינציגער וויכטיג פאַר דעם פאָרשער פון זיין אינעווייניגסטן לעבן, ווי די ווערק, וואו ער שרייבט וועגן אַנדערע. אין י ע נ ע דעקט ער זיך אויף פאַרשטעלטערהייט (פאַרשטעלטערהייט האָט מען מער מוט צו זאָגן דעם אמת וועגן זיך אַליין), אין ד י פאַרשטעלט ער זיך אויפגעדעקטערהייט. אבער דאָס איז רוב אַן אומבאַוואוסט־ניגע זאַך.

אונז אינטערעסירן יענע מאָטיוון צו שרייבן וועגן זיך אַליין, וועלכע שלום עליכם האָט געהאַט ב אַ וו א ו ס ט ז י נ י ג ע ר־ה י י ט .

צווייערליי מאָטיוון האָט ער אָנגעגעבן : קולטור־היסטאָרישע

געשיכטע" אַריבערגענומען געוואָרן פון דריטן טייל אין ערשטן, וואו עס איז איר ריכטיקער פּלאַץ.

די קאַפּיטלאַך פון דריטן טייל האָבן נאָך אַלץ אַ באַזונדער נומעראַ־ציע, אַזוי ווי עס וואָלט געווען גאָר אַ זעלבסטשטענדיק בוך, אָבער די בלעטער זיינען נומערירט שוין ווי געהעריק איז, אַ סך דרוקפעלערן פון דער „וואַרהייט"־אויסגאַבע זיינען פאַרריכט געוואָרן, עס איז צוגעגעבן די עפּיטאַפיע, וואָס דער דיכטער אַליין האָט אויפגעשריבן פאַר זיין מצבה, ווי אויך צוויי זייער אינטערעסאַנטע פּאָרטרעטן (שלום עליכם אין יאָר 1877, און שלום עליכם און זיין פרוי צו זייער חתונה 1883) — און דאָס גאַנצע בוך „פונ'ם יאַריד" אין צוויי בענד האָט אין דער נייער אויסגאַבע אַ שענערן אויסזען, ווי עס האָט געהאַט פריער, אין דער אויס־גאָבע פון „וואַרהייט".

און אינדיווידועל־ביאָגראַפישע. ער האָט אין זיין „פונ׳ם יאַריד״, הייסט עס, אונז געוואָלט געבן, ערשטנס, בילדער פון דעם אַמאָליגען אידישן לעבן, און, צווייטנס, א בילד פון זיין אייגענער פּערזענ־לאַכקייט. ער איז אין דעם פּרט, ווי אין א סך אנדערע פּרטים, געווען נעענטער צו מענדעלע׳ן, ווי צו פּרץ׳ן, דעם צווייטן פון אונזערע „דריי קלאַסיקער״. פּרץ האָט אין די „זכרונות״ פון זיין יוגנט געשמידט בלויז א „שליסל״ צו זיין שאַפן, ווי ער האָט זיך אליין אויסגעדריקט. מענדעלע איז מיט זיין „שלמה רב חיים׳ס״ אויסן געווען צו באַקענען אונז מיט דער צייט, ווען ער האָט געלעבט, מיט דעם דור, צו וועלכן ער האָט געהערט, ניט נאָר אָפּ־צוגעבן אונז א חשבון פון זיינע אייגענע אויפטוען. ביי שלום עליכם׳ען, אַזוי ווי ביי מענדעלע׳ן, געפינען מיר ביידערליי כונות.

ער דערציילט אונז אין דער „געשיכטע פונ׳ם בוך „פונ׳ם יאַריד״ אין קורצן״, אַז א פריינט האָט אים „אויפגעגעבן די אידייע ברייט און אַלזייטיג צו באַשרייבן די פאַרגאַנגענע פופציג־יאָריגע עפּאָכע פון אונזער אידישן לעבן אין גלות״. „היות, טייטשט ער אויס די אידייע פון זיין פריינד, אַזוי ווי איך האָב דורכגעמאַכט א גאַנצע עפּאָכע און בין אויסגעוואַקסן, קען מען זאָגן, אינאיינעם מיט דער אידישער פאָלקס־ליטעראַטור, — טאָמער וואָלט איך גענומען אויף זיך די טרחה, צו פאַרקערפּערן די אויבנדערמאָנטע עפּאָכע אין דער פאָרם פון א גרויסן ראָמאַן. די אידייע, שרייבט ער ווייטער, איז מיר אריין אין קאָפּ, און איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבייט, נאָר אין אַן אנדער פאָרם, אין דער פאָרם פון מיין אויטאָביאָגראַפיע אָדער ראָמאַן־ביאָגראַפיע.״

פאַרוואָס האָט ער אויסגעקליבן גראַד די פאָרם פאַר דער שילדערונג „פון דער פאַרגאַנגענער פופציג־יאָריגער עפּאָכע״? האָט ער דען אַנדערש ניט געקענט מאָלן די „עפּאָכע״, סיידן ער זאָל באַשרייבן זיין אייגענעם לעבן? אין דער פאָררעדע ווען מיר אומזיסט זוכן אַן אַנטפער אויף דער פראַגע. דער אמת׳ער ענטפער געפינט זיך אין דעם ערשטן קאַפּיטל פון בוך. דער דיכטער רעדט דאָרט ווידער וועגן זיינע „גוטע פריינט״, אָבער דאָס מאָל דערמאָנט ער שוין ניט יענע, וואָס האָבן אים געראַטן צו פאַרקערפּערן אין א גרויסן ראָמאַן זיין עפּאָכע (זיינען דען אַלע

ווערק זיינע ניט קיין פארקערפערונג פון זיין עפּאָכע ?). ער רעדט וועגן גוטע פריינט, וואָס האָבן אים געפרעגט, פּשוט, פארוואָס זאָל ער זיך ניט נעמען די מי צו באַקענען דעם עולם מיט דער געשיכטע פון זיין לעבן. „ס'איז שוין צייט, זאָגן זיי, און עס וואָלט אפשר געווען אינטערעסאנט אויך".

האָט ער זיי געפאָלגט און זיך עטלאכע מאָל, שרייבט ער, גענומען צו דער ארבייט און אלע מאָל אוועקגעלייגט די פּען...
פארוואָס האָט ער אוועקגעלייגט די פּען ?

ער האָט זיך, פּשוט, ניט געפילט אלט גענוג. ער האָט, אזוי ווי פּרץ, געוואוסט, אז „נאָר פון עלטערע לייט פארלאַנגט מען זכרונות", און ער האָט ניט געוואָלט נאָך צוגערעכנט ווערן צו די עלטערע אָדער גאָר צו די אלטע. ער האָט געוואוסט, אז „שרייבן אן אויטאָביאָגראפיע און מאכן א צוואה איז כמעט אלץ איינס", און ער האָט נאָך ניט געהאלטן ביי שרייבן זיין צוואה.

דאָס איז ניט קיין השערה. ער האָט עס בפירוש געזאָגט אין איינעם פון די בריוו, וואָס איך האָב באַקומען פון אים אין יאָר 1912. ער האָט זיך אין יענעם בריוו געקלאָגט אויף די אינהאַלטס־אָרימע עראינערונגען וועגן אים, וועלכע עס האָט פארעפנטלאכט איינער פון זיינע אלטע חברים... „איך האָב מורא, האָט ער גע־שריבן, אז איך וועל מוזן אַ ל י י ן אָנשרייבן מיין אמת'ע ביאָגראַ־פיע און די געשיכטע פון מיין שאַפן: זיי זיינען ביידע גלייך אינטערעסאנט. דער חסרון (איז), וואָס איך לייג עס אָפּ אויף דער ע ל ט ע ר, איך פיל מיך אזוי יונג און וועל מיך אזוי פילן, דאכט זיך, ביז'ן לעצטן טאָג פון מיין „יוגנט", און מיין אויטאָ־ביאָגראפיע וועט בלייבן ניט קיין געענדיגטע. ווי קען מען שרייבן ביאָגראפיעס, אז מען האלט ערשט ביים אָ נ ה י י ב שאַפן ?"

עס איז ניט אריבער קיין יאָר צייט, און ער האָט זיך דאָך גענומען פאַר זיין ביאָגראַפיע. וואָס איז געשען ? האָט ער פּלוצלינג דערפילט, אז עס קומט א סוף צו זיין „יוגנט" ? פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אים אזא געפיל ? דעם ענטפער אויף דער פראַגע וועט קענען געבן נאָר דער קומענדיגער ביאָגראַף, וועל־כער וועט וויסן די אלע אומשטענדן פון דעם דיכטער'ס לעבן אין יענער צייט. דער ענטפער, וואָס ער אליין גיט אין דעם ערשטן

קאַפּיטל, איז ניט גענוג. ער שרייבט, אַז ער „האָט זוכה געווען נאָך פאַר פופציג יאָר צו באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים מיט זיין מאַיעסטעט, מיט׳ן מלאך המות, גאָר נישט אויף קאַטאָוועס", און אַז דאָס זאָל האָבן געצוואונגען אים זיך צוצואיילן מיט דער באַשרייבונג פון זיין לעבן. „אַצינד, זאָל ער האָבן געזאָגט צו זיך אליין, איז די רעכטע צייט, כאַפּ אריין און שרייב, וואָרים קיינער וויים ניט ווען מאָרגן עס איז. דו וועסט מאכן א שטאַרב, וועלן קומען מענטשן, וואָס מיינען, אַז זיי קענען דיר און וויסן דיך, און וועלן אויסטראַכטן זאַכן, וואָס ניט־געשטויגן, ניט־געפלויגן. צו וואס טויג עס דיר? א מער, נעם שוין בעסער אליין, *דו קענסט זיך בעסער פון אלעמען*, און דערציי̈ל ווער דו ביזט, שרייבט דיין אויטאָביאָגראַפיע!" דאָ איז קלאָר אויסגעדריקט זיין פּאַרלאַנג צו באַקענען דעם עולם מיט זיך אליין, ניט נאָר מיט דער עפּאָכע, און צו דערציילן די געשיכטע פון זיין לעבן, ניט נאָר פון זיין שאַפן. און ער האָט דאַן טאַקע אָנגעשריבן די ערשטע עטלאכע קאַפּיטלאך פון זיין לעבנס־באַשרייבונג. דאָס איז געווען אין יאָר 1908. אין דעם זעלביגן יאָר האָט ער אויפגעשריבן אויך א קורצע אויטאָביאָגראַפישע סקיצע, לויט דעם אויפטראַג פון א קיעווער רוסישער צייטונג, אין פאַרבינדונג מיט זיין פינפאונצוואַנציגיאָריגן יובילײ. די דאָזיגע קורצע אויטאָביאָגראַפיע איז געשריבן געוואָרן טאַקע לכתחילה אויף רוסיש. אין א אידישער איבערזעצונג איז זי פאַרעפנטלאכט געווארן ערשט שפּעטער, אין יאָר 1926, אין דעם „שלום עליכם בוך", וואס איז ארויס אין ניו יאָרק צום צענטן יאָרצייט נאָך שלום עליכם׳ען. אָבער די גרויסע אויטאָביאָגראַפיע איז דאַן, נאָך זיין קראַנקהייט, ווען ער האָט זיך גענומען זי שרייבן, איבערגעריסן געווארן אינמיטן. אומגעקערט זיך צוריק צו איר האָט ער ערשט שפּעטער, אין יאָר 1913.

פאַרוואָס האָט ער אין 1913 מיט אַמאָל דערפילט די עלטער, ווען מיט אַ קנאַפּן יאָר פריער האָט ער אין דעם בריוו, וואָס איך האָב ציטירט, אויסגעדריקט די זיכערקייט, אַז ער וועט זיך פילן יונג ביז׳ן לעצטן טאָג? נאָר אפשר איז אין יענעם רעדן וועגן יונגקייט, אין יענעם וועלן פאַרזיכערן זיך אליין און אנדערע, אז

ער „האָט ערשט ביים אָנהייב" שוין געוועז אַן אויסדרוק און אַן אָנזאָג פון דער אָנקומענדיגער עלטער און דעם באַהאַלטענעם שרעק פאַר דער עלטער? און אפשר האָט ער געפילט ביידע זאַכן אינ־איינעם: אי די יונגקייט פון דער נשמה, אי די געפאַר פון פי־זישן טויט? ווער קען וויסן דעם אמת'ן מיין פון די דערקלערונגען, וואָס א קינסטלער גיט וועגן זיך אליין? קינסטלער, ווי פרויען, האָבן ליב פארשלייערטקייט. אומזיסט מאַטערן מיר זיך צו טרעפן די רעטענישן פון זייערע חנ'עוודיגע און אָפט זיך חנ'ענדיגע זעלבסט־קאָמענטאַרן. עס איז אפשר גאָר בעסער, אז עס זאָל בלייבן א רעטעניש.

אָבער וואָס עס זאָל ניט האָבן געוועז דער אוממיטלבארער אימפולס ביי אונזער דיכטער צו נעמען זיך פאַר דער באַשרייבונג פון זיין לעבן אין יאָר 1913, — געטראַכט וועגן אַזאַ באַשרייבונג האָט ער שוין פריער א סך. דאָס זעען מיר פון זיין אויטאָביאָגראַ־פישן בריוו צו י. ח. ראַווניצקי, וואָס איז פארעפנטלאַכט אין סוף בוך, און וואָס איז געשריבן געוואָרן נאָך אין יאָר 1903. „איר ווילט, שרייבט ער אין דעם דאָזיגן זייער אינטערעסאַנטן בריוו, איך זאָל אייך געבן כאָטש א ביסל רשימות צו מיין ביאָגראַפיע? איך האָב זייער מורא, צי איז בכלל ניט קיין איבעריגע זאַך די ביאָגראַפיע מיינע? אפשר איז נאָך אביסל צופרי? דאָס איז נומער איינס. ותשנית, האָב איך חשק אליין אָנשרייבן די געשיכטע פון מיין לעבן — א גאַנצן ספר". און פון א בריוו צו מרדכי ספעקטאָר איז צו זען, אַז שוין אין יאָר 1894 האָט ער אין זינען געהאַט צו שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע. אָט וואָס ער האָט (אין קלאַמערן) געשריבן אין דעם דאָזיגן בריוו: „נאָטאַ בענע: אַזוי ווי דאָס בעסטע בוך איז דאָס לעבן, און דער בעס־טער ראָמאַן איז דעם מענטשנ'ס לעבן, און מיין לעבן איז גראַדע רייך מיט פארשיידענע עפּיזאָדן, כאַראַקטערן און טיפּן, — האָב איך מיך פעסט באַשלאָסן די טעג צוטרעטן צו מיין לעבענסבאַ־שרייבונג (אויטאָביאָגראַפיע), באריכות, פון מיין געבוירן ביז צוואַנציג יאָר. איך האָב בדעה מיין אויטאָביאָגראַפיע צו געבן אין אייער „הויז־פריינד". מסתמא, פארשטייט איר שוין, אז גלאַט אַזוי באַשרייבן, ווי אַזוי איך האָב געגעסן, צי געלערנט, צי געלאָפן,

געשפּרונגען — וועל איך ניט. איך וועל אויסקלייבן די רייכסטע עפּיזאָדן, וועלכע וועלן גיין רעגלמעסיג, טריט ביי טריט, און וועלכע זאָלן האָבן א באזונדערן אינטערעס ניט נאָר פאַר מיר אליין, נאָר אויך פאַר יענעם..."

ראַווניצקי'ן האָט ער געגעבן אַ היבש ביסל „רשימות" צו זיין ביאָגראַפיע, און די דאָזיגע „רשימות" זיינען אייגנטליך געוואָרן דאָס קערנדל, וואָס פון דעם האָט אין צען יאָר אַרום אָנגעהויבן צו וואַקסן דאָס בוך „פונ'ם יאריד".

די „רשימות", וואָס שלום עליכם האָט צוגעשיקט צו י. ח. ראַווניצקי און וואָס זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען ערשט נאָך דעם דיכטער'ס טויט, פאַרהאַלטן זיך צו דעם אויטאָביאָגראַפישן בוך „פונ'ם יאריד" אזוי ווי מענדעלע'ס אויטאָביאָגראַפישער פראַגמענט אין „ספר הזכרון" (1889) פאַרהאַלט זיך צו „שלמה רב חיים'ס". אי דאָ, אי דאָרט האָבן מיר אַ קורצע סקיצע, וואָס האָט זיך שפּעטער פאַנאַנדערגעוויקלט און איז געוואָרן אַ גרויס בוך. אי דאָ, אי דאָרט כאַפּט די פריערדיגע קורצע סקיצע אַרום אַ לענגערן פעריאָד פון דעם שרייבער'ס לעבן און שאַפן, ווי דאָס שפּעטערדיגע בוך. ביידע דיכטער האָבן באַוויזן אויפצו־שרייבן נאָר די ערשטע טיילן פון זייערע אויטאָביאָגראַפיעס. מענדעלע האָט דערציילט אונז נאָר פון שלמה'ס (שלום יעקב'ס) קינדהייט און אָנהויב יוגנד; שלום עליכם איז אין זיין בוך „פונ'ם יאריד" צוגעגאַנגען נאָר ביז צום גרעניץ פון זיין ליטעראַ־רישן שאַפן — און געבליבן שטיין.

אָבער אויך דאָס ביסל וואָס שלום עליכם האָט אונז דער־ציילט פון זיין לעבן, האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר די, וואָס ווילן זיך באַקענען מיט זיין פערזענלאכקייט, ווי אויך פאַר די וואָס ווילן שטודירן די צייט, ווען ער האָט געלעבט, און די סביבה, וואו ער איז אויסגעוואַקסן.

איך האָב פריער געזאָגט, אַז אויטאָביאָגראַפיעס זיינען פאַר דעם, וואָס וויל אַריינקוקן אין דעם אינעווייניגסטן לעבן פון זייערע פאַרפאַסער, ניט אזוי וויכטיג, ווי די ווערק, וואָס זיי האָבן געשריבן וועגן אַנדערע. דערמיט בין איך ניט אויסן געווען מבטל צו זיין דעם ווערט פון אויטאָביאָגראַפיעס. איך האָב

געוואָלט נאָר זאָגן, אַז מען דאַרף זיי קענען לייענען, ווייל ניט אַלץ, וואָס אין זיי ווערט אויפגעדעקט, איז אַן אמת׳ע אויפדעקונג. פילעס ווערט אויפגעדעקט פון דרויסן, כדי צו פאַרשטעלן עפּעס אַ מער אינווייניגסטע זאַך.

וואָס איז שייך באַזונדערס צום בוך „פונ׳ם יאַריד״, מוז מען, לייענענדיג עס, האָבן, די ערשטע זאַך, אין זינען די אָפענע און פאַרבאָרגענע ווירקונג פון מענדעלע׳ס „שלמה ר׳ חיים׳ס״.

שלום עליכם׳ס שרייבן, זיין סטיל און זיין גאַנצע פּערזענ־לאַכקייט איז, ווי מיר ווייסן, פון אַ גאַנץ אַנדער מין, פון אַן אַנדער וועלט, ווי מענדעלע׳ס. עס זיינען ניטאָ גאָר אפשר קיין גרעסערע צוויי קאָנטראַסטן אין דער אידישער ליטעראַטור, ווי מענדעלע און שלום עליכם: סאַטירע — און הומאָר, האַרב־קייט — און גרינגקייט, אָנגעכמורעטער ערנסט — און זוניג־שפּיל, תורה, חכמה — און אַרטיסטישע קינדישקייט, יום כפור — און שמחת תורה, ליטע — —און וואָלין... צוויי וועלטן!

אין דער אמת׳ן איז שלום עליכם אין די רייפע יאָרן פון זיין שאַפן געווען כמעט אין גאַנצן פריי פון מענדעלע׳ס דירעקטן איינפלוס. אָבער אין אָנהויב, ווען ער האָט זיך ערשט באַוויזן אין דער ליטעראַטור, איז מענדעלע געווען פאַר אים, ווי מיר האָבן עס געזען פריער, אַ מוסטער, אַ אידעאַל. און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס ווען ער האָט זיך גענומען פאַר זיין אויטאָביאָגראַפיע און זיך ארייגעטאָן, רעטראָספּעקטיוו, אין זיין יוגנט, האָט ער ווידער דערזען פאַר זיך, ווי אַמאָל, דעם „זיידן״ און איז, באַוואוסטזיניג אָדער אומבאַוואוסטזיניג, געגאַנגען אין זיינע דרכים. וואָס ווייטער, אַלץ נענטער איז ער צוגעקומען צו זיין אייגענעם וועג, אָבער אין אָנהויב איז זיין אויפמערקזאַמקייט זייער שטאַרק צוגעצויגן געוואָרן צו די פּונקטן, וועלכע עס האָט באַרירט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע מענדעלע מוכר ספרים.

שוין דער מאָטיוו אַליין, ווינציגסטנס, דער אויסערלאַכער, אויבנאויפיגער מאָטיוו, צו זעצן זיך שרייבן זיין לעבן, איז ביי שלום עליכם׳ן דער זעלביגער, וואָס מענדעלע האָט אָנגעגעבן אין

זיין אריינפיר צו „שלמה רב חיים׳ס („אין יענער צייט”). מענ־דעלע דערציילט, אז די פריינט זיינע האָבן אים אָנגערעדט און איינגערעדט „אָנצושרייבן וואָס אין זיין לעבן איז פאָרגעקומען”. און דאָס אייגענע זאָגט אויך שלום עליכם. אָבער ניט נאָר דאָס אליין. עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע פּרטים — דערהויפּט אין דעם ערשטן טייל פון שלום עליכם׳ס לעבנס־באַשרייבונג — וואָס דערמאָנען אונז אָן ענלאַכע פּרטים אין „שלמה רב חיים׳ס”.

אזוי ווי מענדעלע האָט ניט געוואָלט שרייבן וועגן זיך אליין אין דער ערשטער פּערזאָן, א חוץ אין דער העברעאישער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס עס האָט באַשטעלט ביי אים סאָקאָלאָוו פאַר׳ן „ספר הזכרון”, און ער האָט אונז דערציילט די געשיכטע פון זיינע יונגע יאָרן ווי די געשיכטע פון עפּעס איינעם א „שלמה ר׳ חיים׳ס”, — אזוי וויל אויך שלום עליכם ניט ריידן בלשון איך. „עס איז, זאָגט ער, שווערלאַך פאַר א מענטשן, וואָס רעדט פון זיך אליין, ער זאָל זיך קאָנען אויפהויבן צו אזא מדרגה, אז ער זאָל ביישטיין דעם נסיון, ניט וועלן אויספּיינען זיך פאַר׳ן פּובליקום. איך האָב צוליב דעם אויסגעקליבן א באַזונ־דערע פאָרם פאַר דער אויטאָביאָגראַפיע: די פאָרם פון א ראָ־מאַן, פון א ביאָגראַפישן ראָמאַן. עס וועט אויסקומען, אז איך וועל ריידן פון זיך זעלבסט, ווי פון א דריטער פּערזאָן. דאָס הייסט: „איך, שלום עליכם דער שרייבער, וועל אייך דערציילן די ריכטיגע ביאָגראַפיע פון שלום עליכם דעם מענטשן, אָן צערעמאָניעס, אָן באַפּוצונגען און צאַצקערייען, ווי עס וואָלט אייך דערציילט, למשל, א זייטיגער פאַרשוין, א ווילד־פרעמדער א. אז. וו.”

עס פאַרשטייט זיך, אז די דאָזיגע דערקלערונג איז מער ווי־ציג, ווי לאָגיש. וואָרים אין תוך איז דאָך א קנאַפּער חילוק צי מען זאָגט „איך”, צי מען זאָגט „דער העלד פון דעם דאָזיגן ביאָגראַפישן ראָמאַן”, אָדער „דער מחבר פון די באַשרייבונ־גען”. דער אונטערשייד איז נאָר א פאָרמעלער. אָבער די באַ־וואוסטזיניגע דערקלערונג, וואָס שלום עליכם מאַטערט זיך צו געבן, איז ניט וויכטיג. וויכטיג איז די — זיכער אומבאַוואוסטזיניגע — באַדערפעניש, וואָס ער האָט געהאַט צו שרייבן זיין אויטאָ־

ביאָגראַפיע אין דער זעלביגער „אָביעקטיווער" פאָרם, אין וועל־כער מענדעלע האָט געשריבן זיין „שלמה ר' חיים'ס".

און נאָך אַנדערע פּרטים זיינען דאָ, וואָס דערנענטערן „פונ'ם יאַריד" צו „שלמה ר' חיים'ס". איך וועל אַ פּאָר פון זיי ברענ־גען פאַר אַ ביישפּיל.

ווענן שלמה'ן, דאָס הייסט, ווענן זיך אַליין, ווען ער איז נאָך געווען אַ אינגל, שרייבט מענדעלע: „ס'איז אין אים געלעגן בטבע עפּעס אַזוינס אויפצוכאַפּן באַלד ביים ערשטן בליק יענעמס אַ מינע, אַ וואָרט, וואָס עפּעס ניט אַזוי, משונה ווי ביי אַנ־דערע. ער פלעגט וואונדערשיין נאָכמאַכן אַבי־וועמען מיט אַלע פּאַסטעמקעס — ווי יענער רעדט, ווי יענער שטייט און גייט, אַזוי אַז מען פלעגט זיך האַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער, זעענדיג און הערנדיג אים".

די אייגענע טבע האָט געהאַט אויך שלום עליכם: „קאַפּירן, נאָכמאַכן, איבערקרימען — דאַרויף איז אונזער שלום געווען איין מזיק! האָט ער דערזען אימיצן דאָס ערשטע מאָל, אַזוי האָט ער שוין געפונען אויף אים עפּעס אַ חסרון אָדער אַזוי אַ „לעכעריגס", און ער האָט זיך שוין אָנגעבלאָזן ווי אַ פּאַכיר, און ער האָט אים שוין נאָכגעמאַכט, און חברה שקצים האָבן גע־לאַכט", א. אַז. וו.

די דאָזיגע ענלאַכקייט צווישן די צוויי גרויסע פונדאַמענט־לייגער פון דער נייער אידישער ליטעראַטור איז ניט געווען קיין צופעליגע און קיין דרויסנדיגע. ביי שלום עליכם'ן איז פונקט אַזוי ווי ביי מענדעלע'ן — און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס — געווען די מעגלאַכקייט און דער טאַלאַנט פון אַן אַקטיאָר, פון אַן „אָנשטעלמאַכער", פון אַ „נאָכקרימער", פון אַ פּאַראָדיסט. מענ־דעלע האָט די דאָזיגע גרויסע פייאיגקייט זיינע אויסגענוצט פאַר די צילן פון זיין סאַטירע און זיין סטיליזאַציע; שלום עליכם האָט געמאַכט פון איר אַ וואונדערלאַכן געברויך אין זיין הומאָר, אין זיין קאָמיק, אין זיינע אומפאַרגלייכלאַכע פּאַראָ־דיעס. ס'איז אַלזאָ אַ שטריך, וואָס איז גענומען פון שלום עליכם'ס לעבן, פון זיין כאַראַקטער, אָבער מיר קאָנען דאָך ניט

פארגעסן, אז וועגן פונקט אזא כאראקטער־שטריך רעדט אויך מענדעלע אין זיין אויטאביאגראפיע.

דאס אייגענע איז מיט שלום עליכם׳ס פאטער, און מיט אייניגע פון זיינע חברים. אויך זיי, ווען ער שילדערט, דער־מאנט ער אונז אפט אן מענדעלע׳ס „שלמה״.

מענדעלע׳ס פאטער, ר׳ חיים, איז געווען א חשוב׳ער איד, א בעל יועץ, א למדן און א האלבער משכיל. ער האט געקאנט תנ״ך און געשריבן מליצה. דאס האט געבראכט דערצו, אז ער האט געגעבן זיין זון, דעם קומענדן גרויסן שריפטשטעלער, א בערך גוטע דערציאונג און אים געהאלפן אין א געוויסער מאס צו ווערן דאס, וואס ער איז געווארן. אזא טיפ איד, ווי ר׳ חיים, נאר א ביסל א מער וועלטלאכער, ווייל אין א שפעטערדיגער צייט, איז געווען אויך ר׳ נחום וועוויקס, דער פאטער פון שלום עליכם: „א בעל הבית א איד, און א בעל תפילה, א למדן און א בעל תנ״ך, א פרומער און בעל לשון קודש, א חסיד פון טאלנער רבי׳ן און א ליבהאבער פון מאפו, סמאלענסקין און צע־דערבוים, א חקרן, א בורר און א בעל עצה און א שפילער אין שאך און א מבין אויף פערל און בריליאנטן״.

מענדעלע שרייבט וועגן זיין פאטער אז „זיין הויז איז גע־ווען תמיד פול, דער אריין, יענער ארויס, קיין זאך האט מען ניט געטאן אן אים. וואו ערגעץ א שפארעניש, א לאדעניש, איז ער געווען דער פארמיטלער; בשעת עפעס א נויט אין כלל־זאכן פלעגט מען אנקומען צו זיינס אן עצה און וועגן אלצדינג מיט אים זיך מישב געווען״. דאס האט אבראמאוויטש׳ן, קינדוויי־ז שוין, געגעבן די מעגלאכקייט צוצוקוקן זיך צו כל׳ערליי פאר־שוינען, צו כל־ערליי מינים אידן און אידענעס, צוצוהערן זיך צו זייערע רייד, אכטונג צו געבן אויף זייערע תנועות. דאס אייגענע איז געווען מיט שלום עליכם׳ן. אויך זיין פאטער׳ס הויז איז געווען תמיד פול, דער אריין, יענער ארויס, און „אלע שבת־צו־נאכט״, שרייבט ער אין זיינע ביאגראפישע רשימות צו ראווניצקי׳ן, איז געווען ביי אונז א מלוה־מלכה פאר דעם גאנצן שטעדטל. אלע יום טוב איז מען געקומען צו אונז אויף קידוש: אלע נייעס האט מען געבראכט צו אונז און ארויסגעטראגן פון

אונז: א גלעזל ווייַן האָט מען געטרונקען ביי אונז; פונ׳ם רבי׳ן האָט מען גערעדט ביי אונז; פון פּאָליטיק — ביי אונז; אַלץ ביי אונז..."

זיין פאָטער האָט געהאַלטן אַן אַכסניה, אַ חוץ דעם האָט ער געהאַט אַ טאַבאַק געשעפט, ווען זיי האָבן געוואוינט אין פּערעיאַסלאַוו. און דאָס געשעפט איז געווען אַן אמת׳ער „קלוב", וואו עס פלעגן זיך צונויפקלייבן „די גאַנצע סמעטענע פון דער פּערעיאַסלאַווער אינטעליגענץ".

ווייטער, זיינען צווישן די יוגנט־חברים שלום עליכם׳ס ווי צווישן מענדעלע׳ס עלטערע חברים (די בעלי מלאכה׳ס), געווען מענטשן מיט פּאָעטישע איינגנשאַפטן און קינסטלערישע פייאיג־קייטן. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט זיין חבר מאיר׳ל (דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער אַרטיסט מעדוועדיעוו) ליב געהאַט צו זינגען לידלאַך און צו „שפּילן, פאַרשטעלן זיך, מאַכן אָנשטעלן: מכירת יוסף, יציאת מצרים, עשר מכות, משה רבינו מיט די לוחות און נאָך און נאָך אַזעלכע אָנשטעלן". שלום נחום וועוויקס, דער שפּעטערדיגער שלום עליכם, האָט אויך געהאַט אַ חלק אין די „אָנשטעלן", און דאָס האָט זיכער געהאָלפן אַנטוויקלען זיין פאַנ־טאַזיע, אַזוי ווי אייזיק דער שמיד און הערצל קיילעס דער סטאָ־ליער, אָט די שטומע, קינסטלערישע נשמות, האָבן געווירקט צו גוטן אויפ׳ן קינסטלער, וואָס איז געזעסן אין מענדעלע׳ן.

אויף שלום עליכם׳ן האָט אַ באַזונדער ווירקונג געמוזט האָבן זיין חבר שמואליק דער יתום. „שמואליק איז געווען זיין בעסטער פריינד. זיי זיינען געווען נפש אחת — איין לייב, איין נשמה". און אַלץ דערפאַר, ווייל שמואליק האָט געקענט גוט דערציילן מעשיות. שמואליק איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אין דעם שפּעטערדיגן דערציילער אויפגעוועקט דעם חשק צו מעשיות: „פאַרקליבן זיך פרייטאָג נאָך האַלבן טאָג אָדער שבת נאָכ׳ן עסן, אָדער יום טוב פאַרנאַכטלאַך אויפ׳ן הויכן וואָ־ראָנקעווער באַרג (אויך מענדעלע׳ס געבורט־שטאָט, קאַפּוליע, האָט געהאַט אַ באַרג), וואָס „דער שפּיץ זיינער דערגרייכט כמעט ביז דער כמאַרע", האָבן זיך ביידע חברים אַוועקגעלייגט מיט׳ן פּנים אַרויף צום הימל, און שמואליק האָט גענומען דערציילן אַ מעשה

נאָך אַ מעשה: אַ מעשה פון אַ בן־מלך מיט אַ בת־מלכה, אַ מעשה פון אַ רב מיט אַ רבי׳צין, אַ מעשה פון אַ פּרינץ מיט אַ פלעגהונט, אַ מעשה פון אַ פּרינצעסין אין אַ קרישטאָלענעם פּאַ־לאַץ" א. אַז. וו.

שלום עליכם ווייזט אָליין אָן אויף די שפּורן, וואָס עס האָט איבערגעלאָזן אין אים זיין יוגנט־חבר שמואליק מיט זיינע מעשיות, פאַנטאַזיעס און חלומות. „צי האָט אָט דער אָרימער יתום מיט זיינע וואונדערלאַכע מעשיות זיך ווען, שרייבט ער, אָפּגערופן נאָכדעם אין די שרייבאַכצן פון זיין חבר שלום, בעת שלום נחום וועוויקס איז געוואָרן אַ „שלום עליכם" — דאָס איז שווער צו זאָגן. איין זאַך איז געווים: זיין פאַנטאַזיע האָט ער געמאַכט רייכער, זיין השגה, און שמואליק׳ס חלומות און שמואליק׳ס טרוימען וועגן אוצרות, וואונדערשטיינער און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן טראָגט ער ביי זיך טיף אין הארצן נאָך עד היום. אפשר אין אַן אַנדער פאָרם, אין אַנדערע געשטאַלטן — נאָר ער טראָגט זיי, ער טראָגט זיי ביז צו היינטיגן טאָג".

שמואליק האָט געהאַט אַ רייכע פאַנטאַזיע, און וואָס איז שייך צום קליינעם שלום׳ען, שרייבט ער אַליין (אין זיין בריוו צו ראַווניצקי׳ן): „די פאַנטאַזיע איז ביי מיר געווען פון קינד־ווייז אָן מאָדנע גרויס און צעהיצט. הייזער האָבן ביי מיר אויס־געזען ווי שטעט, הויפן — מדינות, בוימער — מענטשן, — מיידלאַך — בת־מלכה׳ס, רייכע יונגע לייטלאַך — פּרינצן, גראָז — חיל, שטעכעלקעס און קראָפּעווע — פלשתים, אדום און מואב, און איך פלעג גיין אויף זיי מיט מלחמה". (זע „גרינס אויף שבועות").

אויך מענדעלע האָט אין די קינדערשע יאָרן געלעבט אין ווייטע, פרעמדע, פאַנטאַסטישע וועלטן: „ער איז פאַרוואָגלט, דערציילט ער אונז וועגן די חדר־יאָרן פון שלמה׳ן, — ער איז פאַרוואָגלט אין מצרים, אין די לענדער פון סיחון, עוג מלך הבשן און נבוכדנצר מלך בבל, דער קאָפּ ליגט אים אין דעם ים־סוף, אין דעם ים־המלח א. אַז. וו."

מענדעלע, דער משכיל און רעאַליסט, דערציילט עס מיט אַ איראָניע, מיט אַ ביטערקייט. ער איז ניט צופרידן, וואָס ער

איז אין דער קינדהייט געווען אָפּגעריסן פון דעם רעאַלן לעבן. שלום עליכם איז, פאַרקערט, קאָנטענט, וואָס „די שיינע, וואונ־דערלאַכע מעשׂיות פון שמואליק דעם יתום האָבן זיין יונגן חבר (ד. ה. אים אַליין) איינגאַנצן פאַר׳כשוף׳ט און געבראַכט דערצו, אַז די פּרינצן מיט די פּרינצעסינס זיינען אים געגאַנגען צו חלום, געוועקט, געשלעפּט ביי די אַרבעל: „שטיי אויף, שלום, טו דיך אָן און קום מיט אונז! און נישט נאָר אין חלום — אויך אין דער וואָר האָט ער זיך געפונען כמעט שטענדיג צווישן פּרינצן און פּרינצעסינס, ערגעץ אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ אָדער אויפ׳ן פאַרגליווערטן ים אָדער אויף אַ וויספּע, וואו עס געוועלטיגן ווילדע מענטשן אָדער גאָר אין גן־עדן התחתון, וואו עס געפינען זיך צוועלף ברונעמס מיט קוועקזילבער און דרייצן גערטנער פון זאַפראַן" א. אַז. וו.

צווישן די מלמדים, ביי וועלכע עס האָט געלערנט שלום עליכם, זיינען נישט געווען אַזעלכע באַגאַבטע נאַטורן, ווי אַ שטייגער דער מלמד און פאָלקס־קינסטלער ליפּא ראובנ׳ס, וועלכן עס באַשרייבט מיט אַזאַ ליבשאַפט מענדעלע. די ווירקונג פון זיינע רביים דערמאָנט שלום עליכם נאָר ווען ער רעדט וועגן זיין שיינעם, געצוקטן און פערלדיגן כתב. זיי האָבן געווירקט אויף זיין ה א נ ט, ווי עס ווייזט, מער ווי אויף זיין גייסט.

צווישן די קרובים, וואָס שלום עליכם דערציילט אונז וועגן זיי, איז גראָד געווען איינער, וואָס איז גייסטיג געווען נאָענט, זייער נאָענט צו אונזער דיכטער. דאָס איז געווען זיין פעטער ניסל ראַבינאָוויטש. בעת מענדעלע׳ס כאַראַקטער שטריכן דאַרף מען זוכן אַביסל ביי זיין פאָטער, אַביסל ביי זיין מוטער און אַביסל ביי אַנדערע פון זיין יוגנט סביבה, איז שלום עליכם אַן אויסגעגאָסענער — און, פאַרשטייט זיך, אַ פאַרגרעסערטער פּאַר־טרעט פון זיין פעטער ניסל. כמעט אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט ניסל ראַבינאָוויטש, האָט געקאָנט, דוכט זיך מיר, פּאַסירן אויך מיט זיין פּלימעניק שלום נחום וועוויקס. אַזוי ענלאַך זיינען זיי איינער אויפ׳ן אַנדערן לויט זייער כאַראַקטער. ניט אומ־זיסט דערמאָנט אים שלום עליכם מיט מער טרייסשאַפט און מער ליבע, ווי אַלע אַנדערע קרובים זיינע. עס איז געווען אין אָט דעם

ניסל ראבינאָוויטש עפּעס שפּילעוודיגס און הומאָרפולעס. ער האָט ליב געהאַט קינדער, און קינדער האָבן אים ליב געהאַט. ער איז געווען אַ „הוליאַקע". דער חילוק צווישן אים, זאָגט שלום עליכם, און דעם פעטער פּיניע איז געווען דער, וואָס דער פעטער פּיניע האָט געקאָנט טאַנצן און דער פעטער ניסל האָט געקאָנט מאַכן טאַנצן אַנדערע. אַלע און אַלץ האָבן מיט אים אויף אַ שמחה מיטגעטרונקען, מיטגעזונגען און מיטגעטאַנצט"... „אין דעם דאָזיגן מענטשן, זאָגט דער דיכטער אין אַן אַנדער אָרט, איז אפשר פאַרלאָרן געגאַנגען אַ פּאָעט; ער האָט ליב געהאַט צו זינגען אידישע לידער, אייגענע. אין דער צייט, ווען ער איז געזעסן אין תפיסה (פאַר אַן עכט מנחם מענדל'שער און דאָן־קיכאָט'ישער אוואַנטיורע — ש. נ.), האָט ער באַשאַפן אַ ליד אויף זיך אַליין, אין אידיש, נאָכ'ן אלף בית, און אַ שיינע מע־לאָדיע דערצו — אַ מעלאָדיע, וואָס איז זיך צעגאַנגען אין אַלע אברים".

אָט דער פעטער ניסל מיט זיינע לידער, אַזוי ווי שמואליק מיט זיינע מעשיות, האָט געמוזט וועקן דעם דיכטער אין דעם קליינעם שלום'ען.

שווער איז ניט געווען אים אויפצואוועקן. נאָך גאָר פרי איז אין שלום עליכם'ען וואַך געווען שוין אַן אינטערעס צום וואָרט. „נאָך גאָר־גאָר אין די יונגע יאָרן, אַזוי דערציילט ער אַליין, ער האָט נאָך גאָר ניט געוואוסט וואָס שרייבן באַ־טייט און האָט נאָך גאָר אפילו ניט גע'חלום'ט, אַז ער וועט אַמאָל זיין אַ שרייבער, האָט זיך אים, אַלס קוריאָז, פאַרוואָלט פאַרשרייבן אַלע קללה'ס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון זיין שטיפמאַמע, צונויפזאַמלען זיי אין איינעם און מאַכן אַ מין ווערטער ביכער. ער האָט זיך ניט געפוילט, געזאַמלט און גע־זאַמלט, און אַז ער האָט זיי אָנגעזאַמלט אַ היבש ביסל, האָט ער זיי גענומען סאָרטירן נאָכ'ן אלף בית, אָפּגעשוויצט אַ פּאָר גוטע נעכט און צונויפגעשטעלט אַ גאַנץ פיינעם לעקסיקאָן, על פּי אלף בית, וועלכער עס ווערט דאָ געגעבן נאָר על פּי זכרון..."

דאָס איז געווען שלום עליכם'ס ערשטער „חיבור".

ער איז באַשטאַנען נאָר פון הויפּט ווערטער, אָבער עס איז

שוין געווען אין דעם דאָס פּעטע קערנדל פון דעם שפּעטער־
דיגן הומאָריסט, פאָלקלאָריסט און פאַרברענטן ליבהאָבער פון
ווערטלאַך.

דאָס ערשטע „ווערק“ שלום עליכם׳ס איז געשריבן געוואָרן, אלזאָ, אויף אידיש.*) אָבער ער האָט אויף דעם ניט געקוקט, ווי אויף א ווערק. עס איז, ערשטנס, געווען נאָר א „ווערטער ביכל“, און, צווייטנס, איז עס געשריבן געוואָרן אויף אידיש. פון אידיש האָבן די משכילים דאַן (אין די זיבעציגער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט) נישט געהאַלטן. „...אָדער העברעאיש, אָדער רוסיש“. אז דער „חברה־מאַן“ וועט אמאָל שרייבן אידיש — דאָס איז קיינעם אויף די געדאַנקען נישט געקומען, וואָרים אי־דיש איז דען אויך א שפּראַך? דאָס תייסט, ריידן האָט מען קיין אַנדער שפּראַך ניט גערעדט אויסער אידיש, נאָר אז מען קאָן שרייבן אויף אידיש — ווער האָט דאָס גע־וואוסט? „זשאַרגאָן“, „עברי טייטש“ — דאָס איז א מאכל פאַר ווייבער. א איד האָט זיך געשעמט צו האַלטן א אידיש ביכל אין די הענט — מען וועט זאָגן: א גראָבער יונג!“

שלום עליכם דערציילט, אז ער געדענקט, ווי איינמאָל, ווען ער איז נאָך געווען גאָר א קליין אינגל, האָט זיין פאָטער פאַר־געלייענט פאַר אן עולם אידן צו מלוה מלכה עפּעס א פריילאך אידיש ביכל, און אלע האָבן זייער שטאַרק געלאכט. „פאַרשטיין, שרייבט שלום עליכם וועגן זיך אליין, — פאַרשטיין וואָס דער טאַטע לייענט, פאַרשטייט ער ניט, נאָר עס איז אים גלאַט גע־פעלן צו זען, ווי אידן מיט בערד קאַטשן זיך, האַלטן זיך ביי די זייטן און שיסן אויס אלע מאָל א געלעכטער. און ער זיצט פון דער ווייטנס און קוקט אין אלעמענס פּנים׳ער, ווי זיי שיינען, און ער איז מקנא יענעם אידן, וואָס האָט געמאכט דאָס ביכעלע און זיין טיפּסטער וואונטש איז, אז גאָט וועט העלפן, ער וועט אויפוואקסן און ווערן א גרויסער, וועט ער אויך אָנשרייבן אזא מין ביכעלע, וואָס אידן וועלן דאָס לייענען און וועלן לאַכן און

*) געדרוקט זיך צום ערשטן מאָל האָט שלום עליכם אויף העברעאיש, אין יאָר 1879.

וועלן אים שילטן אין גוטן מוט, גלאַט אַזוי זיך, אין טאַטנ׳ס טאַטן אַריין!...״

עפּעס אַ זכר אויף אידישע ביכלאַך איז פאַרט געווען אין דער סביבה, וואו שלום עליכם האָט פאַרבראַכט זיינע קינדער־יאָרן, אָבער פאַר די דאָזיגע מעשה־ביכלאַך האָט מען נישט גע־האַט קיין דרך־ארץ, כאָטש מען האָט געקליבן נחת און געהאַט הנאה פון זיי. דאָס איז געווען סתם אַזוי שמד־שטיק, קאַטאָ־וועס־טרייבעריי, לצנות, און מען האָט עס נישט גענומען ערנסט. ערנסט האָט מען גענומען נאָר העברעאיש אין די משכילישע און האַלב־משכילישע קרייזן. דערפאַר איז קיין וואונדער ניט, וואָס פאַר זיינע ערשטע „ווערק״ רעכנט שלום עליכם דעם „חיבור אויף תנ״ך און אויף דקדוק״, וואָס ער האָט פאַרפאַסט צו צען יאָר, דעם ראָמאַן „בת ציון״, וואו ער האָט נאָכגעמאַכט מפּו׳ס „אהבת ציון״ און דעם „אידישן ראָבינזאָן קרוזאָ״, וואָס ער האָט אָנגע־שריבן צו פופצען יאָר, ווען ער האָט דורכגעלייענט, ווי ער שרייבט אין זיינע „רשימות״ צו ראַוונצקין, דעם ערשטן ביכל אין זיין לעבן — „ראָבינזאָן־קרוזאָ״ (אויף רוסיש ?).

אַגב, אין „פונ׳ם יאַריד״ ווערט דער אידישער „ראָבינזאָן קרוזאָ״ און דער „חבור אויף תנ״ך און אויף דקדוק״ נישט דער־מאָנט. דאָרטן דערציילט זיך נאָר וועגן „בת ציון״.

אָבער ווי אין „פונ׳ם יאַריד״, אַזוי אויך אין דער ביאָגראַ־פישער סקיצע, וואָס איז געשריבן געוואָרן פאַר ראַווניצקי׳ן, רעדט זיך וועגן דעם הייסן און ברענענדיגן חשק צו שרייבן, וואָס האָט אָנגעכאַפּט שלום עליכם׳ען, ווען ער איז אַלט געווען 17-18 יאָר. ער איז דאַמאַלס געווען אַ לערער אין הויז פון אַ רייכן אידישן גוטסבאַזיצער. „און די כמעט דריי יאָר, לייענען מיר אין „פונ׳ם יאַריד״, וואָס דער העלד האָט פאַרבראַכט אין דאָרף, האָט ער אָנגעשריבן אַ סך מער, ווי ער האָט געשריבן נאָכדעם, ווען ער איז שוין געווען אַ שרייבער און געהייסן „שלום עליכם״, אין צען יאָר. עס האָט זיך אים קיינמאָל אַזוי גרינג ניט געשריבן ווי אין יענער צייט. צי ווייל ער איז געווען דאַן פאַרליבט אין זיין שילערין, און דאָס ליבע געפיל האָט געזוכט אַן אויסדרוק, אַן אויסגאַנג, צי ווייל ער האָט געלייענט דאַן אַ סך, און דאָס לייענען

האָט אויף אים שטאַרק געווירקט, צי ווייל עס האָבן זיך דאָן ערשט געעפנט אין אים אַלע קוואַלן, די יוגנטלאַכע כחות האָבן געברויזט און געשוימט און געריסן זיך צו דער ליכטיגער שיין, צי אַלע סבה'ס אינאיינעם האָבן געווירקט. עס האָט זיך אָנגע־הויבן דאָן יענע קאָכיגע און לייכט שפּילעוודיגע ליטעראַרישע פּראָדוקטיוויטעט, יענע התמדה, יענע התלהבות פון דער פּען, וועלכע האָט אים נישט פאַרלאָזן דערנאָך זיין גאַנץ לעבן.

גאַנצע נעכט פלעגט ער אָפּזיצן און שרייבן „גרויסע, האַרצ־רייסנדיגע ראָמאַנען, שרייענדיגע דראַמעס, פאַרפּלאָנטערטע טראַ־געדיעס און קאָמעדיעס. עס האָבן זיך געגאָסן די געדאַנקען, ווי פון אַ פאַס. עס האָט געשפּרודלט די פאַנטאַזיע, ווי אַ פאָנטאַן"...

מיט די דערמאָנטע ביישפּילן און דאַטן ווערט נישט אויסגע־שעפּט די גרויסע באַדייטונג, וואָס „פונ'ם יאַריד" האָט פאַר די, וועלכע ווילן בעסער פאַרשטיין שלום עליכם'ס לעבן און שאַפן. אַ מער אויספירלאַכער און מער גענויער אַנאַליז פון דער אוי־טאָביאָגראַפיע וואָלט געפונען דאָרט נאָך און נאָך פאַקטן, נאָך און נאָך שטריכן, וואָס באַלייכטן דעם כאַראַקטער און די ווערק פון אונזער גרעסטן און אידישסטן הומאָריסט. אַזאַ מין אַנאַליז וואָלט די ערשטע זאַך אויפגעדעקט די אינטימע קרובה־שאַפט, וואָס איז דאָ צווישן דעם דיכטער'ס יוגנט־איבערלעבונגען און דעם גרעסטן טייל מעשיות, וואָס ער האָט שפּעטער דער־ציילט: ער וואָלט מעגלאַך געמאַכט אַ פּאַראַלעל צווישן וואָראָנקאָ, שלום עליכם'ס קינדהייטס שטעטל, און כתריל עווקע, דעם געבורטס שטעטל פון זיינע מייסטע פאַרשוינען, צווישן שלום עליכם'ען אַליין און זיינע הויפט העלדן — מנחם מענדל, טביה, מאָטל פּייסע דעם חזן'ס אינגל, צווישן די לידלאַך זינגער, חזנים, משוררים, און כלי זמר, וואָס ער האָט געקענט אין די קינדער יאָרן און סטעמפּעניו אָדער יאָסעלע סאָלאָוויי...

אַ גענויערע אויספאָרשונג פון דער אויטאָביאָגראַפיע וואָלט נישט געקאָנט דורכלאָזן דערהויפּט דעם טיפן אינטערעס, וואָס שלום עליכם האָט געהאַט צו געזאַנג און מוזיק (ער האָט זיך געלערנט אַליין פידל שפּילן). אין דער דאָזיגער מוזיקאַלישקייט

ליגט אַ שליסל נישט נאָר צו איינציגע ווערק, ווי, צום ביישפּיל, „יאָסעלע סאָלאָוויי", „סטעמפּעניו", „אויפ'ן פידל", נאָר צום גאַנצן סטיל און צו דער שפּראַך שלום עליכם'ס, וועלכע צייכנען זיך אויס מיט אַזאַ נאַטירלאַכער מעלאָדישקייט (בעת מענדעלע אָדער פּרץ קאָן מאַכן קלינגען גוט איין שורה, איין זאַץ, זינגען ביי שלום עליכם'ען גאַנצע זייטן, גאַנצע קאַפּיטלאַך, גאַנצע ווערק. אין דעם האָט אויך געהאָלפן געוויס די לייכטקייט פון זיין שטאָף, אָבער נישט ווינציגער איז אים צוניץ געקומען זיין איינגעבוירענע, כ'וואָלט זאָגן, וואָלינער ליבשאַפט צו האַרמאָנישע קלאַנגען, זיין גוטער חוש השמיעה).

אַן אויסשעפּנדיגער אַנאַליז פון דעם בוך „פונ'ם יאריד" וואָלט אויפגעדעקט אין אים אַן אַ שיעור מאַטעריאַל נישט נאָר פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון שלום עליכם'ס לעבן און שאַפן, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער געשיכטע פון דעם אידישן לעבנסשטייגער אין דעם דריטן פערטל פון פאָריגן יאָרהונדערט. דערהויפּט איז רייך דאָס בוך אין פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל.

ווי מענדעלע'ס, אַזוי איז אויך שלום עליכם'ס אויטאָביאָגראַפיע די באַשרייבונג פון שטעטל און שטעטלשן לעבן. ביי מענדעלע'ן איז עס דאָס ליטווישע שטעטל פון די פערציגער און פופציגער יאָרן, ביי שלום עליכם'ען — דאָס וואָלינער שטעטל פון די זעכציגער און זיבעציגער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט. ביי מענדעלע'ן איז אַלץ געדיכט, קאָנדענסירט, סךהכל'דיג, טיפּיש. ביי שלום עליכם'ען איז עס שיטערער, דערפאַר אָבער לייכטער.

„שלמה ר' חיים'ס" איז אַ קינסטלעריש ווערק מענדעלע'ס, נישט נאָר זיין אויטאָביאָגראַפיע. אַזוי איז אויך „פונ'ם יאריד" אַ זאַמלונג בילדער, סצענעס און מעשיות דערציילט פון שלום עליכם'ן, און מען קען עס לייענען מיט גרויס אינטערעס, ווען אפילו מען זאָל גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דאָס זיינען בילדער, סצענעס און מעשיות פון דעם דיכטער'ס לעבען.

דער, וואָס האָט ליב שלום עליכם'ס שרייבן, שלום עליכם'ס שפּראַך, שלום עליכם'ס שפּיל און האָט דערביי אַן אינטערעס אויך צו זיין פּערזענליכקייט און צו דער סביבה, וואו ער איז אויסגע-

וואָקסן, וועט האָבן דערפאַר דרייפאַך הנאה פון דעם בוך: א) ווי פון שלום עליכם׳ס אַ דערציילונג; ב) ווי פון שלום עליכם׳ס אויטאָביאָגראַפיע, און ג) ווי פון אַ קאַפּיטל אידישער קולטור געשיכטע.

ער וועט דערפאַר אָבער מוזן אויך דרייפאַך באַדויערן, וואָס דאָס בוך רייסט זיך איבער אינמיטן. עס דערפירט אונז צו דעם מאָמענט, ווען שלום עליכם איז (צו 22 יאָר) געוואָרן אַ ראַבינער אין אַ שטעטל. זיין אייגנטלאַכע ליטעראַרישע טעטיקייט האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן. און ער האָט זיך געקליבן דוקא שרייבן פּיל און אויספירלאַך וועגן זיין ליטעראַרישן שאַפן און ליטעראַרישע באַגעגעניש. „דערוויל, האָט ער געשריבן אין אַ בריוו צו זיין פריינט שרירא פון באַקו, — דערווייל איז דאָס נאָר אַ התחלה, פון בראשית, פון מיין קינדהייט, ווי אַזוי דאָס עוף פּיקט זיך אויס פון אייעלע, אַ מין „עמבריאָ" הייסט עס אין די ביכער. וואָס ווייטער, וועט עס גיין אַלץ ברייטער און טיפער. די וועלט־האָריזאָנטן וועלן זיך צעשפּרייטן, טיפן און בילדער וועלן זיך מערן כחול אשר על שפת הים. אגב, וועט אייך קלאָר ווערן מיין אייגענע פּערזענלאַכקייט, אַלס בן אָדם און נאָכדעם אַלס שרייבער — און אָט אַזוי וועלן מיר קומען צום רעכטן צימעס, צו דער אידישער ליטעראַטור מיט אירע נביאים, אמת׳ע און פאַלשע, מיט אירע ווערק, ווירדיגע און פוילע און אז. וו."... „אַ גאַנצער דור פון שריפטשטעלערס, — שרייבט ער אין אַן אַנדער בריוו צו דעם זעלביגן ה׳ שרירא — אַ גאַנצע גאַלעריע פון שרייבער, גרויסע און קליינע, יונגע און אַלטע, פון אַלערליי קאַלירן און פאַרשיידענע טאַלענטן — דאָס זיינען אַלע מיינע גוטע באַקאַנטע, מייסטנס מיינע גוטע פריינט".

ווייטער ציטירט ער אַ בריוו „פון אַ יונגען קריטיקער פון אונזערע נייע", מיינענדיג דעם שרייבער פון די שורה׳ס, וועלכער האָט אים געשריבן, אַז זיין ביאָגראַפיע, דאָס איז אַ שטיק געשיכטע פון אונזער ליטעראַטור, און ער גיט צו: „איצט האָב איך אויך זיך גענומען פאַרענדיגן דאָס, וואָס כ׳האָב שוין לאַנג געהאַט אָנגעהייבן און, מיר דאַכט זיך, אַז יענער יונגער קריטיקער, וואָס איך זאָג אייך, האָט קיין טעות ניט געהאַט. איך האָב מורא, אַז דאָס

וועט זיין ניט נאָר דאָס בעסטע, נאָר אויך דאָס איינציגע געראָ־טענע בוך מיינס".*)

אזוי האָט שלום עליכם אַליין געקוקט אויף זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע, ווען ער האָט זיך גענומען פאַר איר, און אויך שפּע־טער, ווען ער האָט שוין געהאט די ערשטע צוויי טייל פאַרטיג, האָט ער זי (אין דער „היילינגנג" צו זיינע קינדער) אָנגערופן „דאָס ווערק פון מיינע ווערק, דאָס בוך פון מיינע ביכער, דער שיר השירים פון מיין נשמה".

און עס קאָן זיין, אז ווען עס וואָלט דערפירט געוואָרן ביז'ן סוף (עס וואָלט פאַרנומען, ווי י. ד. בערקאָוויטש שרייבט אין זיין אָנמערקונג צום סוף בוך, ביי אַ צען בענד**), וואָלט עס טאַקע געווען דאָס „ווערק פון זיינע ווערק". אָבער די אידישע ליטע־ראַטור האָט קיין מזל ניט צו די אויטאָביאָגראַפיעס פון אירע גרויסע שרייבער: מענדעלע האָט געלאָזן אין מיטן (אָדער ריכ־טיגער — אין אָנהויב) די באַשרייבונג פון זיין לעבן; פּרץ איז געשטאָרבן און נישט באַוויזן צו ענדיגן זיינע „זכרונות"; דאָס אייגענע האָט פּאַסירט אויך מיט שלום עליכם'ן... דער „שיר השירים פון זיין נשמה" איז איבערגעריסן געוואָרן פון טויט נאָך די ערשטע דריי טייל!

---

*) די בריוו זיינען פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אין דעם זאַמעלבוך „צום אָנדענק פון שלום עליכם", רעדאַקטירט פון י. צינבערג און ש. ניגער, פּעטראָגראַד, 1917.

**) זע „שלום עליכם בוך", ניו יאָרק, 1926, זז. 8-14.

4. דאָס שלום־עליכם בוך.*)

דאָס שלום עליכם בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרען צו שלום־עליכם'ס צענטן יאָרצייט, — און דאָס איז ניט קיין געוויינלאַך בוך: ס'איז אַ מאָנומענט. סיי אין דעם רייכן אינהאַלט, — אין דעם שפע מאַטעריאַלן, אויטאָביאָגראַפּישע פאַרצייכענונגען, בריוו, ביז אַהער ניט־געדרוקטע יוגנט־שריפטן פון שלום עליכם, זכרונות וועגן אים, שריפטן, בילדער, פאַקסימיליעס, דאָקומענטן, כאַראַקטעריסטיקעס, ביאָ־ און ביבליאָגראַפּישע דאַטן, נאָטיצן, ווערטלאַך, — סיי אין דעם אויסזען פון בוך איז דאָ עפּעס מאָנומענטאַלעס. עס איז אַזוי ווי אַ נייע מצבה געשטעלט געוואָרן אויף שלום עליכם'ס אומפאַרגעסלאַכן קבר, — אָבער ס'איז ניט קיין שטומער שטיין. ס'רעדט און זאָגט זייער אַ סך. אַ מצבה, וואָס וועט שטיין ניט אויפ'ן בית־עלמין, נאָר אין יעדן אידישן ביכערשראַנק, אינאיינעם מיט שלום עליכם'ס ווערק...

אינאיינעם מיט שלום עליכם'ס אַנדערע ווערק — וואָלט געווען ריכטיגער צו זאָגן, וואָרים דאָס שלום עליכם בוך איז אַ בוך ניט אַזוי וועגן, ווי פון שלום עליכם'ן.

נאָר אַ קליינער טייל פון דער מאַסע מאַטעריאַל, וואָס איז אַריין אין אָט דער רייכער זאַמלונג, איז געשריבן פון י. ד. בערקאָוויטש'ן, דעם רעדאַקטאָר פון דעם בוך, און אַנדערע מיטגלידער פון שלום עליכם'ס פאַמיליע. דער גרעסטער טייל בוך, אַ חוץ די

*) דאָס שלום עליכם בוך, רעדאַקטירט און באַלויכטן מיט מאָנאָגראַפּישע שטודיעס, אַריינפיר־ווערטער און באַמערקונגען פון י. ד. בערקאָוויטש, אַרויסגעגעבן פון דעם שלום עליכם בוך קאָמיטעט, ניו יאָרק, 1926.

פאַר קאַפּיטלאַך עראינערונגען פון דר. גרשון לעווין און דוד פינסקי, קומט פון שלום עליכם׳ס אייגענער פען.

שלום עליכם האָט ניט נאָר פאַר זיין שטיינערנער מצבה צוגעגרייט די אויפשריפט. אויך פאַר אָט דעם ליטעראַרישן מאָנומענט האָט ער אַליין געשאַפן דעם גרעסטן טייל מאַטעריאַל. זיינע אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען, זיין האַנטשריפטלאַכער ליטעראַרישער איבערבלייב און איבערהויפּט זיינע הונדערטער בריוו צו קרובים, שריפטשטעלער, פריינד, פילן אָן כמעט דעם גאַנצן בוך.

אָבער אַלץ, וואָס איז אַריין אין אָט דעם זאַמלבוך פון שלום עליכם׳ען האָט אין זיך אָן אַ שיעור מאַטעריאַל אויך וועגן שלום עליכם׳ן. די אויטאָביאָגראַפישע אָדער ביאָגראַפישע נאָטיצן און איבערהויפּט די געקליבענע בריוו זיינען אַזוי אויסגעשטעלט, אַז ווען מיר לייענען זיי דורך אינאיינעם מיט י. ד. בערקאָוויטש׳עס אויסגעצייכנטע אַריינפיר־ווערטער, מאָנאָגראַפיעס און באַמער־קונגען, באַקענען מיר זיך מיט אַ גרויסן טייל פון שלום עליכם׳ס לעבנס־געשיכטע.

דאָס שלום עליכם בוך איז פּאַקטיש אַ המשך פון דעם נישט־פאַרענדיגטן „פונ׳ם יאַריד״, — שלום עליכם׳ס אויטאָביאָגראַ־פיע, — אַ המשך, וואָס איז געשריבן אין דער פאָרם פון נאָטיצן און בריוו, אילוסטרירט מיט אַ סך פאָטאָגראַפישע בילדער, דער־גאַנצט און באַלויכטן מיט דערקלערונגען, באַמערקונגען און אויס־פירלאַכע שטודיעס פון י. ד. בערקאָוויטש, דעם גרעסטן קענער פון שלום עליכם׳ס לעבן און שאַפן.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נאָך נישט קיין פולשטענדיגע ביאָגראַפיע, אפילו נאָך נישט קיין פּלאַן פאַר אַ פולער ביאָגראַפיע פון דעם גרויסן הומאָריסט. עס זיינען נאָך נישט אויפגעזאַמלט געוואָרן אַלע נויטיגע מאַטעריאַלן, עס איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אפילו דאָס, וואָס געפינט זיך אין דעם פּרעכטיגן ארכיוו־אוצר פון שלום עליכם׳ס פאַמיליע, אפילו די בריוו פון און צו שלום עליכם׳ען זיינען נאָך ווייט נישט אַלע אָפּגע־דרוקט געוואָרן. אָבער אַ סך קאַפּיטלען, גאַנצע עפּאָכעס אין שלום עליכם׳ס לעבן זיינען פאַר אונז דאָ אויפגעדעקט געוואָרן,

און דער קומענדיגער ביאָגראַף שלום עליכם׳ס וועט נישט קאָנען באגיין זיך אָן דעם שלום עליכם בוך, אזוי ווי ער וועט נישט קאָנען אויסקומען אָן די ביכער „פונ׳ם יאריד״ און אָן די בריוו, וואָס זיינען פארעפנטלאַכט געוואָרן אין דעם זאמלבוך „צום אָנדענק פון שלום עליכם״ (פעטראָגראד, 1917) און אין דעם ניו יאָרקער „טאָג״.

דאָס בוך, וואָס האָט דעם ברייטן פאָרמאט פון א „צאינה וראנה״ אָדער אָן עשרים וארבע מיט ל״ב פירושים, — עפנט זיך מיט א רעפּראָדוקציע פון א שלום עליכם בילד, וואָס עס האָט געמאכט ניומא ראבינאָוויטש, שלום עליכם׳ס זון. דער יונגער מאלער האָט אין זיין ארבעט ארייגעטאָן די גאנצע ליבע און באגייסטערונג, וואָס ער האָט פאר זיין גרויסן פאָטער, און די גאנצע ליכטיקייט, וועלכע שלום עליכם האָט פארשפּרייט ארום זיך אין דעם קרייז פון זיין פאמיליע און מיט וועלכער ער האָט אונז אזוי ליב און טייער געמאכט זיין שאפן.

מיט א פאמיליע־בילד, געמאכט פון א פאמיליע־מיטגליד, הייבט זיך אָן דאָס בוך — און ס׳איז ניט קיין צופעליגער אָנהייב. אין דער גאנצער לופט פון דער זאמלונג פילט זיך שלום עליכם׳ס משפחה׳דיקייט. און אנדערש האָט עס ניט געקאָנט זיין. די געשיכטע פון שלום עליכם׳ס לעבן איז פריער ווי אלץ און מער ווי אלץ די געשיכטע פון זיין פאמיליע־לעבן. שלום־עליכם דער פאָלקס־מענטש און שלום־עליכם דער פאָלקס־שרייבער — דאָס זיינען די וויכטיגע קאפּיטלען אין דעם בוך פון זיינע יאָרן. דאָס ערשטע קאפּיטל איז: שלום עליכם דער משפּחה־מענטש. דער וואָס קען ניט אָט דעם קאפּיטל, קען ניט שלום עליכם׳ן. ניט אומזיסט זיינען די גרעסטע און בעסטע ביכער זיינע פאמיליע־ביכער, פאמיליע־כראָניקעס, פאמיליע־דראמעס, פאמיליע־ אידיליעס. נעמט ארויס דאָס משפחה׳דיגע פון „טביה דער מילכיגער״, פון „מנחם מענדל״, פון „מאָטל פּייסי דעם חזנ׳ס אינגעל״, פון „פונ׳ם יאריד״, פון די קינדער־מעשיות, פון די יום־טוב־בילדער, — וועט איר ארויסנעמען דעם פונדאמענט פון אונטער דעם גאנצן בנין שלום עליכם׳ס.

פון דער אידישער פאמיליע איז שלום עליכם געקומען, אין דער אידישער פאמיליע איז ער (דערוויל דער איינציגער) אריינ־געוואקסן ...

„ווילסטו שלום עליכם׳ן דערקענען, זאגט י. ד. בערקאוויטש אין דער אפטיילונג „אין זיין אייגענער רעפובליק״, גיי צו שלום עליכם׳ן אין דער היים״ (ז. 48). איז גוט, וואס זיין היים איז אריינגעבראכט געווארן אין דעם שלום עליכם בוך. גוט, וואס מיר לייענען דארט, וואס די אייגענע שרייבן וועגן אים, נישט נאר וואס ער האט געשריבן צו און וועגן זיי. אזוי דארף עס זיין. פריער ווי אלץ דארפן מיר הערן ריידן וועגן אים די היימישע. און עס מאכט ניט אויס, וואס זיי מוזן אים בטבע אביסל פארהיימישן און אידעאליזירן. זיי באלייטן אים און זיי מוזן אים באלייטן אין דער באשרייבונג פון זיין לעבן, אזוי ווי זיי האבן אים באלייט פריער אין זיין לעבן. זיי זיינען דער אבסאליוט נויטיגער הינטערגרונט פאר זיין לעבנס־בילד. ווען זיי רינגלען אים ארום מיט דער היימישער לופט, זעען מיר אים אין זיין נאטירלאכער סביבה, אין זיין אייגענער רעפובליק.

י. ד. בערקאוויטש, וועלכער האט מיט אזוי פיל התמדה אויפ־געזאמלט און מיט אזא ליבשאפט צונויפגעשטעלט און דערקלערט די מאטעריאלן, האט ניט געהאט וואס מורא צו האבן, טאמער וועלן זיך „געפינען אזעלכע, וואס וועלן אויסטייטשן זיין באלייכ־טונג פון שלום עליכם׳ס פערזענלאכקייט, ווי א פועל יוצא פון קרובי׳שע סענטימענטן״. ער האט ניט געהאט וואס מורא צו האבן, מחמת דעם מאטיוו, וואס ער אליין גיט־אן. ער האט זיך באמיט, שרייבט ער אין זיין פארווארט, „צו זיין אביעקטיוו, ווי ווייט דאס איז נאר מעגלאך פאר איינעם, וואס האט דעם ווילן צו פארטיפן זיך — און ממילא צו באהעפטן זיך — אין דעם צווייטנ׳ס נשמה. אויב איך האב, שרייבט, אין מיינע צייכענונגען בולט געמאכט די ליכטיקייט פון זיין געשטאלט, איז עס נאר דערפאר, ווייל אזא איינדרוק איז ביי מיר פון אים פארבליבן, ווייל ליכטיקייט איז געווען דער הויפט־קוואל פון זיין מענטשלאכן און

קינסטלערישן ווען. — — — און אויב עס וועלן זיך געפינען אנדערע, וואס גדענקען און דערציילן פון אים קלייניקייטן, וואָס זיינען להיפוך פון דעם, וואס איך געדענק און דערצייל דאָ פון אים, וועלן זיי אין גרונט אפשר זיין מער סוביעקטיוו פון מיר" (ז. ט"ז). דאָס איז זייער אַ פיינער און אַ ריכטיגער געדאַנק. מיר מוזן שטענדיג קוקן מיט חשד און מיט אַ געוויסן סאָרט רחמנות אויף יענע, וואָס וויסן צו דערציילן נאָר וועגן דער קליינקייט פון אַ גרויסן מענטשן. זיי האָבן, נעבאך, מער ווי די קלייניגקייטן נישט געזען. מער זיינען זיי, נעבאך, נישט מסוגל געווען צו זען. און מיר געפעלט שוין בעסער יענער חסיד, וואָס פּאָרט צום רבי'ן זען ווי ער פאַרבינדט די שנירלאך פון זיינע שיך, ווייל אויך דאָס איז הייליג אין זיינע אויגן, ווי דער „חכם", וועל־כער וויים, אַז דער רבי איז אויך נישט מער ווי אַ פּשוט'ער בשר ודם, וועלכער מוז פאַרבינדן די שנירלאך פון זיינע שיך... דער „חכם", וואָס זעט נאָר דאָס וואָכעדיגע, איז פּונקט אַזוי סוביעק־טיוו, ווי דער „תם", וואָס פאַרהייליגט אַלץ, מער נישט וואָס דעם חכם'ס סוביעקטיוויזם איז גאָר נישט ווערט. דאַרף דערפאַר אַליין שוין בערקאָוויטש'ן ניט אַרן, וואָס די „חכמים" וועלן זאָגן וועגן זיינע „חסידישע" אָדער „קרובי'שע" סענטימענטן, בפרט אַז ער איז גראָד ווייט פון דעם תם, וואָס באַוואונדערט דעם רבינ'ס שיך־בענדלאך. אָבער ווען אפילו אין זיין באַלייכטונג פון שלום עליכם'ס פּערזענלאכקייט זאָל זיין אַ פּונק פון זיין „קרובי'שער" ליבע צו איר, וואָלט דער ווערט פון זיין באַלייכטונג אויף אַ האָר נישט געמינערט געוואָרן, מחמת ווען מיר וועלן וויסן, וואָס שלום עליכם איז געווען א י ן און פ א ר זיין פאַמיליע, וועלן מיר זייער אַ סך וויסן וועגן זיין פּערזענלאכקייט און זיין שאַפן...

וואָס שלום עליכם איז געווען אין און פאַר זיין פאַמיליע און וואָס און ווער ער איז געווען בכלל — דערוויסן מיר זיך ניט נאָר פון י. ד. בערקאָוויטש'עס איינפיר־ווערטער און זכרונות פון אנדערע משפחה־מיטגלידער, נאָר דערהויפּט פון שלום עליכם'ען אַליין, פון זיינע נאָטיצן און בריוו. י. ד. בערקאָוויטש מיט זיינע דערקלערונגען און באַמערקונגען העלפט אונז נאָר בעסער צו פאַר־שטיין שלום עליכם'ס נאָטיצן און בריוו.

די גאַנצע ערשטע אָפּטיילונג פון בוך איז פאַרנומען מיט מאַטעריאַלען צו שלום עליכם'ס אויטאָביאָגראַפיע. י. ד. בער־קאָוויטש דערציילט אונז אויספירלאַך די געשיכטע פון'ם בוך „פונ'ם יאַריד". „פונ'ם יאַריד" איז, ווי באַוואוסט, געבליבן נישט פאַרענדיגט. שלום עליכם האָט באַוויזן צו דערפירן די באַשרייבונג פון זיין לעבן ביז צום יאָר 1881, ווען ער איז אַלט געווען סך־הכל 22 יאָר און איז נאָך נישט געווען קיין שרייבער. אָבער עס איז געבליבן פון אים אַן אויטאָביאָגראַפישע סקיצע, וועלכע נעמט־אַרום גאַנצע פופציג יאָר פון זיין לעבן. די דאָזיגע קורצע אויטאָביאָגראַפיע האָט ער געשריבן אין יאָר 1908, אָבער ביז אַהער זיינען פון איר פאַרעפענטלאַכט געוואָרן נאָר טיילן (אויף רוסיש און העברעאיש). אין „שלום עליכם בוך" איז זי אָפּגעדרוקט געוואָרן אינגאַנצן אין בערקאָוויטש'עס אידישער איבערזעצונג. (זי איז לכתחילה געשריבן געוואָרן פאַר אַ רוסישער צייטונג אויף רוסיש.) און מיר געפינען אין איר אַ סך זייער אינטערעסאַנטע מאָמענטן.

איך וועל דערמאָנען נאָר עטלאַכע פון זיי.

ווי ס'איז באַוואוסט, האָט שלום עליכם, אַזוי ווי כמעט אַלע אידישע שרייבער פון זיין צייט, אָנגעהויבן שרייבן העברעאיש. און אויך שפּעטער האָט ער פון צייט צו צייט געשריבן לשון־קודש — און זייער אַ פיינעם לשון קודש. פאַרוואָס איז ער נישט געוואָרן קיין העברעאישער שריפטשטעלער? וואו ליגט דער סוד פון זיין „זשאַרגאָניזם"? אַן ענטפער אויף דער פראַגע געפינען מיר אין דער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס איז פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אין „שלום-עליכם-בוך". „...אָט, שרייבט ער, האָט ער (ש. ע. שרייבט דאָ וועגן זיך אַליין בלשון ע ר) אַ טראַכט געטאָן (דערזעענדיג דעם ערשטן נומער „אידישע פאָלקבלאַט", אין יאָר 1883) — אָט דרוקט זיך אַ צייטונג אויף אַזאַ פשוט'ער שפּראַך, וואָס איז צוגעגלאַך פאַר אַלע אידן, אפילו פאַר ווייבער!" פון דעמאָלט אָן האָט זיך צו אים פאַר'גנב'עט דער געדאַנק: צי שפּייזט ניט די העברעאישע שפּראַך מיט איר פיינער מליצה נאָר אַ קליינע צאָל אויסדערוויילטע, וואָס באַזיצן זי? דאָס איז איינס. און דאָס צווייטע איז, וואָס סיי ווי סיי

ווען דו שרייבסט העברעאיש, טראַכטסטו אויף זשאַרגאָן, — איז שוין ניט בעסער טאַקע גלייך אויפ'ן אָרט צו שרייבן אידיש, דאָס הייסט שרייבן אַזוי ווי דו טראַכסט?"

שלום עליכם, וועלכער איז אין זיין אויטאָביאָגראַפיע „פונ'ם יאַריד", ווידער באַאיינפלוסט געוואָרן, ווי מיר האָבן געזען אין פאָריגן קאַפּיטל, פון מענדעלע'ן, האָט אין דעם פּרט, ווי עס ווייזט, געמאַכט אַ שריט ווייטער פון מענדעלע'ן. דער זיידע האָט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע אָנגעגעבן נאָר איין מאָטיוו, פאַרוואָס ער איז איבערגעגאַנגען פון העברעאיש צו אידיש, — דעם מאָטיוו, וועלכן שלום עליכם דערמאָנט אין אָנהויב: העבּרעאיש איז נאָר פאַר אַ איסערוויילטע, בעת אויף אידיש קאָן מען ריידן צום גאַנצן פאָלק. שלום עליכם באַנוגנט זיך שוין ניט מיט אָט דער אוטיליטאַר־עטישער דערקלערונג. ער רעדט וועגן זיך אַליין, וועגן זיין עצם שרייבן, נישט נאָר וועגן זיין ניצליך פאַר'ן פאָלק. ער טראַכט, זאָגט ער, אויף אידיש אפילו דאַן, ווען ער שרייבט לשון קודש, (און די „העלדן" זיינע טראַכטן דאָך געוויס אויף אידיש) — איז דאָך גלייכער טאַקע שרייבן אַזוי ווי מען טראַכט! אויך ביי מענדעלע'ן האָט דער דאָזיגער מאָטיוו געוויס געשפּילט אַ ראָליע, אויך ער האָט (ווי מען זעט פון זיינע באַמערקונגען צו דער ערשטער רעדאַקציע פון „האָבות והבנים") געפילט אַן אומנאַטירלאַכקייט אין דעם, וואָס ער לאָזט זיינע פאַרשוינען מאַטערן זיך מיט דער העברעאישער מליצה, בעת זייערע רייד און זייערע געדאַנקען זיינען אין דער אמת'ן אידישע, נישט קיין העברעאישע. אָבער ער האָט דאָס בפירוש נישט געזאָגט. ער האָט זיין אויטאָביאָגראַפיע (אין „ספר הזכרון") געשריבן, ווען עס איז נישט געווען נאָך קיין אידעאָלאָגישער אי־דישיזם. אַנדערש איז געווען די לאַגע אין יאָהר 1908, ווען שלום עליכם האָט געמאַכט זיינע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצען. אין יענער צייט האָט מען זיך שוין נישט געדאַרפט שעמען אויסצוזאָגן דעם סוד, אַז מען טראַכט אידיש אפילו ווען מען שרייבט העברעאיש. און עס קאָן זיין, אַז אויך זיך אַליין האָט עס שלום עליכם אויסגעזאָגט ערשט דאַן, ווען ער האָט זיך גענומען

דערציילן די געשיכטע פון זיין לעבן. אין אָנהויב 80־ער יאָרן, ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אידיש, איז געווען אַזאַ אַטמאָספּערע, אין וועלכער אַ משכיל איז שווער געווען מודה צו זיין זיך, אַז ער איז אייגנטלאך אַ אידישער, ניט קיין העברעאישער שרייבער. עס איז, פּשוט, געווען אַ חרפּה צו זיין אַ „זשאַרגאָנישער" שרייבער. שלום עליכם, ספּעקטאָר און אַנדערע האָבן יאָרן־לאַנג געדאַרפט קעמפן, אַרבעטן און שאַפן ביז עס איז געוואָרן אַ כבוד צו זיין אַ בויער פון דער פאָלקס־ליטעראַטור. ווען שלום עליכם האָט אָנגעהויבן שרייבן אידיש, איז עס געווען נאָך אַ קנאַפּער כבוד.

און דאָס איז (ווי מיר דערוויסן זיך פון דער נייער אויטאָביאָגראַפיע) געווען די סיבה, פאַרוואָס פון שלום ראַבינאָוויטש איז געוואָרן שלום עליכם. אונטער אָט דעם פּסעוודאָנים האָט זיך דער מחבר „אויסבאַהאַלטן פון קרובים און באַקענטע" (ז. 4).

צו די באַזונדערס אינטערעסאַנטע שטעלן אין די אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן דאַרף מען צורעכענען די שטעלע, וואו שלום עליכם דערציילט, אַז „ער קאָן שרייבן צו יעדער צייט, אויף יעדן אָרט און ביי אַלערליי אומשטענדן: אין סאַלאָן, אין קיך, אין וואַגאָן, אין רעסטאָראַן, אַפילו פאַרנדיג אויף אַ איזוואָשטשיק (אַ דראָזשקע) און אַפילו ליגנדיג אין בעט" (ז. 5). דאָס איז נישט קיין נייעס. אָבער ביז אַהער האָבן מיר דאָס געהערט פון אַנדערע, איצט האָבן מיר אַ באַשטעטיגונג פון שלום עליכם'ען אַליין.

עס איז אינטערעסאַנט אויך צו הערן פון אים אַליין, אַז „לויט דער פאַרשידנאַרטיגקייט פון די סוזשעטן אין די דערציילונגען פון שלום עליכם, דאַרף מען אַרויסזען די פאַרשידנאַרטיגע באַשעפטיגונגען פון'ם מחבר, וועלכער איז איבערגעווען אַי אַ סוחר, אַי אַ בערזע־האָז, אַי אַ קאַזיאָנער ראַבינער, אַי אַ קאָמיסיאָנער, אַי אַ לערער, אַי אַן אַגענט פון לעבנס־פאַרזיכערונג — און וואָס ניט?" (ז. 5).

פון י. ד. בערקאָוויטש'עס אַרטיקל „אַביסל געשיכטע צום בוך „פונ'ם יאַריד", איז וויכטיג צו ציטירן די שטעלע, וואו עס רעדט זיך וועגן דער טיפער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין שלום עליכם'ס געמיט אין די לעצטע אָנדערהאַלבן יאָר פון זיין לעבן, ווען ער איז צום לעצטן מאָל געקומען פון אייראָפּע קיין ניו יאָרק... „קוקנדיג אויף אים מן הצד, דערציילט בערקאָוויטש, איז שווער געווען צו גלויבן, אַז דאָס איז דער פריערדיגער שלום עליכם: אַזאַ טיפער אומעט אין די אויגן, אַזאַ קאָנצענטרירטער, געלייטערטער טרויער אין דעם גאַנצן אויסדרוק פון דעם פריער רירעוודיגן, אַרטיסטיש-חנ'עוודיגן געזיכט!" (ז. 11).

א חוץ אַנדערע צרות, האָט ער געהאַט אַ סך אויסצושטיין פון די צייטונגען, פאַר וועלכע ער האָט געאַרבעט. ער איז אַליין געווען אינגאַנצן פאַרטאָן אין דער געשיכטע פון זיין לעבן, אין „פונ'ם יאַריד", דעם „בוך פון זיינע ביכער", אָבער פאַר די צייטונגען איז עס געווען אַ נישט גענוג „פריילאַבער" שטאָף, און זיי האָבן פאַרלאַנגט פון אים „אַנדערע זאַכן" — פריילאַכע פעליעטאָנען, ראָמאַנען. ער האָט געמוזט נאָכגעבן. געשריבן אין איין צייט מיט די קאַפּיטלען „פונ'ם יאַריד" אַ ראָמאַן — אַ ווילדן פּלאָנטער פונ'ם אידיש-אַמעריקאַנער לעבן מיט אַ ווילדן נאָמען „דער מיסטייק" (אַ צו-להכעיס ראָמאַן מיט אַ צו-להכעיס נאָמען, ווי ער וואָלט דערמיט געזאָגט: „איר ווילט ניט מיינע געלייטערטע פּערל — נאָט אייך דערפאַר אַ שטיק זשאַרגאָן פון דעם אידיש-אַמעריקאַנישן געטומל, נאָט אייך אַ „מיסטייק"!) (ז. 11).

די צווייטע אָפּטיילונג אינ'ם בוך הייסט: „משפּחה און סביבה". דאָ זיינען אויפגעזאַמלט דאַטן, פאַקטן און דאָקומענטן, וואָס וועלן שטאַרק צוניץ קומען דעם, וואָס וועט וועלן אויס-פּאָרשן שלום עליכם'ס אָפּשטאַמונג און די סביבה, וואו ער איז אויסגעוואַקסן.

אין אָנהויב גייט אַן אַריינפיר פון י. ד. בערקאָוויטש. אין דעם אַריינפיר ווערט כאַראַקטעריזירט די משפּחה און די גאַנצע

סביבה, וואו שלום עליכם איז אויפגעצויגן געוואָרן. דאַן ווערן פאַרעפנטלאַכט צום ערשטן מאָל עטלאַכע וויכטיגע דאָקומענטן, וואָס זיינען שייך צו שלום עליכם'ס פאַמיליע. דער אינטערע־סאַנטסטער צווישן זיי איז די צוואה, וואָס שלום עליכם'ס פאָטער, נחום ראַבינאָוויטש, האָט געלאָזן צו זיין זון. אַ פּאָר שטעלן אין דער צוואה (כ'מיין די, וואו דער פאָטער פאַרזאָגט זיין זון, אַז ער זאָל בלייבן טריי צו אידישקייט, ווי ער, דער זון, פאַר־שטייט זי, און וואו ער בעט אים זאָרגן פאַר זיין משפחה) דער־מאָנען שטאַרק אָן שלום עליכם'ס אייגענער צוואה. און עס איז כמעט ווי סימבאָליש דאָס, וואָס שלום עליכם'ס לעצט וואָרט, זיין צוואה, איז נישט נאָר אליין פאַר זיך אַ וואונדערלאַכער אויסדרוק פון זיין משפחה'דיגקייט, נאָר אויך זיינע וואָרצלען שטעקן אין אַן אַלטן משפחה־דאָקומענט, אין דער צוואה פון זיין פאָטער.

די דריטע אָפּטיילונג הייסט „אין זיין אייגענער רעפובליק". זי הויבט זיך אָן אויך מיט אַ זייער אינטערעסאַנטן אַריינפיר פון י. ד. בערקאָוויטש, וועלכער גיט אונז אַ בילד און אַ כאַראַק־טעריסטיק פון שלום עליכם דעם פאַמיליע־מענטשן, פון שלום עליכם'ען, ווי ער האָט זיך געפילט, ווי ער האָט זיך אויפגעפירט און ווי ער האָט אויסגעזען אין זיין אייגענער רעפוב־ליק. דאַן קומען שלום עליכם'ס בריוו צו זיין פאַמיליע, בריוו, וועלכע באַשטעטיגן בערקאָוויטש'עס מיינונג, אַז אין דער דאָזיגער אייגענער רעפובליק זיינער „האָט זיך שלום עליכם אויסגעלעבט אַזוי וואויל און אַזוי פול, ווי אין ערגעץ ניט" (ז. 47).

פון די בריוו דערוויסן מיר זיך אַ סך זאַכן אויך וועגן דעם ליטעראַרישן לעבן, נישט נאָר וועגן דעם פאַמיליע־לעבן שלום עליכם'ס.

די בריוו זיינען נאָר אַ קליינער טייל פון שלום עליכם'ס רייכער קאָרעספּאָנדענץ מיט זיין פרוי, קינדער, אייניקלאַך און איידעמס, אָבער אויך אָט דער קליינער טייל, געדרוקט אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר און איבערגעזעצט פון רוסיש אָדער פון העב־רעאיש אויף אידיש — דערציילט אונז זייער פיל וועגן שלום

עליכם'ס לעבן און שאפן און איז אליין א טייל פון זיין לעבן און שאפן.

שלום עליכם האט זיך אין א געווויסן זין אויסגעלעבט אין זיין קארעספאנדענץ. אויסגעלעבט זיך ריין עמאציאנעל און ליטעראריש. ער האט ניט געשריבן קיין בריוו פון חוב וועגן. ער האט ליב געהאט צו שרייבן בריוו. ער האט הנאה געהאט דערפון. דאס איז ביי אים געווען שיער ניט א ליידנשאפט — אט דאס בריוו שרייבן.*) ער איז שטענדיג געווען פול מיט לעבעדיגע ווערטער און וויציגע ווערטלאך, האט ער זיי געמוזט ארפשרייבן פון זיך. עס האט בכלל אין אים געלעבט עפעס א שרייב־ענערגיע, עפעס א ליטערארישער אימפעט, וואס האט אים ניט געלאזט רוען. „שלום עליכם, שרייבט בערקאוויטש, פלעגט וועגן זיך אליין דערציילן, אז דער ערשטער חשק צום שרייבן איז אים געקומען דערפון, וואס ער האט ניט געקאנט גלייכגילטיג צוזען ווייס, גלאט פאפיר — ער האט עס געמוזט פארשרייבן". (ז. 309).

„וואס הייסט עס — ניט שרייבן? — איז געשטאנען אין זיינעם א בריוו צו מיר (פארעפנטלאכט אין „שלום עליכם בוך", ז. 244). ווי שטייט דאס אויף א מענטש אינדערפרי, עסט און טרינקט, גייט ארום — און שרייבן שרייבט ער ניט? ווי איז דאס מעגלאך? קאן עס אויסגעהאלטן ווערן? קאן מען לאנג אט אזוי לעבן?" און עס מאכט ניט אויס, וואס ס'איז געשריבן איראניש. ביי אים האט לעבן, באמת, געהייסן שרייבן. איז ער פארטיג געווען מיט דער ריין ליטערארישער ארבעט, האט ער זיך געזעצט שרייבן בריוו. „שרייבן א בריוו צו זיינע אייגענע קינדער, זאגט י. ד. בערקאוויטש — און אויך שרייבן צו פרעמדע, וועל איך צוגעבן — איז פאר אים געווען ווי א מין פארטזעצונג פון זיין ליטערארישער ארבעט און האט אים פארשאפט די זעלביגע קינסטלערישע באפרידיגונג ווי שרייבן זיינע ווערק פאר'ן ברייטן פובליקום" (דארט, ז. 40). צווישן זיין ליטעראטור און זיינע בריוו איז ניטא גאר קיין אונטערשיד. עס זיינען דא ביי אים בריוו, וואס בעטן זיך

*) זע ווייטער, „שלום עליכם דער בריוו־שרייבער".

ממש מען זאָל זיי אַריינשטעלן אין זיינע ווערק. זיי זיינען שלום עליכם'ס ווערק, ניט בריוו. אפילו די געוויינלאַכע שלום עליכם בריוו, (און אפילו די, וואָס זיינען ניט געשריבן אויף אידיש), זיינען פול מיט זיין הומאָר, מיט זיינע איינפאַלן, מיט זיינע שטיפערייען.

איך קאָן זיך ניט אָפּשטעלן, פאַרשטייט זיך, אויף אַלע זיינע בריוו צו דער פאַמיליע. איך וועל נאָר אין איינעגע פון זיי באַטאָנען די מער כאַראַקטעריסטישע שטעלן, דערהויפּט די, וואָס האָבן אַן אַלגעמיינע ליטעראַטור־היסטאָרישע באַדייטונג.

אין אַ בריוו צו זיין עלטערער טאָכטער טיסי (ערנעסטינע בערקאָוויטש) געפינען מיר זיינס אַ סאַטיריש ליד אויף ניקאָליי דעם צווייטן, וואָס ער האָט אין די „פרילינג־טעג", ערב דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, געלאָזט צירקולירן אין די „בונ־דישע" קרייזן. דאָס ליד, וואָס איז געשריבן געוואָרן ווי אַ פּאַ־ראָדיע אויף אַ פּאָפּולערן רוסישן וויגליד, באַשטייט פון 13 פיר־פוסיגע כאָרייען און הויבט זיך אָן אַזוי:

שלאָף, אַלעקסעי, יורש פיינער,
ליכטיגער פּאַרשוין
שלאָף, בן יחיד, קדיש מיינער!
שלאָף זשע, שלאָף, ניט וויין!

אַן ענליכע פּאָליטישע סאַטירע אין פערזן געפינען מיר אויך אין אַן אַנדער בריוו פון יענער צייט (ז. 65).

פון אַ בריוו צו דער זעלביגער טאָכטער זיינער, דאַטירט וואַרשע, 30־טן יוני, 1905, דערוויסן מיר זיך, אַז ער האָט דאַן ערנסט געטראַכט צו ווערן אַ פירער פון דעם אידישן טעאַטער, כדי אויפצוהויבן אים אויף אַ העכערער מדרגה. „... איך האָב שוין אָפּגעמאַכט, שרייבט ער, מיט דער דירעקציע פון ספּיוואַ־קאָווסקי און אַדלער, וועלכע האָבן געדונגען דאָס גרויסע טעאַטער אין אַדעם פאַר'ן ווינטערדיגן סעזאָן. איך האָב גענומען אויף זיך, ערשטנס, אַ פאַרפליכטונג איבערצוגעבן אין זייער אויסשליס־לאַכן רשות מיינע פּיעסעס אויף אַ גאַנץ יאָר; פּיעסעס, וואָס זיינען שוין אָנגעשריבן און וואָס דאַרפן אָנגעשריבן ווערן פון

מיר. צוּוייטנס, רעדאַקטיר איך פּיעסעס, וואָס זיינען געשריבן פון אַנדערע מחברים. איך דאַרף בייזיין אויף די רעפּעטיציעס און פּרעמיערעס פון מיינע פּיעסעס. עס וועלן אויפגעפירט ווערן נ אָ ר מיינע פּיעסעס, אָדער אַזעלכע, וואָס איך וועל גוטהייסן. הכלל, זיי האָבן זיך גענומען מיט מיין הילף ריכטיג אַוועקצושטעלן די זאַך פונ׳ם אידישן טעאַטער, אויפצובויען אַ מין אידיש־ליטעראַריש קונסט־טעאַטער. — — — פאַר׳ן ערשטן סעזאָן האָב איך צוגעגרייט (און אַרבעט נאָך איצט) צוויי גרויסע און פיר איינאַקטיגע פּיעסעס (עס זיינען געבוירן געוואָרן אין קאָפּ נאָך אַ צוויי־דריי גרויסע, פיר־און־פינף־אַקטיגע פּיעסעס). און וואָס ס׳איז שייך דער אַרבעט, בין איך גאָרניט מחויב צו זיצן אין אָדעס, נאָר איך קאָן זיי שרייבן אין דער היים. איך וועל נאָר דאַרפן, לטובת הענין, בייזיין אויף די רעפּעטיציעס און פּרעמיערעס. אויף אַזאַ אופן, האָט זיך די טעאַטראַלישע זאַך ביי מיר ניט־שלעכט איינגעשטעלט. אַדלער׳ס דירעקציע איז אַ רייכע און די סאַמע אָנשטענדיגע אין רוסלאַנד. מיט דער פאַרבעסערונג פון דעם רעפּערטואַר וועט אויך פאַרבעסערט ווערן דער צוזאַמענשטעל פון דער טרופּע. ווינטער וועלן זיי שפּילן אין אָדעס, און זומער — גאַסטראָלירן אין רוסלאַנד און אין פּוילן". (ז. 64).

אין אַן אַנדער בריוו צו דער זעלבער שרייבט ער: „מיך... ווי אַלע מאָל, באַזוכט די מוזע יעדן טאָג, לאָזט מיך כמעט ניט אָפּ. מענטשן בלאָזן זיך, אַז ס׳פעלט זיי טעמעס. רבונו של עולם! וואו נעמט מען אַזוי פיל צייט פאַרטיג צו ווערן מיט׳ן מאַטעריאַל, וואָס זאַמלט זיך אָן אין די באַהעלטענישן פון דער נשמה!" (ז. 64־65).

אין אַ בריוו פון 22־טן אָקטאָבער, 1905, שרייבט ער וועגן דעם קיעווער פּאָגראָם, וואָס ער האָט דאָן דורכגעלעבט אינאיינעם מיט אַלע קיעווער אידן. אָבער ער איז נישט מאריך וועגן די טרויעריגע איבערלעבענישן... „איבערגעלאָזט, שרייבט ער, די טראַגישע זייט פאַר די קלאָג־מוטערס, גיי איך איבער צו די טראַגי־קאָמישע עפּיזאָדן, וואָס פון דעם באַשטייט מיין אַמפּלואַ. דעם אַלטן זייצעוו׳ס ווייב האָט פאַרבראַכט אַ נאַכט אין שטאַל,

אין דער געזעלשאַפט פון זייער טייערע פערד. די באַראָנעסע גינזבורג האָט אויסגעהאַלטן אַ באַלאַגערונג אויפ'ן בוידים פון איר אייגענעם, אויף שטויב צעשטערטן פּאַלאַץ. לעוו בראָדסקי מיט די אינגערע טעכטער האָבן בשלום אַריבערגעקלעטערט דעם פּאַר־קאַן, צוגעקומען צום „אינסטיטוט פון וואוילגעבאָרענע מיידן", וועלכער האָט די אַנטרונענע אָפּגעזאָגט אין גאַסטפריינדלאכקייט. סאַראַ און מאַרגעריטאַ בראָדסקי האָבן אומזיסט געקלאַפּט אין טיר צום דירעקטאָר פון דער גאָסודאַרסטווענני באַנק. די פוטער־שנייַ־דערס פון דעם גע'שמד'טן אידן טויבאַ האָבן אים געצוואונגען צו זאָגן דריי מאָל „אָטשע נאַש". דיין חבר'טע קלאַראַ בראָדסקי־פּאָליאַקאָוו האָט אומזיסט געזוכט שוץ ביים גובערנאַטאָר (ביים געוועזענעם)" (ז. 66).

פון אַ בריוו צו י. ד. בערקאָוויטש'ן (געשריבן, ווי כמעט אַלע בריוו צו בערקאָוויטש'ן, אויף העברעאיש), דערוויסן מיר זיך, אַז די באַרימטע אויפשריפט פאַר זיין מצבה האָט ער פאַר־פאַסט נאָך אין יאָר 1905, גאַנצע צען יאָר פאַר זיין טויט. ווען „דער עולם האָט געלאַכט, געקוועלט און פלעגט זיך פרייען" מיט זיינע ווערק, האָט ער אַליין גאָר געטראַכט — וועגן טויט. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז אין יענעם ערשטן נוסח פון דער עפּי־טאַפיע איז, אין סוף געשטאַנען: „האָט ער געוויינט". שפּעטער האָט ער, אין איינעם מיט אַנדערע קליינע ענדערונגען, אויך געענדערט דעם וואָרט „געוויינט" און געשריבן „געקרענקט". דאָס האָט אים אויסגעזען צו זיין ריכטיגער.

אין אַ באַמערקונג צו דעם בריוו, שרייבט י. ד. בערקאָ־וויטש, אַז אין שלום עליכם'ס אַרכיוו געפינט זיך נאָך אַ דריטער וואַריאַנט פון דער עפּיטאַפיע, און דאָרט זיינען די לעצטע פיר שורה'ס גאַנץ אַנדערע. זיי לייענען זיך אַזוי:

האָט אַלע מענטשן ליב געהאַט
און מער פון אַלץ אַ אידן.
געוועזן שטענדיג נע ונד,
איצט רוט ער זיך אין פרידן.

(ז. 68).

י. ד. בערקאָוויטש מיינט, אַז שלום עליכם האָט זיי געפּסל'ט, מחמת ער האָט דערפילט אין זיי „אַ חשש פון זעלבסט־ליבעריי". עס קאָן אָבער זיין, אַז דער דיכטער האָט, פּשוט, געוואָלט האָבן מער איינהייטליכקייט אין דער אויפשריפט, און אין די שורה'ס ווערט איינגעבראַכט גאָר אַ נייער, אַ זייטיגער, מאָטיוו.

צו אַן אַנדער בריוו ווערט צוגעגעבן די הקדמה צו בערקאָוויטש'עס דערציילונג „אונערקעס", וועלכע שלום עליכם האָט אַמאָל אויפגעשריבן און ניט פאַרעפנטלאַכט. אין דער דאָזיגער הקדמה איז דאָ זייער אַ כאַראַקטעריסטישע שטעלע וועגן די „שטימונגס־שרייבער", וועלכע האָבן זיך דאַן געמערט און געפּרוכפּערט סיי אין דער העברעאישער, סיי אין דער אידישער ליטעראַטור. שלום עליכם'ען זיינען זיי, פאַרשטייט זיך, נישט געפעלן געוועןן. „ווילט איר וויסן, שרייבט ער, וואָס איז דאָס אַזעלכעס שטימונג? שטימונג הייסט: ווערטער, סתם ווערטער, הויכע, געבלאָזענע, קיילאַכיגע, שפּיציגע, מורא'דיגע ווערטער, מיט פינטעלאַך אַ סך און מיט פּאַסעקלאַך. דערצו אַ צוויי־דריי בילדלאַך, אַ בוימעלע וואָס גוסס'ט, אַ צווייגעלע וואָס ווינקט, אַ פייגעלע וואָס בענקט, אַ ווינטעלע וואָס לאַכט, אַ קאַץ וואָס לאָזט אַ טרער — און פאַרטיג! קיין שום ספור־המעשה, קיין ברעקל פּסיכאָלאָגיע, קיין שפּור פון שילדערונג, טיפּן, כאַראַקטערען, — אַבי עס קלינגען שיין (ניט אַלע מאָל שיין) די ווערטער, אַבי ס'איז שווער צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט — און אדרבה, דעסטאָ מער שטימונג. אַמאָל האָט דאָס געהייסן „מליצה", היינט הייסט דאָס „שטימונג". איר קאָנט עפענען אַ זשורנאַל אָדער אַ בוך און באַגעגענען אַ דערציילונג פון סאַמע שטימונג, אַ ליד פון שטימונג, אַ פּובליציסטישן אַרטיקל פון שטימונג, אַ קריטיק פון שטימונג איבער שטימונג — בקיצור, שטימונג — דאָס איז אַ חולאת געוואָרן, אַזאַ מין קרענק, רחמנא ליצלן, וואָס עס וואָלט געוועזן אַ יושר, אַז אונזערע קריטיקער זאָלן זיך אויף דעם אָרומקוקן". (ז. 76).

אין דער בריוו־אָפּטיילונג געפינען זיך זאַכן, וואָס זיינען

גאנצע ווערק. איך האָב נאָר וואָס זיך אָפּגעשטעלט אויף דער הקדמה צו בערקאָוויטש'עס דערציילונג. עס איז כדאי צו דער־מאָנען אויך דעם בריף, וואָס ער האָט געשריבן צו אַ טייל פון זיינע קינדער, ווען ער איז אין יאָר 1906 געפאָרן צום ערשטן מאָל קיין אַמעריקע. דאָס איז באמת נישט קיין געוויינלאכער בריוו, נאָר שלום עליכם'ס אַ מעשה מיט'ן נאָמען „פון לאָנדאָן ביז ניו יאָרק, אַ טאָג־בוך". צווישן אַנדערע אינטערעסאַנטע און וויציגע זאַכן, געפינען מיר אין דעם טאָג־בוך אַזאַ מין ווערטל: „ווייניג אידן אויף אונזער שיף, און דעריבער איז אומעטיג. אידן האָבן שוין אַ באַזונדער טבע: זיינען זיי אַ סך, איז שווערלאך זיי צו פאַרטראָגן; זיינען זיי נישטאָ, בענקט מען נאָך זיי"... (. 79).

פון אַ בריוו צו בערקאָוויטש'ן, פון 10טן יאַנואַר, 1911, שרייבט ער: „...ניין, איבערזעצן מיך (אויף העברעאיש — ש. נ.) אויסער אייך, קאָן קיינער ניט און דאַרף קיינער ניט און איך וועל קיינעם ניט לאָזן. איר אַליין ווייסט שוין, וואָסערע הוספה'ס איך וואָלט געמאַכט, און איר שטעלט זיי אריין. איר האָט מיך אויסגעשטודירט גרינטלאך. איר קענט מיך אויף 5 מיט אַ פּליוס. ניין, איך וועל מער קיינעם נישט לאָזן מיך איבערזעצן!" (ז. 89).

שלום עליכם, ווי יעדער אמת'ער שרייבער, האָט גוט גע־וואוסט, אז מען קאָן ניט איבערזעצן אַ דיכטער ווערטערלאך. עס זיינען נויטיג געוויסע הוספה'ס (און — איך וואָלט צוגעגעבן — געוויסע קירצונגען), — אַזעלכע, וואָס דער שרייבער אַליין וואָלט זיכער געמאַכט, ווען ער זאָל לכתחילה שרייבן אויף דער שפּראַך.

פון אַ באַמערקונג צו אַ בריוו אויף ז. 126, וועט דעם לע־זער זיין אינטערעסאַנט צו דערוויסן זיך, אַז עס איז געבליבן פון שלום עליכם'ען אַ „רעקאָרד" — דער אָנהויב פון „ווען איך בין ראָטשילד" און אָן אָנהויב פון אַ ניט געשריבענעם מאָנאָלאָג: „אַ פריילאַכע חתונה". עס האָט זיך, הייסט עס, אויפגעהיט שלום עליכם'ס שטים, און אויך די קומענדיגע דורות וועלן זי קאָנען הערן.

אין א בריוו (צו די קויפמאנס), דאטירט ניו יארק, 20־סטן יאנואר, 1916, איז פאר מיר געווען א נייעס שלום עליכם'ס מיט־טיילונג, אז איבערזעצונגען פון זיינע ווערק האבן זיך דאן גע־דרוקט אין ענגלישע צייטונגען פון דעם „וואירלד"־סינדיקאט...
„א חוץ דעם (שרייבט ער), דרוק איך זיך פון דעם ערשטן יאנואר, אין איבערזעצונג, אין דער ענגלישער צייטונג „וואירלד" (די וועלט) מיט איר סינדיקאט. דאס מיינט, אז אין אלע פאראייניגטע שטאטן דערשיינט יעדע וואך, זונטאג, מיין פע־ליעטאן אין וואסערע צוואנציג אדער מער גרויסע צייטונגען, וואס האבן ביז פינף מיליאן לעזער, אדער מער. זיי דרוקען „מאטל פייסי דעם חזנ'ס" מיט אילוסטראציעס. די רעקלאמע איז א קאלאסאלע. למשל, אין ניו יארק, אויף אלע סטאנציעס פון דער שטאטישער לופט־באן, איז מיט גרויסע אותיות אנאנסירט: „לייענט שלום עליכם'ען, דעם אידישן מארק טווען, אין דעם זשורנאל „וואירלד"! אריגינעל! ניי! הומאריסטיש! לייענט „שלום עליכם'ען" — דאס איז א גוטער אנהויב". — (ז. 130).

פון זיין טאכטער'ס, ליאלי קויפמאן'ס, עראינערונגען („ווי איך זע אים") אין דער אפטיילונג, וואס הייסט „אין זיין איי־גענער רעפובליק", דערוויסן מיר זיך, אז שלום עליכם פלעגט אפט אליין לאכן שרייבנדיג:

„...ווי פרי מען זאל אין שטוב נאך נישט אויפשטיין, פלעגט ער אבער אויפשטיין נאך פריער, און — גלייך צו זיין טישל און צו דער פען. א זייטיגן מענטשן האט זיך געקאנט אויסדאכטן, אז ניט ער שרייבט, נאר ער זשעסטיקולירט און רעדט צו זיך אליין. ס'איז אבער גענוג געווען, ער זאל זיך צו אייך א קער טאן מיט'ן פנים — און אייך איז באלד קלאר געווארן: דאס לאכט ער.

„עס שטייט א מענטש פון ניט הויכן וואוקס, אין א ווייכן באד־כאלאט און מיט שטעק־שיך אויף די פיס, שטייט זיך איי־נער אליין גאנץ פרי ביי א טישל, מיט א פען אין דער האנט, און... לאכט. דער פרימארגן פלעגט זיך אוועקציען ביי אים לאנג, אמאל העט ביז נאך האלבן טאג. די זון איז שוין הויך

אין הימל, אלע אין שטוב זיינען שוין לאנג אויף די פיס, פאר־נומען יעדערער מיט'ן טאג — און ער שטייט נאך אלץ ביי זיין טישל א פרימאָרגנדיגער, שרייבט און לאכט, שרייבט און לאכט..." (ז.134).

דאָס אייגענע דערציילט אויך דר. קויפמאַן. אין זיין „שלום עליכם'ס געשטאַלט" זיינען בכלל דאָ וויכטיגע שטריכן פון ש. ע. כאַראַקטער, און עס איז כדאי צו ציטירן א פּאָר שטעלן פון זיינע עראינערונגען:

„קיין ווערט פון געלט האָט ער בטבע ניט געוואוסט. געלט פלעגט ער טיילן צו יעדן, ווער עס פלעגט נאָר בעטן, און איז גרייט געווען אויסצוברייגגען געלט, ווי א קינד, אויף צאַצקעס. ער האָט געהאַט אָן א שיעור שיינע זאַכן, דערהויפּט אַזעלכע, וואָס זיינען נוגע צו שרייב־געצייג. ער האָט ליב געהאַט אָנ־צוטאָן זיך שיין און איז פייאיג געווען צו פרייען זיך, ווי א קליין קינד, איבער א נייעם אָנצוג. און האָט ער אָנגעטאָן צום ערשטן מאָל א נייעם אָנצוג, צי א נייעם הוט, פלעגט ער ארומגיין אין דעם מיט עפּעס א באַזונדערן אויסדרוק אויפ'ן געזיכט — אַן אויסדרוק פון יום־טוב'דיגער באַנייאונג" (ז. 138).

„נאָך מער פון אלץ האָט ער ליב געהאַט קינדער. מיט קינדער האָט ער זיך געקאָנט שפּילן ווי א קינד, שפּרינגען און קערן וועלטן, ווי א חדר־אינגל. ער האָט צו יעדער צייט גע־האַט דעם ריכטיגן שליסל צום קינדערשן האַרצן און פלעגט זיך קאָנען צופּאַסן צו דער קינדערשער שפּראַך. אין א בריוו פון אַמעריקע (אויגוסט 5, 1915) שרייבט ער צו זיין פיר־יאָריגן אייניקל (אויף רוסיש):

„מיין ליבע טייערע בעלאָטשקע!

„איך שרייב דיר, אַז ביי אייך איז א מלחמה און ביי אונז ניט, אַז דו ביזט אין אָדעס אויפ'ן פאָנטאַן און מיר אין אַמע־ריקע אויף א דאַטשע, און אַז דאָ איז זייער הייס, און אַז ביי אייך איז פאַראַן א ים, הייסט ער דער שווארצער ים, און ביי אונז איז פאַראַן א ים, הייסט ער אָקעאַן, דער אַטלאַנטישער אָקעאַן, און נאָך שרייב איך דיר, אַז איך האָב דיך זייער, זייער

ליב, און אז איך האָב נאָך צו זען דיך און דער מאמע און דעם פּאפּאַ מיכאל, וואָס איז שוין באלד אַ דאָקטאָר. און איך בין ניט קיין דאָקטאָר. איך בין אַ שרייבער.

דיין פּאפּאַ שלום עליכם." (ז. 138).

„ער האָט ליב געהאַט צו טרייבן שפּאַס מיט מענטשן אין איז געווען ערפינדעריש אויף אלערליי „שפּיצלאַך" און „אָפּ־שניצלאַך", וועלכע פלעגן אים פאַרשאַפן אַן אַ שיעור פרייד און געלעכטער"... „לאַכן פלעגט ער מיט'ן גאַנצן האַרצן, הויך און הילכיג, אַנשטעקנדיג מיט זיין געלעכטער אלע וואָס אַרום. דערביי פלעגט ער זיך אָנבויגן, זיך כאַפּן פאַר'ן בויך און אויסלאָזן מיט אַן „אוי" (ז. 139).

איך מאַך אויפמערקזאַם אויף די דאָזיגע שטעלן יענע, וועלכע האָבן אונז געוואָלט איינריידן, אַז שלום עליכם האָט „געלאַכט מיט קרעמעניעס".

נאָך די סביבה־ און משפּחה־אָפּטיילונגען קומט די אָפּטיי־לונג „מיט דער משפּחה פון שריפטשטעלער". זי באַשטייט פון אַן אויספירלאַכן אַריינפיר פון י. ד. בערקאָוויטש און פון אַ לאַנגער סעריע בריוו צו פאַרשיידענע אידישע שרייבער. אין בערקאָוויטש'עס אַריינפיר רעדט זיך ניט נאָר וועגן שלום עליכם'ס באַציאונגען צו פאַרשיידענע עלטערע און אינגערע אידישע שריפטשטעלער: עס רעדט זיך דאָרט אויך וועגן אָט די אלע שרייבערס גופא, און איינגע פון זיי ווערן אויסגע־צייכנט כאַראַקטעריזירט. עס איז דאָ, אויף אַזאַ אופן, אין דעם אַריינפיר מאַטעריאל צו דער כאַראַקטעריסטיק און דער ביאָגראַפיע פון אַ גאַנצער שורה פאַרשטייער פון דער אידישער ליטעראַטור, ניט נאָר פון שלום עליכם'ען אליין. עס זיינען דאָ פאַראַן פאַקטן און מיינונגען וועגן פּרץ'ן, וועגן פרישמאַן'ען, וועגן ספּעקטאָר'ן, וועגן דינעזאָן'ען. עס ווערט פיל דערציילט וועגן דער אָדעסער ליטעראַרישער משפּחה (מענדעלע, ראַווניצ־קי, ביאַליק, בן עמי, דובנאָוו). עס ווערן דערמאָנט אויך די אָדעסער, וואָס האָבן ניט געהערט צו דער „משפּחה", ווי, אַ

שטייגער, לינעצקי. עס זיינען אויך פאראן ידיעות וועגן די קיעווער ליטעראטן, ווי אויך וועגן די ווילנער און די ניו יאָרקער. עס איז אַ מין קליינע ענציקלאָפּעדיע פון דער אידישער ליטע־ראטור, דערהויפּט פון די פאַרשטייער אירע, וואָס געהערן צום עלטערן דור, און אַזוי ווי דאָ רעדט זיך נישט נאָר וועגן פאקטן, עס ווערן געגעבן דערקלערונגען און עס ווערן געמאַכט פּירושים, פאַרשטייט זיך, אַז קיין פולע היסטאָרישע אָביעקטיווּיטעט קאָן ניט זיין. אין איינינע פונקטן איז בערקאָוויטש זיכער סוביעק־טיוו. ווען ער דערציילט, צום ביישפּיל, וועגן די באַציאונגען, וואָס זיינען געווען (אָדער ניט געווען) צווישען שלום עליכם'ען און פּרץ'ן, אָדער, צווישן שלום עליכם'ען און לינעצקי'ן, פילט מען, אַז ער איז נענטער צו איין צד, ווי צו דעם צווייטן. מען פילט, אַז נישט נאָר שלום עליכם, נאָר אויך ער איז געבליבן קאַלט צו פּרץ'ן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, זיין רעכט, און מען קאָן אים נישט מאַכן דערפאַר קיין אויפוואורף. אָבער, ווען ער שרייבט: „פּרץ האָט אין שלום עליכם'ס גרויסער פאָ־פּולאַריטעט ביים פאָלק געפילט כמעט אַ באַליידיגונג פאַר זיין אייגענער גרויסקייט, און שלום עליכם איז צו פּרץ'עס שאַפן כמעט דאָס גאַנצע לעבן פאַרבליבן קאַלט, ווייל ער האָט פון דעם קיין הנאה ניט געהאַט” (אונטערגעשטראָכן פון דעם פאַרפאַסער), — ווען ער שרייבט דאָס, קאָן מען פרעגן: אפשר האָט אין פּרץ'עס פאַרפרעמדט־זיין פון שלום עליכם'ען אויך געשטעקט נאָך עפּעס, אַ חוץ דער „באַליידיגונג”? אפשר איז אים פרעמד געווען שלום עליכם'ס שטייגער שרייבן? פונקט אַזוי, ווי שלום עליכם איז קאַלט געווען צו פּרץ'עס שאַפן? אפשר איז שלום עליכם פאַר פּרץ'ן, דעם אינטעלעקטור־אַליסטישן שרייבער, וואָס האָט ליב געהאַט „פּינטעלאַך”, — געווען צו איינפאַך, צו לייכט, צו קלאָר? אפשר איז פּאַטע־טישקייט (פּרץ'עס הויפּט אייגנשאַפט) און הומאָר, דער וואונדערלאַכסטער קוואַל פון שלום עליכם'ס שאַפן, אַזוי סותר איינס דאָס אַנדערע, אַז זיי מוזן זיין אָפּגעזונדערט? שלום עליכם איז אין געוויסע מאָמענטן געווען פּאַטעטיש, אָבער פּרץ

איז קיינמאָל ניט געווען הומאָריסטיש. פּרץ איז געווען און געבליבן אַ השכלה און מוסר־מענטש, בעת שלום עליכם איז געווען אַ שפּילער און אַ לאַכער. פּרץ איז געווען אינטעלי־ גענטיש אפילו (אָדער אפשר, דערהויפּט) אין זיין „פאָלקס־ טימלאַכקייט". דורך שלום עליכם'ען האָט גערעדט דאָס פאָלק... אפשר איז דאָס געווען די הויפּט סבה פון זייער אינעווייניגסטער פאַרפרעמדטקייט?*)

אין דעם קאַפּיטל וועגן לינעצקי'ן איז אויך דאָ, דוכט זיך מיר, אַ געוויסע איינזייטיגקייט. די טונקעלע פאַרבן אין בער־ קאָוויטש'עס לינעצקי־פּאָרטרעט פאַרשטעלן די ליכטיגע. אפשר איז בערקאָוויטש נישט שולדיג אין דעם. ער האָט ניט געהאַט פאַר זיין צוועק צו געבן אונז אַ פולן בילד פון דעם פאַר־ פאַסער פון „פּוילישן אינגל". אָבער לינעצקי זעט דאָך אויס ביי אים שוין צו ניט־סימפּאַטיש, און דאָס שאַפט דעם איינ־ דרוק פון איינזייטיגקייט. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס איינציגע שטעלן אין בערקאָוויטש'עס אַרבעט קאָנען אויפ־ וועקן ספקות, איז די אַרבעט אינגאַנצן־גענומען, אַ גרויסער אויפטו פאַר אונזער ביאָגראַפישער און היסטאָריש־קריטישער ליטעראַטור. גאָר באַזונדערס געלונגען זיינען די קורצע, אָבער צוגעטראָפענע כאַראַקטעריסטיקעס פון ספּעקטאָר און בן־עמי. דער הויפּט ווערט פון דער סטודיע ליגט אָבער אין די טיילן אירע, וואָס האָבן צו טאָן דירעקט מיט שלום עליכם'ען. דאָ ווערן אַרויסגעבראַכט אָריגינעלע מיינונגען און נייע, אָדער ווינ־

*) דר. גרשון לעווין דערציילט אין זיינע ערינערונגען, אַז אין אַ קבלת־פּנים רעדע פאַר שלום עליכם'ן האָט פּרץ געזאָגט: „דער בעל־ הבית שמעלצט זיך אין שלום עליכם'ס ווערק, ווי אַ קניידל אין פּוטער" — — — ביים לאַכן פאַרדייעט זיך דאָס עסן זייער גוט, דער מאָגן אַרבעט פיין". אין פּרצ'ס אויגן איז לאַכן גוט נאָר צום „פאַרדייען דאָס עסן". און שלום עליכם האָט וועגן פּרצ'ס רעדע געזאָגט: „ליבער־ פריינט, דער קאָפּ טוט מיר נאָך ווי פון דער לעקציע מכּת סאָציאָלאָגיע, און סע פינטלט מיר פשוט פאַר די אויגן פון די פינטעלאַך, וואָס פּרץ וואָלט אָנגעפינטלט, ווען ער וואָלט די רעדע אָנגעשריבן". (שלום עליכם בוך, ז. 281).

ציג באַקאַנטע, פאַקטן וועגן דעם גרויסן אידישן הומאָריסט און זיינע באַציאונגען צו אַנדערע שרייבער. פון בערקאָוויטש'עס אָריגינעלע מיינונגען וויל איך ציטירן די, וואָס ער זאָגט אַרויס ריידנדיג וועגן שלום עליכם'ען און ביאַליק'ן. פון אויבנאויף קאָן זיך דוכטן, אַז צווישן דעם פּאָעט פון „צער און צאָרן" און דעם פּארפאַסער פון „סטעמפּעניו" און „מנחם מענדעל" איז ניטאָ גאָר קיין שייכות. אָבער נאָר פון אויבנאויף קאָן זיך דוכטן אַזוי. האָט דאָך ביאַליק געשריבן אויך די „שירי עם" און אַזעלכע דערציילונגען, ווי „אריה בעל גוף", „מאַרינ־קע". האָט דאָך ביאַליק אויף אידיש געשריבן דעם „גאָרטן", פון וועלכן שלום עליכם איז ניט אומזיסט געווען אַנטציקט. ער האָט דערפילט אין דעם אַ ניצוץ פון זיין אייגענעם הומאָר. אָבער ניט אין דעם זעט בערקאָוויטש די האַרציגע נאָענטקייט צווישן די צוויי דיכטער. ער געפינט זי אין דעם, וואָס זיי ביידע, לויט זיין מיינונג (און דאָס איז באמת אַן אָריגינעלע און אומגעריכטע מיינונג) „טראָגן אין זיך דעם קרעפטיגן אונ־מיטלבאַרן אָטעם פון תנ"ך, און אויב ביאַליק איז שוין לאַנג אַנערקענט געוואָרן ווי דער יורש פון די „נביאים אחרונים", וועט מען אפשר מיט דער צייט, אין דורות אַרום, דערקענען אין שלום עליכם'ען דעם יורש פון די „נביאים ראשונים" — די ערשטע אידישע פאָלקס־דערציילער, און „טביה דער מיל־כיגער" וועט קאַנאָניזירט ווערן אינ'ם פאָלקס־אוצר, ווי די פיינסטע ביבלישע שאַפונג פון אונזער דור" (ז. 176).

די דאָזיגע דרייסטע מיינונג איבערראַשט דעם קענער פון שלום עליכם'ען דערמיט, וואָס ביי איר גאַנצן פּאַראַדאָקסאַליזם (די קורצקייט פון תנ"ך און — שלום עליכם'ס אריכות! דער ביבלישער תמימות'דיגער ערנסט און — דער שלום עליכם'שער וויץ!) זעט זי דאָך אויס צו האָבן אין זיך אַ טיף־באַהאַלטע־נעם און פרוכטבאַרן קערנדל אמת!

פון די פ א ק ט ן, וואָס בערקאָוויטש דערציילט מכח שלום עליכם'ען אין זיין באַציאונג צו ליטעראַטור, איז באַזונדערס וויכטיג די מיטטיילונג, אַז „ער (ש. ע.) איז בכלל געווען אַ

דאַרשטיגער לעזער. נאָר מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט האָט ער זיך געהאַלטן צו זיין נאָענטסטן געביט — צום הומאָר. ער האָט געלייענט אַלע הומאָריסטן און סאַטיריקער פון דער וועלט־ליטעראַטור, פון סערוואַנטעס, סוויפט, דיקענס, גאָגאָל און שטשעדרין ביז מאַרק טווען, דזשעראָם ק. דזשעראָם און טשעכאָוו". ז. 188) צו די „פּראָפעסיאָנעלע" הומאָריסטן האָט ער געפילט אַ פאַראַכטונג. „דאָס זיינען בטבע טפּשים — פלעגט ער זאָגן — וואָס האָבן גענומען אויף זיך אַ „פּאָדריאַד" אויפ'ן גאַנצן לעבן צו חכמה'נען זיך" (ז. 189).

נאָך י. ד. בערקאָוויטש'עס אַריינפיר צו דער אָפּטיילונג „מיט דער משפּחה פון שריפטשטעלער", קומען בריוו, וואָס שלום עליכם האָט געשריבן אין פאַרשיידענע ציטן צו פאַרשיידענע אידישע שרייבער. זיי זיינען ניט גליך צו געוויינלאַכע שרייבערישע בריוו. עס איז ניטאָ אין זיי קיין „ליטעראַרישקייט". עס ווערן אָפט אָנגערירט שרייבערישע ענינים, אָבער דאָס זיינען ניט קיין אַבסטראַקטע „קינסטלערישע פּראָבלעמען". די אַלע דריי ווערטער — א ב ס ט ר א ק ט, ק י נ ס ט ל ע ר י ש, פּ ר אָ ב ל ע ם — זיינען ניט פון שלום עליכם'ס ווערטער־בוך. אים האָבן אין דער ליטעראַטור, ווי אין לעבן, אינטערעסירט ז א כ ן, — פאַקטן, פאַרבן, קלאַנגען, מענטשן, קינדער, איבערלעבונגען, קורץ, ממשות'דיגקייטן — ניט קיין חקירה'ס און סברא'ס. האָט ער צו פאַך־קאָלעגן געשריבן אַזוי ווי מען שרייבט צו געוויינטלאַכע פריינט און חברים. איז דאָ אין זיינע בריוו צו שרייבער די זעלביגע היימישקייט און שפּילעוודיגקייט, אויב ניט די זעלביגע צערטלאַכקייט, וואָס אין זיין פאַמיליע־קאָרעספּאָנדענץ. אָנגעצויגנקייט און פאַרמאַליטעטן האָט ער אין בריוו פונקט אַזוי פיינט געהאַט, ווי אין זיין ליטעראַרישן שאַפן. נאָר אין געציילטע פאַלן, ווען ער פילט זיך ניט פריי גענוג, ווי צום ביישפּיל, אין זיין ערשטן (רוסישן!) בריוו צו מענדעלע'ן, אָדער, אין זיין בריוו צו אַמפיטעאַטראָוו'ן, פּראָוועט ער צערעמאָניעס. בכלל ש פּ י ל ט ע ר ז י ך, ווען ער שרייבט בריוו, פונקט אַזוי — און נאָך מער —

ווי אין זיינע ווערק. ער שפּילט זיך און מאַכט „אינגלשע שטיק״ מיט זיינע קאָרעספּאָנדענטן, מיט זיך אַליין, מיט דער שפּראַך, מיט וואָס און מיט וועמען עס מאַכט זיך. ווען ער שרייבט אויף לשון קודש, לאָזט ער ניט דורך די געלעגנהייט אַ שטיף צו טאָן מיט דער פאַרצייטיגער מליצה. מען פילט, אַז עס איז געווען אין אים אַן אומענדליכער קוואַל פון קונדסעריי, וועלכע האָט געוואָלט, געמוזט זיך אויסלעבן. אין זיין שאַפן און אויך אין זיין טאָגטעגלאַכן לעבן, האָט ער נישט געקאָנט, ווי עס ווייזט, אויסברייינגען די גאַנצע שטיף־ און שפּיל־ענערגיע, וואָס האָט זיך כסדר געריסן פון זיין לאַבעדיגער נשמה און געשטראַלט פון זיינע שטיפערישע אויגן. האָט ער עס געטאָן אין זיין קאָרעספּאָנדענץ. אין זיינע פאַמיליע־בריוו האָט ער אויסגעגאָסן זיין צאַרטע פאָטערליקייט, אין זיינע בריוו צו פריינט און צו אומבאַקאַנטע אפילו — זיין קלוגע קינדישקייט.

די, וואָס האָבן אים ניט גוט געקענט, האָבן זיך אָפט גע־וואונדערט, וואָס ער האָט זיך פאַרנומען אויסצוגעבן אַזוי פיל צייט, טאַלאַנט און איינפאַלן, אויף בריוו צו ווילד־פרעמדע. זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז ס'איז געווען ביי אים קונסט צוליב קונסט, אַ מין ספּאָרט. זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז עס האָט אים פאַרשאַפט פרייד אָט דאָס שיטן מיט ווערטער און ווערט־לאַך אויפ'ן פּאַפּיר, אָט דאָס אויסברייינגען כאָטש אַ טייל פון די שפּיל־איצרות, וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

אפילו געשעפטסזאַכן האָט ער ליב געהאַט איינצואווינקלען אין „שקאַצערייען״ און פאַרפעפערן מיט איינפאַלן און וויצן. אָבער די גאָר אמת'ע — כ'וואָלט געזאָגט, קינסטלערישע — הנאה האָט ער געהאַט פון יענע בריוולאַך, וועלכע ער האָט געשריבן סתם אַזוי, אין דער וועלט אריין, אָן קיין שום פּראַק־טישע צילן. אין יענע בריוו איז ער באמת ווי אַ אינגל אַ קונדס, וואָס קיינער און קיין זאַך שטערט אים ניט צו מאַכן שטיק און אָפּטאָן שטוקעס. אין יענע בריוו זעען מיר אי דעם מענטשן אין שלום עליכם'ען, אי זיין געבענטשטע קונסט, — די ריינע קונסט פון ריינעם געלעכטער. אין יענע

בריוו איז ער ניט טביה, און אפילו, ניט מנחם מענדל, נאָר מאָטל פייסי דעם חזנ'ס אינגל.

פונדעסטוועגן וואָלט געווען אַ טעות צו טראַכטן, אַז לייע־נענדיק אָט די בריוו זיינע, האָבן מיר גאָר די פרייד פון שפּיל, די הנאה פון קינדישן געלעכטער. ניין, מיר לערנען אויך פיל פון דער „פריילאַכער" קאָרעספּאָנדענץ. מיר לערנען פון איר אַ סך זאַכן וועגן שלום עליכם'ען און דער גאַנצער משפחה שריפטשטעלער.

ס'איז אמת, אַז ש. ע. האָט קיינמאָל ניט אריינגעלאָזן זיך (סיידן אין די גאָר יונגע יאָרן) אין סתם אַזוי חקירה'ס און רעיונות. אָבער פאַרבייגייענדיק זאָגט ער ווערטלאַך און דריקט אויס געדאַנקען, וועלכע זיינען וויכטיג און כאַראַקטעריסטיש. צווישן איין וויץ און דעם אַנדערן שטראַלט־אויף שלום עליכם'ס אינעווייניגסטע באַציאונג צו מענטשן, זאַכן, ווערק. ער פירט ניט קיין „הויכע" ליטעראַרישע שמועסן מיט זיינע קאָרעס־פּאָנדענטן; זיינע בריוו צו „חשוב'ע קאָלעגן" זיינען פּונקט אַזוי פּראָסט און שטיפעריש, ווי זיין דורכשרייבן זיך מיט אידן פון אַ גאַנץ יאָר, אָבער טאַקע דערפאַר זיינען זיי פול מיט לע־בעדיגע קאָלירפולע איינצלהייטן. און דער אידישער קולטור־היסטאָריקער, ווי אויך דער איינפאַכער לעזער, וועט אין זיי דערפילן און שיעור ניט אָנטאַפּן דעם דופק פון דער עפּאָכע. דערהויפּט אָבער זיינען זיי אינטערעסאַנט פאַר די, וואָס ווילן קענען בעסער שלום עליכם'ען אליין. פאַר זיין פּסיכאָגראַפיע פאַרמאָגן זיי ממש אַן אוצר מיט מאַטעריאַל. די גרויס און דער ווערט פון דעם דאָזיגן אוצר וועט קלאָר ווערן ערשט דאַן, ווען זיין גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ וועט פאַרעפנטליכט ווערן. אָבער אפילו אין אָט די געקליבע בריוו זיינען דאָ אָן אַ שיעור שטעלן, וואָס כאַראַקטעריזירן שלום עליכם'ס געמיטס־צושטאַנד אין פאַרשיידענע צייטן און זיין קוק אויף כל'ערליי לעבנספראַגן און פּאַסירונגען....

עטלאַכע ביישפּילן.

אין יאָר 1902 אין אַ בריוו צו ספּעקטאָר'ן, שרייבט ער:

„...אך, דער זשארגאָן, דער זשארגאָן! מי יודע וואָס פאר א ראָליע ער וועט נאָך אמאָל שפּילן ביי אונזער פאָלק!" (ז. 196). אין א בריוו צו די אייזמאַנס, אין יאָר 1909, שרייבט ער: „...מע זאָגט אונז, אז דער זשארגאָן מוז אָפּשטארבן... די וואָס זאָגן פארגעסן, אפנים, אז זיי אליין מוזן אויך „אָפּ־שטארבן"... נאָך א מין אָפּשטארבן!" (ז. 229), און אין יאָר 1908, באלד נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ און נאָך זיין קראַנק־ווערן אין באַראַנאָוויטש, שרייבט ער צו ספּעק־טאָר'ן: „...אָפּגעבעטן זיך אויף א קורצער צייט (ביים מלאך המות), ביז איך וועל אָנשרייבן אלצדינג, וואָס איך האָב, באַ־ארבעטן עפּעס א פּאָר הונדערט סיוזשעטלאַך, וואָס באָמבלען זיך אין מוח, צורעכט מאַכן אלעס פריערדיגע, איבערטראָגן מיין גאַנצן ליטעראַרישן באַגאַזש פון „זשארגאָן" אין העברעאיש (פּונקט דער היפּוך פון דעם, וואָס אונזער גוטער נאַאיווער טאַ־לאַנטפולער אש האָט אונז געלאָזט הערן אין טשערנאָוויץ!) און נאָכדעם, אז איך וועל פארטיג ווערן מיט דעם אלעס, איז מהיכי תיתי, זייט־זשע מוחל, פּאני מלאך המות!" (ז. 231). מיר זעען, אז אין אים האָט געלעבט אי א טיפער גלויבן אין דער ראָליע, וואָס אידיש „וועט נאָך אמאָל שפּילן ביי אונזער פאָלק", אי א וואונש פאַראייביגט צו ווערן אין העברעאיש. אמאָל האָט זיך געשטאַרקט אין אים איין געפיל, אמאָל — דאָס צווייטע, און אָפטער נאָך זיינען זיי ביידע געווען אין אים וואָך.

ווי גרויס עס איז געווען זיין איבערגעבנקייט צו דער אי־דישער ליטעראַטור און צו דער אידישער פאָלקס־בילדונג קאָן מען זען ניט נאָר פון זיין אַרויסגעבערישער טעטיגקייט אין דער צייט פון דער „אידישער פאָלקסביבליאָטעק". מען קאָן עס זען אויך פון דעם קליינעם פאַקט, וואָס ער האָט זיך ניט געפוילט און ניט געשעמט זיך צו שרייבן אין „פריינד", ווען עס איז נויטיג געווען, פּשוט'ע קאָרעספּאָנדענציעס, גע'חתמ'עט „א בעל־מלאכה". (ז. 202).

פון דעם זעלביגן בריוו דערוויסן מיר זיך, אגב, אז ער

האָט ניט שטאַרק ליב געהאַט דעם האַרטן ליטווישן אידיש, כאָטש ער האָט גענומען פון אים, ווי פון אַלע אַנדערע אידישע דיאַלעקטן, וויפיל נאָר ער האָט געקענט... „הײנט די שפּראַך!", שרייבט ער וועגן אַ נייער אידישער צייטונג, וואָס האָט אָנגע־הויבן אַרויסצוגיין אין יאָר 1904, „די ליטוואַקעס, גוואַלד, זיינען ערגער פון די יאַפּאַנער! זיי האָבן זיך גענומען אויף אונזער „בידנעם" זשאַרגאָן, ווילן אים דערגיין די יאָרן!" (זייט 202).

אין אַ בריוו צו פרישמאַנ'ען פון ליבאַווע שרייבט ער (אין יאָר 1905): „איך אַגיטיר דאָ פאַר אונזער „בעל־מחשבות", מען זאָל אים אויסקלייבן פאַר ראַבינער אין ליבוי. איך האָב אים געשריבן קיין קאָוונע. שרייבט אים קיין אויסלאַנד. העלפט מיר צום שידוך — — — אַ רואיגע שטאָט, ענדיגט ער אויף זיין שטייגער, פון לויטער קעלבער, קורלענדער בהמות, פערד, טפשים גמורים!" (ז. 206). אָט די האַלב־ערנסטע, האַלב־וויציגע מיטטיילונג וועט צוניצקומען אי שלום עליכם'ס, אי בעל מחשבות'עס ביאָגראַף.

וואָס ביי שלום עליכם'ען האָט געהייסן „רוען", ניט שרייבן, דערוויסן מיר זיך פון אַ בריוו צו זיינע פריינד אין אָדעס — ראַווניצקי, ביאַליק און לעווינסקי, געשריבן אין יאָר 1907: „איך בין געקומען אהער (קיין געגף) רוען, אָבער וואָס רוען הייסט! און רוען ביי שלום עליכם'ען הייסט אָט וואָס: געקומען בין איך אהער שוין באַלד צוויי וואָכן, האָב איך פאַר די צוויי וואָכן ניט געטאָן גאָרנישט, נאָר אָנגעשריבן דריי דערציילונגען און אָוועקגעשיקט זיי אין „טאַגעבלאַט" אין אַמעריקע, געקאָ־פּירט פון זיי פאַר'ן „פריינד", מיט וועלכן איך האָב זיך אי־בערגעבעטן נאָך אין ניו יאָרק; דריי קליינע הומאָרעסקעס פאַר'ן „אַמעריקאַנער" — —; עפּעס אַ פּאָר טוץ בריוולאַך צעשיקט אויףביידע וועלטן און אביסל אַ שמעק געטאָן די בערג מיט די טייכלאַך פון דעם לאַנד" א. אז. וו. (ז. 217).

און טאָמער ווילט איר אַ שטיקל טביה דעם מילכיגן, לייענט איר אין אַ בריוו צו ספּעקטאָר'ן פון באַראַנאָוויטש, וואו שלום

עליכם איז געלעגן קראַנק אין יאָר 1908; „...הקיצור, ש. ע. לעבט און איז גרייט פאַרקאַטשען די אַרבל און זיך נעמען צו שרייבן מיט נייע פרישע כלים, איז אָבער דער דאָקטאָר — ניט געדאַכט זאָל ער ווערן! ער לאָזט ניט! און אגב, איז טאַקע קיין כח אויך ניטאָ. די פיס ווילן ניט גיין (שקצים!) די הענט ווילן אויך ניט פאָלגן (עזות־פּנים'ער!) און דער קאָפּ דרייט זיך (פּאָטעפּאַלנאָסט פון אַ קאָפּ!). און אַליין בין איך אויך עפּעס נישט מיט אַלעמען!" (ז. 223).

און ניט נאָר שרייבט ער אָפט אויפ'ן לשון פון זיינע פאַר־שווינען. ער אידענטיפיצירט זיך מיט זיי אינגאַנצן: „זאָגט אייך וואָס איר ווילט", שרייבט ער צו אַ אידישן זשורנאַ־ליסט, י. יאַמפּאָלסקי, אין קאַנאַדע, „קיין שונאים האָב איך ניט, ווייל איך בין קיינעם קיין שונא ניט, ווייל טביה איז אַ בעל בטחון און ווייל מנחם מענדל גלויבט דער גאַנצער וועלט". (ז. 227).

ניט נאָר זיך אַליין, אויך אַנדערע שרייבער כאַראַקטע־ריזירט ער אָפט אין זיינע בריוו דירעקט אָדער אינדירעקט. איך וועל נאָר ברענגען אַ פּאָר אגב־אורחא'דיגע בילדלאַך, וואָס ער מאָלט אויס פון דינעזאָנ'ען (אין אַ בריוו צו דינעזאָנ'ען אַליין) און פון פרישמאַנ'ען (טאַקע אין אַ בריוו צו פרישמאַנ'ען): „...אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער, אַ ווייסלאַכער, מיט קליינע, נאָר ר י י נ ע הענטלאַך, מיט אַ קליין ווייסלאַך בערדעלע — געווען אַמאָל רויטלאַך — מיט גוטינקע, שטענדיג שמייכלענ־דיגע, אַפילו בעת ער וויינט, אויגעלאַך, שטענדיג ריין, תמיד טשעפּקע אָנגעטאָן, די קליינינקע שטיוועלאַך גלאַנצן, פּאַפּי־ראָסלאַך רויכערט ער אייגענע, מיט די קליינע פינגערלאַך גע־דרייטע, טיי טרינקט ער אייגענע, אַליין פון זיין טשייניקל פאַרקאָכטע, און אויף דעם שטענדיג אַלצאיינעם ביינקל זיצט ער, ביים טיש, וואו עס ליגן פאַרבאָרגן, מיט אַ זעלטענער אָרד־נונג, תמיד פרעמדע סודות, פרעמדע צרות, פרעמדע ווייטאָגן, אין וועלכע ער האָט אַ שטיק פון זיין אומגעוויינלאַך גרויסן האַרץ אַוועקגעגעבן — און הייסט דער דאָזיגער גוטער

דיאַריאַ: דיאַריאַ דינעזאַן...״ (ז. 231). אין אַ בריוו צו פּריש־מאַן׳ען, אין אַן „עיקר שכחתי״, וואו עס איז באמת געווען אָפּט דער עיקר בריוו, שרייבט ער: „חס ושלום, איר זאָלט ענטפערן אויף אַ בריוו! למאי זאָלט איר ענטפערן? פאַר־שטופּט דאָס מויל מיט אַ גוטן ציגאַר, נעמט צונויף די ברעמען, ווי אַ מיזאַנטראָפּ, אַ סקעפּטיקער, מאַכט צורעכט אַלע מינוט די פּענסנע, וואָס ווילן זיך ניט האַלטן אויף אייער אידיש־פראַנצויזישער נאָז, שפּאַצירט אַרום מיט די הענט אין די קע־שענעס הין און צוריק איבער׳ן נישט־אויפגעראַמטן קאַבינעט, וואַלגערט זיך אויף דער ווייכער סאָפע, רעדט מיט׳ן ווייב דברים בטלים און שפּילט זיך מיט די קינדער (אָדער פאַרקערט), נאָר שרייבן אַ גוטן פריינט, ענטפערן אויף דריי בריוולאַך כאָטש איינמאָל — דאָס לאָזן אַנדערע, ניט פּרישמאַן, וואָרים פּריש־מאַן איז אַזוי אַפילו זיך אַ רעאַליסט, אַ הומאָריסט, אַ כל־בו׳ניק, אַ ימח־שמו׳ניק און וואָס איר ווילט, נאָר קומט צו אַ בריוול אָנשרייבן — איז ער אַ פּאַעט און עס פעלט אים שטימונג...״ (ז. 238).

שלום עליכם׳ען האָט קיינמאָל, דאַכט זיך מיר, ניט גע־פעלט קיין שטימונג צו שרייבן בריוו, און וואָס אונז בלייבט איבער צו טאָן, איז — ל י י ע נ ע ן ז י י! לייענען זיי אַליין, לייענען זיי פאַר אַנדערע — און הנאה האָבן.

עס איז, אייגנטלאַך, אַ זינד צו גריבלען זיך אין אָט די בריוו, אין אָט די קונסטווערק, און זוכן אין זיי ביאָגראַפישן, קולטור־היסטאָרישן און כ׳וויים נאָך וואָסער מאַטעריאַל. עס איז אַזוי ווי שפּילן זיך מיט אַ קינד און מאַכן דערביי וויסנ־שאַפטלאַך־פּסיכאָלאָגישע פאָרשונגען. עס איז אַזוי ווי מעסטן דעם ניאַגאַראַ וואַסער־פאַל מיט דער מאָס פון זיין נוצלאַכקייט פאַר דער אינדוסטריע. ביים ניאַגאַראַ וואַסער־פאַל שטייט מען און מען קוקט, און מען קוקט. מיט קינדער שפּילט מען זיך. שלום עליכם׳ס בריוו לייענט מען. און מער גאָרנישט.

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע אָפּטיילונגען אין „שלום עליכם בוך״ איז — „ביים וואָרשטאַט״.

מיר זעען, געוויינטלאך, דעם שרייבער׳ס פארטיגע שאפונ־גען. ס׳איז אָבער וויכטיג צו קענען אויך דעם פּראָצעס פון זיין שאפן. ס׳איז וויכטיג צו וויסן, ווי, אויף וואָס פאר א וועג, נאָך וואָס פאר א בלאָנדזשענישן, דער קינסטלער איז געקומען צו זיין ציל.

באזונדערס אינטערעסאנט זיינען דעם דיכטער׳ס ערשטע שריט. אמאָל ווייזן זיי אונז, וואָס ער האָט געהאט אין זיך פון אָנהויב אָן. אמאָל, פארקערט, דערווייסן מיר זיך פון זיי, וואָס ער האָט גענדארפט אוועקווארפן אָדער אויסמיידן, כדי צו ווערן, וואָס ער איז געוואָרן.

וועגן שלום עליכם׳ס ערשטע שריט אין דער ליטעראטור, ווי אויך וועגן דער שייכות, וואָס ער האָט געהאט צו דעם עצם־ענין שרייבן, נאָך איידער ער איז געוואָרן א שרייבער, האָב איך שוין פריער געשריבן. דאָ וויל איך זיך אָפּשטעלן אויף אייניגע פּרטים אין י. ד. בערקאָוויטש׳עס אריינפיר־ארטיקל.

י. ד. בערקאָוויטש באשטעטיגט די סתירה, וואָס איז גע־ווען אין די ערשטע יאָרן, צווישן שלום עליכם שבעל פּה און שלום עליכם שבכתב, — די סתירה, אויף וועלכער איך האָב שוין פריער אָנגעוויזן. אין לעבן האָט שלום עליכם שוין לאנג באנוצט זיין גאָלדענעם געווער — דעם הומאָר, אָבער אין דער ליטעראטור האָט ער זיך יאָרנלאנג ארומגעטראָגן מיט דעם הילצערנעם שווערדל פון מוסר־זאָגעריי און השכלה, ביז ער איז געוואָרן, וואָס ער איז. דאָס שווערדל האָט אים אזוי ניט געקליידט. צו־וואָס האָט ער עס ארויפגעשלעפּט אויף זיך? ווייל ער האָט געשריבן אין אָנהויב רוסיש און העברעאיש — צוויי לשונות, וואָס האָבן אים נישט געלאָזן שפּילן זיך — „ערנ־סטע" לשונות? אָבער ער איז אויך אין אידיש די ערשטע פּאָר יאָר געווען שטארק אָנגעצויגן. זיך נישט פארגונען צו שרייבן, ווי אים האָט זיך טיף אין הארצן געוואָלט שרייבן.

פארוואָס האָט ער זיך עס נישט פארגונען?

י. ד. בערקאָוויטש מיינט, אז ער האָט זיך, מעשה אינגל, געוואָלט אויספיינען פאר די ארומיגע משכילים און דערהויפּט

פאַר זיין פּאַטער. ער האָט זיי געוואָלט ווייזן, וואָס פאַר אַ סטאַטעק ער איז. זאָלן זיי ניט מיינען, אַז ער קאָן נאָר זיין אַ שטיפער, אַ קונדס. אָבער נישט נאָר דאָס אַליין. די גאַנצע אידישע און העברעאישע ליטעראַטור איז דאַן נאָך ניט געווען מסוגל אויפצונעמען שלום עליכם'ס לייכטן און פריי־לאַכן סאָרט שרייבן. מען האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען, אַ ז לאַכן איז געזונט. מען האָט געמיינט, אַז די מיסיע פון אַ שרייבער איז אָפּצולאַכן פון דעם אָנגענומענעם לעבנס־שטייגער, ניט סתם אַזוי לאַכן. דאָס האָט, אייגנטלאַך, שלום עליכם ערשט געדאַרפט געבן דער אידישער ליטעראַטור אַ היתר אויף דער קונסט פון ריינעם הומאָר. און פריער ווי אַלץ האָט ער אַליין געדאַרפט קריגן פון זיך דעם היתר. האָט עס געדויערט.

עס האָט געדויערט ווען ער האָט שוין געשריבן אפילו אידיש — ניט דוקא העברעאיש אָדער רוסיש — ביז ער האָט גע־קראָגן דעם מוט צו זיין דאָס, וואָס ער איז געווען — אַ קינסט־לער — אַ הומאָריסט. אין אָנהויב האָט ער אויך אויף דער פאָלקס־שפּראַך געשריבן ווי אַ משכיל, און עס וואונדערט מיך. וואָס י. ד. בערקאָוויטש זאָגט, אַז „די ערשטע טריט אין אידיש האָט שלום עליכם געמאַכט אָן קיין שום זייטיגע, אי־דייאישע כונות און טענדענצן". (ז. 318). ניין, זיינע ערשטע טריט זיינען געווען די טריט פון אַ השכלה־שרייבער. ער האָט אַ היבשע צייט. ווי בערקאָוויטש גיט־צו, געבלאָנדזשעט, ביז ער איז אַרויף אויפ'ן ריכטיגן וועג, ד. ה., אויף זיין איי־גענעם וועג.*)

און ווען ער איז שוין געגאַנגען אויף זיין אייגענעם וועג, איז אים אויך דער גאַנג ניט אָנגעקומען אַזוי לייכט, ווי מען מיינט.

ער האָט זיך, אמת, ניט גענויטיגט, כדי צו שרייבן, „אין סטימולירנדיגע מיטלען, אין אָפּגעצאַמטקייט, אין התבודדות, אין באַשטימטע שטונדן". „ער האָט", לויט בערקאָוויטש'עס מיט־

*) זע פריער „די ערשטע טריט".

טיילונג, „געקאָנט שרייבן צו יעדער צייט פון טאָג און נאַכט און אומעטום — וואו עס האָט זיך נאָר געמאַכט — אפילו „אויף אַ לאָקשנברעט אָדער אויף אַ טעצל פון אַ סאַמאָוואַר, אָדער אויף אַ דנאָ פון אַ פעסל, אָדער גאָר זיצנדיג אויפ'ן טראַמוואַי" (פון זיינעם אַ בריוו צו ביאַליק'ן און ראַווניצקי'ן). גאַנץ אָפט פלעגט ער שרייבן גייענדיג. די בעסטע קאַפּיטלען פון „מאָטל פּייסי דעם חזנ'ס" זיינען פון אים געשריבן געוואָרן אויפ'ן שפּאַציר איבער די שטילע זשענעווער גאַסן און שטאָט-גערטנער, אין באַגלייטונג פון זיינע קינדער". (ז. 320). דאָס איז אַלץ אמת. אָבער דאָס הייסט ניט, אַז דאָס שרייבן האָט אים ניט געקאָסט קיין מי. ער האָט שווער געאַרבעט, ביז זיין סטיל איז געוואָרן אַזוי לייכט, ווי ער איז. „ער פלעגט שרייבן זייער שנעל", דערציילט י. ד. בערקאָוויטש. אָבער דאָס געשריבענע פלעגט ער נאָך דעם „שטאַרק באַאַרבעטן, אויס-מעקן שורות און אָנשרייבן פון אויבן אַנדערע, אַריינפלעכטן ווערטער, אויסרייסן אָנגעשריבענע בלעטלאַך און צושרייבן נייע". (ז. 324). „גאַנץ אָפט פלעגט ער פאַר זיין אַרבעט האַלטן אַן איבערשרייבער, דערהויפּט, ווען ער האָט געשריבן גרעסערע זאַכן, אָדער מיטגעאַרבעט רעגולמעסיג אין אַ ציימונג, ביי וויכ-טיגע ווערק איז דעם איבערשרייבער אויסגעקומען, צוליב די אויסבעסערונגען און באַאַרבעטונגען, איין זאַך איבערצושרייבן עט-לאַכע מאָל. און ערשט נאָך דעם, אַז די זאַך איז שוין געווען אַוועקגעשיקט אין דער רעדאַקציע אַריין, פלעגט שלום עליכם זיך נעמען זיפּן די קאָפּיע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט פאַר זיך, אויסזוכן נייע סטיליסטישע אָדער וועזנטלאַכע חסרונות און פאַרשיקן די רעדאַקציע מיט בריוו און טעלעגראַמעס וועגן תיקונים אינ'ם מאַנוסקריפּט, איידער עס גייט אין דרוק" (דאָרט). ניט איין מאָל האָט ער איינגאַנצן צעריסן אַ ווערק, נאָך דעם, ווי ער האָט עס אָנגעשריבן און עס איז אים ניט געפעלן גע-וואָרן. אַזוי האָט ער פאַרברענט גאַנצע דריי טעאַטער-שטיק: „דוד בן דוד", „דאָס נייע לעבן" און „וואוהין". (ז. 319). די ווערק, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן, האָבן אים אויך, ניט שטענ-

דיג, צופרידנגעשטעלט. ער פלעגט זיי אָפט איבעראַרבעטן. „דערהויפּט איז ער געווען לייכט אויף מעקן", זאָגט בערקאָוויטש. „פון מנחם מענדל'ס בריוו, ווי זיי זיינען געדרוקט געוואָרן צום ערשטן אין די צייטונגען, האָט ער אַרויסגעוואָרפן כמעט אַ העלפט, און דאָס, וואָס איז פאַרבליבן, האָט ער שטאַרק איבערגעליטערט; שיינע שיינדל איז אין דער צווייטער אויפלאַגע אַרויסגעקומען מילדער, איינגעהאַלטענער. איר שפּראַך איז פאַרווייכט געוואָרן, אירע קללות זיינען רעדוצירט געוואָרן ביז צום מינימום און האָבן באַקומען אַ נייעם ניואַנס — אַ ריין הומאָריסטישן. „דער מבול" (וואָס ער האָט איבערגעאַרבעט אונטער'ן נאָמען „אין שטורם") איז אינגאַנצן אָפּגערייניגט געוואָרן פון זיין צייטונגס פּסולות; פאַרבליבן איז נאָר דער דערציילערישער עלעמענט א. אז. וו." (ז. 322). ווי יעדער אמת'ער טאַלאַנט, האָט זיך שלום עליכם ניט פאַרלאָזן נאָר אויפ'ן טאַלאַנט אליין; ער האָט געאַרבעט. דאָס שאַפן איז ניט געווען פאַר אים קיין שפּיל. כאָטש עס איז געווען אין דעם אַזוי פיל שפּילעוודיגס. עס איז אים ניט לייכט אָנגעקומען — און אפשר דערפאַר טאַקע האָט ער פאַרמאָגט אַזאַ — געבענטשטע — לייכטקייט!

די זעלבסטקריטיק וואָס שלום עליכם האָט פאַרמאָגט, און די כסדר'דיגע ליטערונג און שלייפונג פון זיינע ווערק, האָבן, ווי געזאָגט, גורם געווען, אַז ניט אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, זאָל ווערן געדרוקט. זייטלאַך און גאַנצע קאַפּיטלאַך זיינען אָפּט אַרויסגענומען געוואָרן פון אַ ווערק — און געבליבן ליגן. איינציגע זאַכן זיינען אָנגעהויבן — און ניט געענדיגט געוואָרן. אַנדערע ווערק האָבן געהאַט עטלאַכע וואַריאַנטן — און געדרוקט געוואָרן איז נאָר איינער פון זיי. עס זיינען אויך דאָ זאַכן, וואָס זיינען ניט פאַרעפנטלאַכט געוואָרן צוליב סיבות, וואָס האָבן זיך ניט געווענדט אָנ'ם שרייבער. אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעקליבן אין אַרכיוו פון שלום עליכם'ען אַ היבש ביסל ניט־געדרוקטע כתבים. אַ טייל פון זיי איז פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אין דעם „שלום עליכם בוך" אונטער דעם נאָמען:

„פון שלום עליכם'ס ליטעראַרישן איבערבלייב", און מען קאָן זיי איינטיילן אין צוויי גרופּעס: אַזוינע, וואָס זיינען אינטע־רעסאַנט אויך פאַר דעם געוויינטלאַכן לעזער און אַזוינע, וואָס זייער הויפּט־אינטערעס איז אַ היסטאָרישער. צו די לעצטע געהערן די זאַכן, וואָס שלום עליכם האָט געשריבן, ווען ער איז געווען נאָך אַן אָנפאַנגער. זיי שטאַמען אַלע פון דעם יאָר 1884 און באַשטעטיגן, וואָס איז פריער געזאָגט געוואָרן וועגן די ערשטע שריט פון אונזער הומאָריסט. נאָר אין איין זאַך — אין דעם אַ ר יי נ פ י ר צו דעם עסקיז „פריער און אַצינד" — איז דאָ אַן אָנצוהערעניש אויף דעם שפּעטערדיגן, דעם ש ל ו ם ע ל י כ ם'ד י ג ן שלום עליכם'ען.

צווישן די „איבערגעבליבענע" זאַכן, וואָס שלום עליכם האָט געשריבן, ווען ער איז געווען שוין אַ רייפער קינסטלער, איז באַזונדער וויכטיג דער אָנהויב פון דער סעריע פּעליעטאָ־נען „צווישן מתים". די פּעליעטאָנען אויף דער דאָזיגער אָרי־גינעלער טעמע האָט ער געוועזן „פּאָרטראַכט", ווי י. ד. בער־קאָוויטש דערציילט, „נאָכדעם ווי עס איז געווען געדרוקט אינ'ם „יוד" זיין „גאַנץ בערדיטשעוו". עס האָבן זיך דאַן געפונען שרייבער, וועלכע האָבן זיך אָנגענומען — אין „המליץ" — פאַר דעם כבוד פון בערדיטשעוו. האָט שלום עליכם מיט אַט דער נייער סעריע פעליעטאָנען געוואָלט ענטפערן, אַז אויב מען טאָר ניט לאַכן פון לעבעדיגע, וועט ער „זיך מוזן דרייען צווישן די טויטע". דערווייל, אָבער, האָט ער אויסגעלאַכט די, וואָס מיינען, אַז מען טאָר נישט לאַכן, ווען מען האַלט די פּען אין האַנט, און, אגב אורחא, האָט ער אונז דערציילט, וואָס איז געווען דאָס לאַכן פאַר אים אַליין. „אין דער לעצטער צייט", שרייבט ער, „האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן אין די אידישע בלעטער מענטשלאַך, וואָס קאָנען קיין עולה'ס ניט ליידן, און האָבן אָנגעהויבן צו זאָגן מוסר, אַז עס איז ניט שיין פאַר אידן, עס פּאַסט ניט, אַז אידן זאָלן לאַכן. אידן באַדאַרפן וויינען. וואָס איז דאָס פאַר אַן עובדא, זאָגן זיי, אַ אידישער שרייבער זאָל האַלטן אין איין לאַכן? פון יעהופּעץ

געלאכט, פון בערדיטשעווו געלאכט, פון בויבעריק געלאכט — טאמער ווייסט איר, וואס איז דאס געלעכטער? עמך ישראל צריכין פרנסה, זאגן זיי, אידן נעבאך זוכן פרנסה, און ער, שלום עליכם, איז פרייליך — אפנים עס גייט אים אפ קאפ־וויטאג!... ליבער פריינד! לאז דאס אונז בײדן צוקומען, וואס מיר פעלט. נאר איך שווער אייך בנאמנות — למאי זאל איך לייקענען? — ס'איז ביי מיר, ניט פאר אייך געדאכט, אזא חולאת פון קינדהייט אן — עס לאכט זיך, איך בין ניט שולדיג! די מזל'דיגע יאר זאל איך האבן, וויפל פעטש איך האב געכאפט דערפאר פונ'ם טאטן, פון דער מאמע'ן און פונ'ם רבי'ן. איז אויף מיר אנגעפאלן דער געלעכטער, האט ניט געהאלפן קיין שמע ישראל; וואס מער מ'האט מיך געשלאגן, אזוי מער האב איך געלאכט"... (ז. 332). דאס לאכן איז געווען ביי אים א „חולאת".

די עטלאכע פראבעס פון פרייע תנ"ך איבערזעצונגען, וואס זיינען פארעפענטלאכט געווארן אין שלום עליכם־בוך, זיינען וויכטיג פאר'ן שטודיום פון שלום עליכם'ס אידיש און — זיין באציאונג צו אידיש. ער האט (אויך נאך דער טשערנאוויצער קאנפערענץ!) געהאלטן, אז אידיש איז און בלייבט א פאלקס־שפראך, ד. ה., א שפראך, וואס טאר צוליב קיין שום ציל ניט (און אויך ניט צוליב דער איבערזעצונג פון תנ"ך) אויפהערן צו זיין ענלאך צו דעם גערעדטן אידיש, צום אידיש שבעל פה, דערפאר האט ער, האלב שפאסיג (און האלב ערנסט!) איבערגעזעצט „הבל הבלים" — ב ל א ט ע ש ב ב ל א ט ע און „שחורה אני ונאות" — ש װ א ר ץ ב י ן א י ך, א י א? א ב ע ר ש י י ן א. ד. ג.

פון י. ד. בערקאוויטש'עס א באמערקונג אין דער אפטיילונג „ביים ווארשטאט" דערוויסן מיר זיך, אז אייניגע זאכן זיינע האט שלום עליכם פריער דערציילט אויסנווייניג, אויף פארלעזונגען, און דערנאך זיי אנגעשריבן. דאס איז זייער אן אינטערעסאנטע מיטטיילונג פאר די, וואס ווען זיך נעמען

אויספאָרשן דעם אימפּראָוויזאַטאָרישען עלעמענט אין שלום עליכם׳ס שאַפן.

פאַר דעם שפּילער, דעם שטיפער, דעם קונדס אין שלום עליכם׳ען (איינעם פון די וויכטיגסטע שטריכן אין זיין לעבן און אין זיין שאַפן) זיינען זער כאַראַקטעריסטיש די מעשיות וועגן שלום עליכם׳ען, וועלכער עס דערציילט צום סוף בוך י. ד. בערקאָוויטש. אין די דאָזיגע מעשיות, ווי אין די בריוו שלום עליכם׳ס, זעט מען, ווי ליב ער האָט געהאַט צו מאַכן אנשטעלן און צו פּראָווען אינגלשע שטיק. מען זעט, אַז עס איז געווען אין אים אַן אומאויסשעפּלאַכער קוואַל פון קינדישקייט און שטיפערישקייט...

אויב דאָס לעבן איז ניט שטענדיג געווען פאַר אים אַ שפּיל, איז דאָס שפּיל ביי אים געווען — לעבן!

5. שלום־עליכם דער בריוו שרייבער.

ווען שלום עליכם'ס בריוו האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן אין ניו יאָרקער „טאָג", אין יאָר 1923, זיינען זיי פאַר'ן ברייטן עולם געווען אַ נייס, אַן אומגעריכטע מתנה.

ביי אונז איז נאָך בכלל ניט פאַרשפּרייט דער מנהג צו פאַרעפנטלאַכן די פּריוואַטע קאָרעספּאָנדענץ פון שרייבער. עס איז ניט אָנגענומען צו דרוקן פּריוואַטע בריוו פון מענטשן, וואָס לעבן נאָך, און ביז'ן קריג זיינען דאָך כמעט אַלע עלטערע פאַרשטייער פון דער נייער אידישער ליטעראַטור, כמעט אַלע „קלאַסיקער" אירע — געווען מיט אונז. אין אָדעס האָט מענדעלע'ס ליכט שטיל און זיכער געלויכטן, אין וואַרשע האָבן געברענט די אומרואיקע פייערלאַך פון פּרץ'עס גרויסע, הייסע אויגן, אין ניו יאָרק האָט געשוועבט די ליכטיגע, גאָט־געבענטשטע לייכטקייט פון שלום עליכם'ס שמייכלען, לאַכן. ליניעצקי, דער „בייזער" פעטער פון דער אידישער ליטעראַטור, האָט געברומט און געשאָלטן ערגעץ־וואו אין אַ ווינקל פון אָדעס, עס האָט נאָך געלעבט דער גוטער פעטער דינעזאָן. עס איז געלעגן אויפ'ן קראַנקן־בעט פרוג. די יונגטלאַכע ענערגיע פון דעם שוין גרויען אַנ — סקי האָט נאָך געברויזט... עס איז ניט געווען נאָך כמעט קיין ליטעראַרישער בית־עולם: האָבן ניט געקאָנט זיין קיין געדרוקטע בריוו — אָט די בית־הקברות־בלומען פון יעדער ליטעראַטור.

ערשט אין די לעצטע עטלאַכע יאָר, ווען פירערס פון גאַנצע ליטעראַרישע דורות זיינען, איינע נאָך די אַנדערע, אוועק פון דער וועלט — האָבן זיך גענומען ווייזן בריוו פון אידישע

שרייבער אויף דער ליטעראַטור-שיין. און דער ערשטער, וואָס האָט זוכה געווען, אַז גאַנצע סעריעס בריוו זיינע זאָלן פאַר-עפנטלעכט ווערן באַלד נאָך זיין טויט, איז געווען שלום עליכם. די בריוו זיינען געדרוקט געווען אין אַ זאַמלבוך „צום אָנדענק פון שלום עליכם" (רעדאַקטירט פון י. צינבערג און ש. ניגער, אַרויסגעגעבן פון דער געזעלשאַפט פאַר אידישער ליטעראַטור און קונסט, פּעטראָגראַד, 1917).

דאָס זאַמלבוך איז, אָבער, נישט נאָר אויף יענער זייט גרעניץ פון רוסלאַנד געבליבן אומבאַקאַנט, אויך אין רוסלאַנד גופא איז עס, מחמת די שווערע פּאָסט- און אייזנבאַן-באַדינ-גונגען נאָך דער רעוואָלוציע, ניט פאַרשפּרייט געוואָרן. אַזוי, אַז דאָס אָנהויבן דרוקן די בריוו פון שלום עליכם'ען אין „טאָג" איז באמת געווען אַ נייס פאַר'ן ברייטן עולם לעזער.

פאַר'ן ב ר י י ט ן עולם, אָבער נישט פאַר יחידים. י ח י ד י ם זיינען שוין לאַנג געווען באַקאַנט מיט'ן כאַראַקטער פון שלום עליכם'ס קאָרעספּאָנדענץ. זיי האָבן שוין לאַנג געקוויקט זיך מיט זיינע אָפענע, אָדער פאַרמאַכטע, בריוולאַך, מיט זייער קונציגער שפּראַך, מיט זייערע וויציגע איינפאַלן, מיט זייערע „עיקר שכחתי'ס". וואו האָבן זיי גענומען די בריוולאַך צו לייענען? זיי זיינען דאָך ערגעץ ניט פאַרעפנטלעכט געווען? דער תירוץ איז: זיי האָבן אליין די בריוו געקראָגן פון שלום עליכם'ען. עס איז זיי ניט שווער אָנגעקומען. עס איז געווען גענוג אָנצושרייבן דעם באַליבטן שרייבער אַ פּאָר ווערטער און פאַראינטערעסירן אים מיט עפּעס, — כדי צו פאַרפירן מיט אים אַ קאָרעספּאָנדענץ. ער האָט קיין איין בריוו נישט געלאָזן אָן אַן ענטפער. אָפט פלעגט ער זיינע קאָרעספּאָנדענטן ממש פאַרשיטן מיט תשובה'ס און מיט פראַגן, ער איז ניט געווען קאַרג אויף אַ וואָרט. זיינס אַ פּאָסטקאַרטל אָדער אַ בויגעלע פּאַפּיר איז ניט נאָר געדיכט פאַרשריבן פון אויבן ביז אַראָפּ מיט זיין געדיכטן קלאָרן כתב; עס איז פול מיט צושריפטן און באַמערקונגען אויך ביי די זייטן פון טעקסט. און אָט אַזעל-כע, מיט קליינע, האַלב-פאַרקייטלעכדיגטע, אותיות אָנגעפּיקעווע-

טע בריוו, זיינען דאָ צ ע נ ד ל י ג ע ר ביי די, וואָס האָבן קאָ־רעספּאָנדירט מיט אונזער גרויסן הומאָריסט.

ביי מיר אַליין איז דאָ אַ גאַנץ ארכיוול פון שלום עליכם׳ס פאַרשיידענע בריוו, כאָטש די פּעריאָדן פון אונזער דורכשרייבן זיך, זיינען געווען גאַנץ קורצע. היינט וואָס איז שווין צו ריידן וועגן יענע, וואָס זיינען געשטאַנען מיט אים אין שריפט־לאַכער פאַרבינדונג אַ לענגערע צייט? און ווער האָט דען ניט געפירט מיט אים קיין קאָרעספּאָנדענץ?

מ. ספּעקטאָר, שלום עליכם׳ס לעבנסלאַנגער, פּערזענלאַכער און ליטעראַרישער פריינט, שרייבט אין זיין „קאַפּיטל זכרונות" (אין דעם דערמאָנטן זאַמלבוך): „שלום עליכם איז דער איינ־ציגער אידישער שריפטשטעלער, וואָס יעדער אידישער שרייבער און אפילו יעדער אידישער לעזער קאָן וועגן אים שרייבן זכרונות, וויל שלום עליכם האָט ליב געהאַט זיך איבערצושרייבן ניט נאָר מיט אַלע גרעסערע און קלענערע שרייבער, נאָר אויך מיט די אידישע לעזער"... „און איך בין זיכער", שרייבט ער ווייִ־טער, „אַז ווען עס זאָל מעגלאַך זיין צונויפקלייבן אַלע זיינע בריוו און אַרויסגעבן, וועלן צוקומען נאָך נייע צוואַנציג בענד, וואָס וועלן האָבן, אפשר, ניט קיין קלענערן ליטעראַרישן ווערט, ווי זיינע ווערק".

צום ליטעראַרישן ווערט פון די בריוו וועלן מיר זיך אומ־קערן. איך האָב געוואָלט דערוויל אָנווייזן נאָר אויף דער גרויסער צאָל און דער פאַרשיידנאַרטיגקייט פון זיינע קאָרעס־פּאָנדענטן. זייער צאָל און זייער פאַרשיידנאַרטיגקייט איז גע־ווען גרויס נישט נאָר אין דער צייט, ווען שלום עליכם איז געווען שוין זייער באַרימט, און ער איז, ווי אַלע באַרימטע שריי־בער, פאַרוואָרפן געוואָרן מיט בריוו. ער איז געווען אַ פליי־סיגער, כ׳וואָלט זאָגן, אַ ליידנשאַפטלאַכער בריוו־שרייבער, שוין נאָר אין די יונגע יאָרן. אַן עדות איז י. ח. ראַווניצקי. אין זיינע זכרונות (אין דעם ציטירטן זאַמלבוך) וועגן די ערשטע יאָרן פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט שלום עליכם׳ען, וואָס דאָס איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון די אַ כ צ י ג ע ר יאָרן,

שרייבט ער: „...קיינער, דאַכט זיך, האָט ניט געשריבן אויף זיין לעבן אַזוי פיל בריוו און מיט אַזאַ שטענדיגן גרויסן חשק. ער איז קיינעם קיינמאָל ניט שולדיג געבליבן קיין ענטפער, ער פלעגט נישט זיצן און וואַרטן, ביז יענער וועט זיך אַמאָל דערמאָנען אים ענטפערן, ער האָט געמינטערט, געוועקט, גע־שריבן נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל. „ואני — און איך שלום עליכם, — שרייבט ער מיר גאָר אין די יונגע יאָרן, — טו ניט אַזוי, ווי אַנדערע: איך ענטפער באַלד די רגע". און אין אַן אַנדער בריוו: „איר האָט נאָך באמת טענות צו מיר? סטייטש, עס קומט דאָך מיר פון אייך אפשר פערצן בריוו! און אפשר האָב איך אַ טעות?" און נאָך אין אַ בריוו: „דריי, פיר, פינף, זעקס בריוו אַלע טאָג צו דער וועלט — דאָס איז דאָך ביי מיר אַ מנהג פון קדמונים."

און אויב עס זיינען דאָ אַ סך מענטשן, וואָס האָבן באַ־קומען בריוו פון שלום עליכם'ען, איז נאָך גרעסער די צאָל פון די, וואָס האָבן זיי געלייענט. וואָרים געלייענט געוואָרן איז שלום עליכם'ס קאָרעספּאָנדענץ נישט נאָר פון די, צו וועמען זי איז אַדרעסירט געווען. אַלע נאָענטע, פריינד און סתם באַקאַנטע פון די אַדרעסאַטן האָבן זיך געקוויקט מיט איר. מיר זיינען באַקאַנט פאַלן, ווען שלום עליכם'ס בריוו (פאַר־שטייט זיך, אַזעלכע, וואָס האָבן ניט געהאַט אין זיך קיין „סעקרעטן") זיינען געלייענט געוואָרן איינמאָל און נאָך אַמאָל פאַר גאַנצע רעדלאַך מענטשן, אַזוי ווי דאָס וואָלטן געווען ניט קיין פּריוואַטע בריוו, נאָר אַ געדרוקטע ווערק.

בכלל איז ניט אָנגענומען — און ס'איז ניט רעכט — צו צייגן זייטיגע מענטשן בריוו, וואָס מען באַקומט פון אַ פּריוואַטער פּערזאָן. אָבער שלום עליכם'ס קאָרעספּאָנדענטן זיינען געשטעלט געווען אָפט ביי אַ נסיון, און זעלטן ווער פון זיי האָט געקאָנט ביישטיין ביי אָט דעם נסיון. זעלטן ווער פון זיי האָט זיך געקענט איינהאַלטן ניט פאַרצולייענען שלום עליכם'ס אַ פרישן בריוו פאַר נאָענטע און באַקאַנטע. מען האָט געמוזט טיילן דעם פאַרגעניגן מיט אַנדערע. אַזוי ווי

ווען מען הערט א גוטן וויץ: עס ווילט זיך אים איבערדערציילן; מען האט הנאה פון הערן אדער דערציילן אים נאך אמאל און נאך אמאל.

אזוי, אז שלום עליכם'ס בריוו האבן געהאט א היבשע צאל לעזער, ווען זיי זיינען געווען נאך דורכאויס אין מאנוסקריפט. זיי זיינען געווארן א טייל פון זיין ליטערארישן שאפן, נאך איידער מען האט זיי אנגעהויבן צו פארעפנטלאכן.

נאך מער: זיי זיינען אין א געוויסן פאל געווען דער ער־שטער באוויז, אז זייער פארפאסער איז א טאלאנטפולער שרייבער. אזוי דערציילט אונז מ. ספעקטאר אין זיינע עראינע־רונגען, אז אויף אים האבן די ערשטע דערציילונגען, וואס שלום עליכם האט אין יאר 1883 דעביוטירט מיט זיי אין „אידישן פאלקסבלאט", נישט געמאכט קיין באזונדערן איינדרוק, און נאר דאן, ווען ער האט געלייענט זיין ערשטן בריוו צו אים, האט ער דערזען פאר זיך „א נייעם גרויסן אידישן טא־לאנט, א הומאריסט פון דער ערשטער מדרגה". אין זיין בריוו האט שלום עליכם געבעטן זיין יונגן חבר ספעקטאר, ער זאל אים „זאגן מבינות אויף זיינע צוויי ערשטע דערציילונגען". „איך האב אים געענטפערט", שרייבט מ. ספעקטאר, „אז דאס בעסטע ווערק זיינס איז זיין בריוו צו מיר — — — אליץ איז אין דעם בריוו געמאלט מיט א האנט פון א קינסטלער און דערצו מיט אזוי פיל הומאר. איך האב מיך דערלויבט אים צו ראטן, ער זאל ווייטער אזוי שרייבן, ווי דער בריוו איז געשריבן. דעריבער האב איך אים געבעטן, ער זאל דער־לויבן זיין בריוו צו מיר אפדרוקן, ווייל איך געפין, אז עס איז א קונסטווערק".

שלום עליכם'ס בריוו (און ניט זיינע ערשטע געדרוקטע ווערק) האט געפירט דערצו, אז עס זאל זיך פאראינטערעסירן מיט אים און מיט דער גאנצער אידישער ליטעראטור דער דאמאלסט אידיש־פיינטלאכער ארגאן פון דער רוסיש־אידישער אינטעלי־גענץ — דער „וואסכאד". אין „וואסכאד" פלעגט מען פאר־שווייגן אליץ, וואס איז געשריבן געווארן אויף „זשארגאן". שלום

עליכם'ען האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן. ער איז געווען דאַן נישט נאָר אַ יונגער אידישער שרייבער, ער איז געווען אויך אַ היציגער קעמפער פאַר די רעכט און דאָס אָנזען פון דער אידישער ליטעראַטור. האָט ער געשריבן מ. ספעקטאָר'ן, וועלכער האָט שוין געהערט דאַן צו דער רעדאַקציע פון דעם „אידישן פאָלקסבלאַט" אין פעטערבורג, אַז ער זאָל זען פועל'ן ביי דעם רעדאַקטאָר פון „וואָסכאָד", מען זאָל דאָרט אויפהערן צו איגנאָרירן די אידישע ליטעראַטור. מ. ספעקטאָר האָט פיל און לאַנג גע'טענה'ט מיט אַדאָלף לאַנדוי, דעם פירער פון „וואָסכאָד", אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. „דאַן", שרייבט ה' ספעקטאָר, „איז מיר, איך ווייס ניט פאַרוואָס, איינגעפאַלן צו ווייזן אים שלום עליכם'ס בריוו, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שלום עליכם'ס בריוו האָט געווירקט — — — לייענען שלום עליכם'ס בריוו און ניט לאַכן, איז געווען אַן אוממעגלאַכע זאַך, און דער שטאָלצער „מורא'דיגער" רעדאַקטאָר האָט זיך צעלאַכט און מיט אַ שמייכל געזאָגט: „לאָזט איבער, זייט מוחל, אייערע ביכלאַך, מיר וועלן זען..." אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיך באַוויזן אין „וואָסכאָד" רעצענזיעס וועגן שלום עליכם'ס און ספעקטאָר'ס ווערק, און, „פון דענסטמאָל אָן", שרייבט מ. ספעקטאָר, „האָט שוין די אידיש־רוסישע, און אַפילו, די העברעאישע פרעסע, אָנגעהויבן צו פאַרצייכענען יעדעם ניי אידיש ביכל, וואָס האָט געהאַט עפעס וואָס אַ ליטעראַרישע ווערדע..."

אָט אַזוי האָבן שלום עליכם'ס בריוו געווירקט אויף די, וואָס האָבן זיי געלייענט, נאָך איידער ער איז באַרימט געוואָרן ווי אַ שרייבער. אָבער אויך די, וואָס האָבן ניט געהאַט דעם פאַרגעניגן צו לייענען שלום עליכם'ס בריוו, איידער מען האָט זיי אָנגעהויבן צו פאַרעפענטלאַכן, מוזן וויסן פון שלום עליכם'ס ליבע און טאַלאַנט צו שרייבן בריוו, אויב זיי זיינען באַקאַנט מיט זיין ליטעראַרישן שאַפן. ווארים ביי שלום עליכם'ען איז ניט נאָר געווען אַ רגילות, אַ תאוה צו שרייבן בריוו צו פּריוואַטע פערזאָנען, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע. ער האָט אויך אין זיינע ווערק ליב געהאַט אַריינצושטעלן בריוו (פון

העלדן) ער האָט דער ערשטער, אייגנטלאך, איינגעפירט אין דער אידישער ליטעראַטור די עפּיסטולאַרע פאָרם.

איינס פון זיינע בעסטע און באַליטסטע ווערק — מנחם מענדל — איז געשריבן אין דער פאָרם פון בריוו. אין בריוו־פאָרם איז אויך „מאַריענבאַד".

דאָס זיינען ווערק פון שפּעטערדיגע פּעריאָדן. ס'איז אָבער אינטערעסאַנט צו דערמאָנען, אַז די סאַמע ערשטע זאַכן שלום עליכם'ס, וואָס האָבן געמאַכט אַן איינדרוק אויף די אידישע לעזער, זיינען געווען — בריוו: „די איבערגעכאַפּטע בריוו פון דער פּאָסט" און „איין איבערשרייבונג צווישן צוויי אַלטע חברים" — צוויי לאַנגע סעריעס פעליעטאָנען, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „אידישן פאָלקסבלאַט", פּעטערבורג, 1883, 1884. און אין יאָר 1885 האָט זיך אין „איד. פ"ב" געדרוקט זיינער אַ פעליעטאָן „קאַנטאָר־געשעפט" — אַ דראַמע אין צוויי מליצה־בריוו, 18 האַנדלס בריוו, 26 דעפּעשן" — אַ מין המשך פון די „איבערגעכאַפּטע בריוו". זיינע ערשטע פעליעטאָנען האָבן ניט אַזוי אויסגענומען, ווי זיינע בריוו. זיין ערפאָלג אין דער ליטעראַטור הויבט זיך אָן, אַלזאָ, פון אַזעלכע ווערק, וואָס זיינען געשריבן אויף אַן עפּיסטולאַרן שטייגער.

קיין מייסטער אויף בריוו, ווי אויף אַ פאָרם פון ליטעראַרישן שאַפן, איז ער נאָך דאַן ניט געווען.

דער הויפּט־איינפאַל פון די „איבערגעכאַפּטע בריוו" איז געווען, וואָס זיי זיינען געשריבן פון ר' לייבעלע פון יענער וועלט צו ר' וועלוועלען אויף דער וועלט און פון ר' וועלוועלען אויף דער וועלט צו ר' לייבעלען אויף יענער וועלט... שלום עליכם האָט דאַן שוין הנאה געהאַט פון אַזעלכע המצאות; ער האָט שוין דאַן זיך פאַרגונען אַמאָל צו שפּילן זיך שרייבנדיג און צו שרייבן זיך שפּילנדיג.

ער האָט דאָס געטאָן אומבאַוואוסטערהייט. באַוואוסטזיניג האָט ער זיך געשניטן דאַן אויף מענדעלע'ס וועג און געוואָלט זיין ניט אַנדערש אַ פּובליציסט און אַ סאַטיריקער, ווי דער „זיידע". ערשט שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט, אַז

ער איז געבוירן צו זיין א קינסטלערישער הומאָריסט, ניט קיין פובליציסטישער סאַטיריקער.

אָבער אויך גאָר אין אָנהויב האָט שוין געטראָפן, אז פון שלום עליכם'ס „ערנסטער" סאַטירע א לאָ מענדעלע, האָט פלוצלונג ארויסגעשיינט שפילעוודיגער הומאָר, אזוי, א שטייגער, האָט ער אין דער „איבערשרייבונג צווישן צוויי אַלטע חברים" זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און א שפיל געטאָן זיך מיט א פּאַראָדיע אויף דעם בריוו־נוסח פון „שלעז דעם בריוול־שרייבער". שלעז איז געווען „א מומחה אויף בריוו שרייבן", און וואָס פאַר א בריוו מען האָט געדאַרפט שרייבן, איז מען אַלץ געקומען צו אים, אָבער גאָר א „מזיק" איז ער געווען אויף ליבע־בריוולאך. ליבע־בריוולאך האָט ער געשריבן מיט גראַמען. צום ביישפיל: „דאָס ווייסן אַלע, אז ווי די זון איז שיין, האָסטו, מיין טייערע כלה, נאָך מער חן, א. אז. וו., א. אז. וו. דיינער דער עיקר, וואָס ליבט דיך, ווי צוקער — מאיר דער דיקער".

דאָס איז, אויב איך האָב ניט קיין טעות, געווען די ערשטע פּאַראָדיע שלום עליכם'ס. עס איז געווען אין איר שפילעוודיגקייט, קיין קונסט איז אין איר נישט געווען, ווי עס איז בכלל ניט געווען נאָך קיין קינסטלערישקייט אין די ערשטע פּרואוון, וואָס שלום עליכם האָט געמאַכט צו שאַפן ליטעראַרישע ווערק אין דער פאָרם פון אן „איבערשרייבונג" צווישן צוויי פּערזאָנען.

דער „איבערשרייבונג צווישן צוויי אַלטע חברים", ווי אויך די „איבערגעכאַפּטע בריוו", פעלט דער אינעווייניגסטער, אָרגאַנישער בריוו־סטיל. די ביידע זאַכן האָט מען געקאָנט שרייבן אויך אויף אן אַנדער אופן. דאָס זיינען האַלב־פובליציסטישע, האַלב־בעלעטריסטישע פעליעטאָנען, וואָס האָבן די פאָרם פון א קאָרעספּאָנדענץ; דאָס איז ניט קיין קאָרעספּאָנדענץ, וואָס א קינסטלער האָט זי דערהויבן ביז צו דער מדרגה פון קונסט.

אזא קאָרעספּאָנדענץ איז די, וואָס עס פירן צווישן זיך מנחם מענדל פון יעהופּעץ און זיין ווייב שיינע שיינדל פון כתרילעווקע. דאָס איז, פריער ווי אַלץ, אן איבערשרייבונג

צווישן צוויי פּערזאָנען. עס איז דאָ אין איר דער סטיל, אָדער, וואָס עס איז נאָך וויכטיגער, די סטיליזירונג פון אַ פּריוואַ־טער קאָרעספּאָנדענץ אויף אידיש, כאָטש זי איז ל י ט ע ר אַ־ ט ו ר. מען ווייס, אַז הינטער מנחם מענדלען און הינטער שיינע שיינדלען שטייט שלום עליכם דער דיכטער. ער העלפט זיי שרייבן די בריוו. אָן אים וואָלטן זיי נישט געהאַט אַזאַ חן, אַזאַ גלאַנץ; זיי וואָלטן געווען אַ רוי בינטל מענטשלאַכע (און עטנאָגראַפישע) דאָקומענטן, נישט קיין קונסטווערק. שלום עליכם האָט געמאַכט, אַז זיי זאָלן זיין קונסט. אָבער ווי אַזוי האָט ער עס געמאַכט? דורך דעם, וואָס ער האָט געהאָלפן שיינע שיינדלען און מנחם מענדלען צו זאָגן גוט און פּאָלקאָם דאָס, וואָס זיי וואָלטן סיי ווי סיי געזאָגט אין זייערע בריוו, נאָר ניט אַזוי געשליפן און פאַרענדיגט. ווארים ניט צוליב דעם פּראָפעסאָר און זיינע לעזער שרייבן זיי די בריוו, וואָס באַקענען אונז מיט זייער כאַראַקטער, מיט זייער לעבן, מיט זייער סביבה; צוליב זיך אַליין שרייבן זיי זיך דורך; זיי ל ע ב ן ז י ך א ו י ס אין זייערע בריוו. יעדער פון זיי איז אין אַזאַ לאַגע און האָט אַזאַ כאַראַקטער, אַז ער מוז שרייבן דאָס, וואָס ער שרייבט, און אַזוי, ווי ער שרייבט אין זיינע בריוו. עס איז דאָ אַן אינעווייניגסטע פאַרבינדונג צווישן דער טראַגעדיע אָדער דער קאָמעדיע פון מנחם מענדל מיעהופּעץ און דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ער פירט מיט זיין ווייב פון כתרילעווקע. מיר קאָנען זיך דאָס ווערק אַנדערש ניט פאָר־שטעלן, ווי אין דער בריוו־פאָרם, אין וועלכער עס איז באַ־שאַפן געוואָרן. דער בעסטער סימן, אַז ס'איז ניט קיין צו־פעליגע פאָרם.

דאָס אייגענע איז מיט דער „פאַרפלאָנטערניש צווישן צוויי שטעט: וואַרשע און מאַריענבאַד, דורך 36 בריוולאָך, 14 לי־בע־צעטעלאָך און 46 דעפּעשן". וואָס הייסט: „מאַריענבאַד".

איןביידע ווערק האָט שלום עליכם געוויזן, אַז ער איז געווען אַ סך מער „מומחה אויף בריוו שרייבן", ווי זיין אַמאָ־ליגער קאָרעספּאָנדענט „שלעז דער בריוול־שרייבער". ער האָט

באמת געקאָנט שרייבן בריוו פאַר אַנדערע, נישט נאָר פאַר זיך אַליין.

זיין בריוו־קונסט מוז האָבן געווים אַ שייכות צו זיין מייסטערהאַפטן מאָנאָלאָגן־סטיל. וואָס איז דען אַ בריוו? אַ געשריבענער מאָנאָלאָג. און ס'איז קיין וואונדער נישט, וואָס דער בעסטער מאָנאָלאָגן־שרייבער אין דער אידישער ליטעראַטור האָט זיך אַרויסגעוויזן אויך פאַר דעם בעסטן בריוו־קינסטלער.

ביידע זאַכן, אי דער מאָנאָלאָג, אי דער נוסח פון בריוו, זיינען שלום עליכם'ען געווען נאָענט, מחמת זיי זיינען ביידע מער אוממיטלבאַרער לעבנס־אויסדרוק, ווי ליטעראַטור־פאָרם. שלום עליכם איז דאָך געווען מער אַ לעבנס־מענטש, ווי אַ ליטעראַטור־מענטש. ער האָט אומענדלאַך ליב געהאַט די מלאכה און די קונסט פון שרייבן, אָבער ער איז ניט געווען קיין ליטעראַטור־שרייבער, סיידן נאָר אין די ערשטע יאָרן, ווען ער האָט זיך געפונען אונטער פרעמדע ווירקונגען. עס איז ניטאָ נאָך אַ דיכטער ביי אונז, וואָס זאָל זיין אַזוי נאַטירלאַך־פריי פון ליטעראַרישע געבונדקייטן, ווי דאָס איז געווען שלום עליכם. אַנדערע שרייבער (משה נאַדיר!), האַלטן מלחמה מיט'ן קאָנווענציאָנעלן נוסח. שלום עליכם איז געווען אַזוי ווייט פון יעדן קינסטלאַך ליטעראַרישן נוסח, אַז עס איז ניט שייך געווען ביי אים מלחמה צו האַלטן מיט דעם. ער איז געווען אַזוי פריי אין זיין שרייבן, אַז אַ פּראָגראַם פון פרייקייט וואָלט געווען אַ לאַסט פאַר אים. ער האָט ניט געוואוסט, אַז ער איז פריי; ער איז עס געווען...

אַלע אמת'ע הומאָריסטן זיינען אויסער ליטעראַטור. הומאָר איז באַפרייאונג. באַפרייאונג פון אַלץ, פון יעדער איינגעשטעלטקייט. דאָס שפּילעוודיגע, דאָס גראָטעסקע, לאָזט זיך נישט איינפאַסן אין קאָנווענציאָנעלע ראַמען... דער בריוו און דער מאָנאָלאָג איז געווען דערפאַר ווי אָנגעמאָסטן פאַר שלום עליכם'ען. אין בריוו און אין לאַנגע מאָנאָלאָגן האָט ער געקאָנט זיין אַזוי פריי און שפּילעוודיג, ווי ער האָט געוואָלט און געמוזט זיין.

אין די בריוו פון מנחם מענדל אָדער שיינע שניידל, און

אין די מאַנאָלאָגן פון טביה דעם מילכיגן, האָט ער פריער אָפּ־געגעבן צינז דעם איינגעשטעלטן נוסח, אָבער דערנאָך האָט ער געשפּונען דעם פאָדים פון זיין פאַנטאַזיע אַזוי פריי, ווי ער שפּינט זיך אין לעבן...

עס איז אַ שאָד, וואָס עס איז גאָרנישט ניט געוואָרן פון דעם אָפּמאַך, וואָס שלום עליכם האָט געהאַט געשלאָסן (אין יאָר 1902) מיט אַ אידישן בוכהענדלער אין באָברויסק, אָנצו־שרייבן אַ „בריוונשטעלער" אויף אידיש (דער אָריגינאַל פון דעם אָפּמאַך, געשריבן אויף רוסיש, געפינט זיך אין מיין אַר־כיוו). שלום עליכם וואָלט מסתמא אָפּגעהיט דעם סקאַרבאָוון „בריוונשטעלערישן" נוסח אין דעם אָנהויב און אין דעם סוף פון די בריוו, אָבער אינמיטן וואָלט ער זיכער אַריינגעשטעלט עפּעס שלום־עליכם׳דיגס, און מיר וואָלטן זען, ווי שלום עליכם שרייבט בריוו פאַר לעבעדיגע מענטשן, נישט נאָר פאַר די העלדן פון זיינע אויסגעטראַכטע מעשיות.

אָבער אויך די בריוו, וואָס ער האָט געשריבן פאַר זיי־נע ווערק, אָטעמען מיט לעבן. און פּונקט אַזוי איז, פאַר־קערט, אין זיינע פּריוואַטע בריוו דאָ קונסט.

ווען זיי וועלן אַלע פאַרעפנטלאַכט ווערן, וועט מען ערשט זען, וואָס פאַר אַ פּזרן שלום עליכם איז געווען. געוויינטלאַך איז דעם שרייבער׳ס „מוזע" זייער אייפערזיכטיג צו זיין פּרי־וואַטער קאָרעספּאָנדענץ. די „מוזע" וויל, אַז אַלץ, וואָס ער האָט, זאָל ער אָפּגעבן איר. קיין איין טראָפּן באַגייסטערונג, קיין איין קערנדל טאַלאַנט, קיין איין איינפאַל, קיין איין שיין וואָרט זאָל ניט פאַרוואַגלט ווערן אָן נוצן ערגעץ אין אַ בריוול צו אַ פריינט; אַלץ זאָל דינען דער קונסט... עס זיינען דאָ שרייבער, וואָס דאָס שרייבן ליידיגט זיי אויס, זויגט זיי אויס ביז׳ן לעצטן טראָפּן, און, אַז עס קומט צום ריידן, אָדער שרייבן פּריוואַט, זיינען זיי שטום. שלום עליכם האָט נישט גע־הערט צו דעם מין. ער איז געווען אַזוי רייך אין איינפאַלן, אין וויצן, אין ווערטלאַך, אין שפּילעוודיגקייט, אַז עס איז אים געווען גענוג אויף אַלץ. צי מחמת ער האָט געשעפּט פון לעבן, און דאָס לעבן איז אַ קוואַל, וואָס נעמט זיך נישט

אוים, צי מחמת זיין אייגענע שפּע איז געווען גרויס: עס האָט אים קיינמאָל נישט אויסגעפּעלט קיין לייכטקייט און קיין וויציגקייט, ווען ער האָט געשריבן זיינע בריוו. ער איז קיינ־מאָל ניט מיד געווען.

שרייבן — אַלץ איינס וואָס — אַ ראָמאַן, אָדער אַן ענטפער אויף אַ בריוו פון אַ קליינשטעטלדיגן פּאַרערער — איז געווען פאַר אים אַ פרייד, אַ שפּיל. און וויבאַלד אַז עס איז געווען פאַר אים אַ פאַרגעניגן, נישט קיין אָפּקומעניש, איז שוין ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן זיינע ווערק און זיינע בריוו: אַזוי ווי זיינע ווערק זיינען לעבן, כאָטש זיי האָבן דעם ווערט פון ליטעראַטור, אַזוי זיינען די בריוו זיינע ליטעראַטור, כאָטש זיי האָבן צו טאָן מיט לעבעדיגע, ניט אויסגעטראַכטע פּער־זאָנען. זיינע בריוו זיינען אימפּראָוויזירטע וואָרט־קונסט.

6. עלעמענטן פון שלום־עליכם הומאָר פאַר שלום עליכם'ען

שלום עליכם'ס הומאָר האָט פאַרנומען אין דער אידישער ליטעראַטור, ווי מיר האָבן געזען, אַ באַזונדער אָרט, אין רעכטן אויבנאָן, — דערמיט, וואָס ער איז אַ ריינער, אַ פרייער, אַ שפּילעוודיגער, אַ שטיפערישער הומאָר. דאָס איז אין אַזאַ „ערנסטער", זיך ניט־שפּילנדיגער, ליטעראַטור, ווי די אידישע, געווען, ווי געזאָגט, כמעט אַן איבערקערעניש. און דאָס איז שלום עליכם'ס גרעסטער אויפטו. אָבער קיין אויפטו שפּרינגט ניט אַרויס פון העלער הויט. עס איז דאָ אַן ערב־שבת ביי יעדן שבת, און עס מוז זיין אויך אַן ע ר ב שלום עליכם.

עס מוזן זיך ערגעץ־וואו געפינען יענע שמאָלע, שוואַכע רינעלאַך, וועלכע האָבן געטראָגן זייערע לעבעדיגע, שמייכלענדיגע וואַסערלאַך אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיך אויפגעזאַמלט דער ברייטער, ליכטיגער, זוניגער שטראָם פון שלום עליכם'ס געלעכטער.

פון אויבנאויף דוכט זיך, אַז פאַר שלום עליכם'ס ג ע ל ע כ ט ע ר (הומאָר) איז אין דער אידישער ליטעראַטור געווען נאָר דאָס ג ע ל ע כ ט ע ר ל (די סאַטירע) פון די השכלה־שרייבער. עס דוכט זיך, אַז וויפיל אונזער געניאַלער שטיפער זאָל נישט האָבן געלערנט ביי דעם „זיידן" ר' מענדעלע, ביי לינעצקי'ן און ביי אַנדערע פריערדיגע שרייבער, האָט ער נישט געקאָנט זיך אויסלערנען ביי זיי די גרויסע, — צו גלייך אי קלוגע, אי קינדישע — קונסט פון ה ו מ אָ ר. אָבער צי איז עס אינגאַנצן אַזוי? צי איז עס דורכאויס אמת, אַז די פריערדיגע אידישע מעשה־ביכלאַך זיינען אַלע געווען פול נאָר מיט מוסר

אָדער השכלה? האָט זיך ערגעץ־וואו נישט פאַר׳גנב׳עט דאָרט א שטיפעריש בלעטל? זיינען די אַלטע מחברים געווען טאַקע אַלע אַזעלכע „ערנסטע" מענטשן מיט כמורנע פנים׳ער, פאַר־קנייטשטע שטערנס און איינגעבויגענע רוקנס? פעלט אין זייער משפחה גאָר אינגאַנצן דער מין קונדס?

ניין, ער איז פאַראַן און מען דאַרף אים אויפזוכן.

אָבער דער מיין פון די וויטערדיגע שורה׳ס איז, ניט צו אַנאַליזירן און ניט אויסצורעכענען אַלע־לאַכעדיגע, שפּילעווּ־דיגע שטעלן, וואָס זיינען דאָ אין דער פאַר־שלום־עליכם׳שער אידישער ליטעראַטור. איך בין אויסן נאָר צו ברייגען עט־לאַכע ביישפּילן און צו מאַכן אָן אָנהויב פון דער אַרבעט, וואָס איך ציל איז די אויספאָרשונג פון דער געשיכטע אָדער דער פאָרגעשיכטע פון דעם שלום־עליכם־הומאָר און זיינע פאַרשיי־דענע עלעמענטן אין דער וועלט פון דעם אידישן וואָרט.

דעם אָנהויב האָט אייגנטלאַך געמאַכט שלום עליכם אַליין. ווי מיר ווייסן, דערציילט ער אונז אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אין „פונ׳ם יאַריד", אַז נאָך אין די קינדערשע יאָרן האָט ער גע־הערט זיין פאָטער אַמאָל פאַרלייענען עפּעס א אידישן מעשה־ביכל, פון וועלכן דער עולם האָט זיך „געהאַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער"... „וואָס דאָס איז געווען פאַר א ביכל, — שרייבט ער דאָרטן, קאָן זיך דער העלד פון דער ביאָגראַפיע ניט דערמאָנען. ער געדענקט נאָר, אַז ס׳איז געווען א ביכעלע א קליינטשיקס, א דאַרינקס, מיט געלע, פאַרסמאָלצעוועטע, צעפאַ־לענע און אָפּגעריסענע בלעטלאַך, אָן טאָוועלאַך און אפילו אָן א פאָדערבלעטל. שבת צו־נאַכטס, אַלע בעלי־בתים פון שטאָט האָבן זיך צונויפגעקליבן ביי רב נחום וועוויקס אויף „מלוה מלכה". די מאַמע איז פאַרנומען אין קיך מיט׳ן „וואָלכישן באָרשטש", און דער עולם האַלט זיך אונטער דערווייל. רב נחום לייענט א מעשה ביכל. דער טאַטע לייענט און דער עולם זיצט אַרום טיש, רוי־כערט פּאַפּיראָסן און מען קאַטשעט זיך, מען האַלט זיך ביי די זייטן פאַר געלעכטער. און מען אונטערברעכט אַלע מינוט דעם פאַרלעזער און מען דריקט אויס די גרויסע התפעלות הויך אויף

א קול, און עס שיטן זיך קללות אויפ'ן בעל מחבר'ס אדרעס: „אט א ימח־שמוניק! א כל־בוניק! א ממזר! א רוח אין זיין טאטנס טאטן אריין!... אפילו דער פארלעזער אליין קאן זיך ניט איינהאלטן, ווערט שיר דערשטיקט פאר געלעכטער! די קינ־דער ווילן נישט גיין שלאפן און שלום אודאי ניט. פארשטייען וואס דער טאטע לייענט — פארשטייט ער ניט, נאר ס'איז אים גלאט געפעלן צו זען, ווי אידן מיט בערד קאטשן זיך, האלטן זיך ביי די זייטן און שיסן אויס אלעמאל מיט א געלעכטער. און ער זיצט פון דערווייטנס און קוקט אין אלעמענס פנים'ער, ווי זיי שיינען. און ער איז מקנא יענעם אידן, וואס האט געמאכט אט דאס ביכעלע, און זיין טיפסטער וואונטש איז, אז גאט וועט העלפן, ער וועט אויסוואקסן און ווערן א גרויסער, וועט ער אויך אנשרייבן אזא מין ביכעלע, וואס אידן וועלן דאס לייענען און לאכן און וועלן אים שעלטן אין גוטן מוט, גלאט אזוי זיך, אין „טאטנ'ס טאטן אריין" — (ז. 66־667 אין דער שלום עליכם פאלקספאנד אויסגאבע, ניו יארק, 1923).

וואס איז דאס געווען פאר א פרייל‏אך ביכעלע אזא, — דאס האט שלום עליכם, ווען ער האט געשריבן דעם ציטירטן קאפיטל „פונ'ם יאריד", נישט געקאנט זיך דערמאנען". אבער שפעטער, אין יאר 1915, אין ניו יארק, האט ער אויסגעפונען, ווי י. ד. בערקאוויטש דערציילט אין „שלום־עליכם־בוך" (ז. 314, אין אן אנמערקונג) — אן עקזעמפליאר פון יענעם מעשה־ביכל, „און עס באהאלטן ביי זיך אין ארכיוו".

ווען מען באקענט זיך מיט אט דעם מעשה־ביכל, זעט מען, אז דאס איז, אין דער קורצער פארמולירונג פון י. ד. בערקאוויטש, „א באשרייבונג פון קליינשטעטלדיגע בעל עגלה'ס, וואס האבן זיך פאראייניגט אין א „טראסט" צו קעמפן געגן דער אייזנבאן, געשריבן אין א פרימיטיוון פאלקסטימלאכן אידיש, אויסגעמישט מיט פאלקס־ווערטלאך און הלצה'ס". אויפ'ן שער־בלאט פון ביכל שטייט „דער צווייטער אייזן באנד (אייזנבאן) פון זארביניץ קיין יורקאץ פון חיים יאסילים, סטאליר מסאקי־לען, די ערשטע טייל... זיטאמיר, 1874". אט „די ערשטע

טייל" פונ'ם ביכל האָט זיך אויפגעהיט אין שלום עליכם'ס אַרכיוו. אין מיין אייגענער ביבליאָטעק געפינט זיך אי דער ערשטער, אי דער צווייטער טייל פונ'ם „אייזין באַנד". דער צווייטער טייל איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מיט צוויי יאָר שפּע־טער נאָך דעם ערשטן. (זשיטאָמיר, 1876).

ווען שלום עליכם זאָל האָבן געהערט זיין פֿאָטער לייענען אַפילו נאָר דעם ערשטן טייל, גלייך ווי ער איז אַרויס פון דרוק, אין יאָר 1874, איז ער שוין דאַן אויך געווען אַ בחור'ל פון אַ יאָר פופצן (און ער איז שוין, אגב, געווען ווידער אין פּערע־יאַסלאַוו, ניט אין וואָראַנקאַ, ווי ער שרייבט, על פּי טעות, אין „פונ'ם יאַריד"), האָט ער שוין געקאָנט אויפנעמען „ליטעראַ־רישע" איינדרוקן. ווען דער, וואָס זוכט די ווערק, וועלכע האָבן געוועקט אין דעם שפּעטערדיקן שלום עליכם'ען דעם חשק און דעם מוט צו הומאָר, מוזן זיך, פריער ווי אַלץ, פאַראינטערע־סירן מיט דעם „צווייטן אייזין באַנד".

קיין אמת'ער הומאָריסט (אינ'ם קינסטלערישן זינען פונ'ם וואָרט) איז חיים יאָסילים, דער פאַרפאַסער פון „אייזין באַנד", ניט געווען. אָבער עס איז אין אים און אין זיין אי־דיש, און אין זיינע מעשיות פאַראַן עפּעס פון יענער ליבע צו שפּילן זיך מיט ווערטער און פון יענער טבע צו פּראָווען קאַטאָוועס, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש, דוכט זיך מיר, פאַר וואָלינער פאָלקס־אידן.

וואָלינער פאָלקס־מענטשן האָט שלום ראַבינאָוויטש, פאַר־שטייט זיך, געקענט געגנוג (ער איז דאָך אַליין אַ וואָלינער), און זייערע חכמה'ס האָט ער נישט געדאַרפט גיין לערנען ביי דעם „סטאָליער מסאַקילען", אָבער ביי אים האָט ער צום ערשטן מאָל געזען, אַז מען קאָן די אַלע ווערטלאַך, גלייכווערטלאַך און המצאה'ס נוצן אין שרייבן, נישט נאָר מינדליך.

ער האָט געזען ביי אים, אַז מען קאָן מאַכן פאַר „העלדן" פון אַ מעשה־ביכל אידן מיט אַזעלכע טשיקאַווע („שלום־עליכם'־דיגע"!) נעמען, ווי פּלטיאל זלאַדיווקער, אהרן לעמיל האָצי־דראָעווקער, שמעון פייטל גראָביאַניווקער, אשר גימפּל שמאַרי־

וואָז. און אויב ער האָט געלייענט אָדער געהערט לייענען אויך דעם צווייטן טייל פון חיים יאָסל׳ס חיבור, האָט ער גלייך אויפ׳ן ערשטן בלעטל געקאָנט דאָרט געפינען צווישן „די נעמען פון דער חברה" אַזאַ אוצר פון „שלום עליכם׳דיגע" אייגננעמען, ווי אַשטייגער, ר׳ אייזיק קריוואָראָטשקע, ר׳ יצחק פּיפּיק, ר׳ לעמיל שוואָלאָנטשיק, ר׳ עיקב (יעקב?) טשאַרניסראַקיווקער, ר׳ שמערל טראַסקיוויצער א. ד. ג.

אָבער די נעמען זיינען ניט דער איינציגער שלום־עליכם־עלעמענט אין דעם „צווייטן אייזין באַנד". עס זיינען פאַראַן דאָרט אויך אַנדערע וואָרט־שפּילערייען. שוין גלייך אויפ׳ן ערשטן בלעטל געפינען מיר אַזאַ מין שפּילעוודיגן שמועס:

„פּ ל ט י א ל: ...איר זאָלט וועלן, וואָלטן מיר יע געקאָנט מאַכן...

ש ל ו ם י ו ד ל: וואָס מאַכן? אַ כוסה?

פּ ל ט י א ל: איך מיין טאַקע מיר זאָלן שטעלן...

ש ל ו ם י ו ד ל: וואָס ווילט איר שטעלן? ליכט אין די ענגלייכטערס?

פּ ל ט י א ל: גלויבט מיר, מיר וואָלטן טאַקע געקאָנט האָבן...

ש ל ו ם י ו ד ל: וואָס וואָלטן מיר געקאָנט האָבן? יאָר־צייט?"*)

דער זעלביגער שלום יודל האָט ליב צו זאָגן ווערטלאַך אין דעם גוסט פון טביה דעם מילכיגן. צום ביישפּיל: „אַ גוי זאָגט אַ ווערטל: כל ערב לגירהו (למינהו) — ניט מיט מיר דאַרפט איר טרייבן קאַטאָוועס".

אַ שטיקל ע ר ב ־שלום עליכם איז דער נוסח פון בריוו, אָדער, ריכטיגער, פון פּאַראָדיעס אויף בריוו, וואָס געפינט זיך אי אין ערשטן, אי אין צווייטן טייל פון דעם „צווייטן אייזין באַנד". אין די בריוו ווערט גענוצט אידיש אינאיינעם מיט פאַרגרייזטן העברעאיש, און די העברעאישע ווערטער ווערן עס־

*) די אָרטאָגראַפיע איז דאָ, ווי אין די איבעריקע ציטאַטן, די היינטיקע.

הארצ׳יש אויסגעלייגט אויף אידיש. אָט איז דער אָנהויב פון א בריוו, וואָס געפינט זיך אין ערשטן טייל:

„לידידי הרבני הר״ר שמעון פייטיל גראָביאָניוועקער וידידי ר׳ יעקב ראובן דראליניוועקער, וידידי ר׳ מרדכי זינדעל סקיפּיאַ־ליוועד וידידי ר׳ שלום יאָסיל האָליפּאָזיוועקער וידידי ר׳ אלי גיניפּילאָוויטש, וידידי ר׳ שמואל זייוויל זיניקיוועד.

„ראשית זייט וויסן אַז מיר זיינען באָריח אשעם בקאָב הבריוס קו יוטאָן אשעם יסבאָרייח לירעוס פּנים על פּנים בכערעוו אימים אמן.

„שיינים טיידו. אין צווייטינס זאָלט איר וויסן, קאָ אשער ראיני עס צאָראָסינו! אַזוי ווי מיר האָבן גיזען אונזערי צרות, ווייעם אָראָה אשער נכפּד אלינו, און דאָס שלעכץ וואָס איז גיקומען אויף אונז, אל יידיי אמייתיילאת אבארזעל! אָשער נאָסע! איבער דעם אייזין באַנד וואָס מע האָט געמאַכט. איבאָ אוויר זום אפּאַרנאָסה דייביקה לנו. אין איבער דעם איז אונז דיא פּרנסה זייער גישלאָגען מאַכמאָס שערוב תוכרים איינעם רוצים לינתוע אימנו. וואָרום פיל סוחרים ווילין שוין מיט אונז ניט פאָרין. אי לייאית אטאָ מוכראָכים אנאכנו ליטיין טעוועו ומספּוא לייתותיינו. און דערווייל די פערד מוזן מיר דאָך געבן עסן איביפּראַט לייזינגאַתיינו אים באנייגו און אונזערי ווייבער מיט די קינדער מוז מען אוודאי גיבען עסין: ואָזמאָן קאָצאַר, און די צייט איז ניט גיט; לאָחאָן אל תעכשי באָדאָוואַר, ע״כ זאָלט איר ניט שווייגען דרינען: מארי אי בואי לייבייסכעם, איר זאָלט קומין אהיים: וויהיע אקול אל נאָחון, אז איר וועט קומען אהיים וועט אלעם זיין רעכט: מאַכמעס שע דאָמינו אייצע טוייוווע אל אמייתלאָת הבאַרזעל, וואָרום מיר האָבען באַקלערט איין עצה פון דעם באנדס וויגין: ניתקשה אנחנו קאַאשער שאָמאָני קיין ראינו. מיר וועלען טאָקע בלייבן טרר... און דער באַנד וועט טאָקע בלייבן אַ באַנד: איכפּאל באקאשטי ליימאָן אשעם טייקיף לאָווא בימייאָראָ. איך בייט אייך נאָך אמאָל איר זאָלט גיך קומען אהיים: ביילי שום טירוץ קי נאָכוץ מייעוד, וואָרים מיר דאַרפען אייך גינייטיגט.״ און אז. וו.

אין דעם דאָזיגן ע ר ב ־שלום עליכם׳דיגן בריוול געפינען מיר, אגב, אזא מין פסוק פון טביה דעם מילכיקן, ווי: „והזמן קצר — און די צייט איז ניט גוט“...

אין דעם צווייטן טייל „אייזין באַנד“ איז דאָ אַ בריוול:

„ליחוּוד אטיטי הרפני רעב ראַל והרעב שוטיף אהרן לעמיל תיחיו אט מייא ויעסרים שאָנים:

„מיחטאָווחעם כאָבאָלטי ביום עסמול וסאָמאַכטי סימבע גיידולה אד מאוד. אין אַזוי וויא איהר שרייט מיר שעאָווא טאַכיף לאירייחעם אים אַכעשבאָן אַל קיין טיידעו שע איינע ואָחול מאַכמאָס טירדי אַזמאַן; אי מאַכמאַס שנייא תיבום: עבאָד מאַכמאַס די גניאדע שקאַפּע האָט אָן גיהייבען צו הינקען אויף אַ פיס, האָב איך געהאַט צו טאָן מיט איר אַ טאָג אַכט ביז זיא איז גיזונד געוואָרין, נאָר איידער זיא איז גיזונד גיוואָרין האָט זיך דער טאַטי אַנידער גיליינגט און איז טאַקי גישטאָרבען. עס איז אַ דאַנקען גאָט וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט דער צוא אַבי דיא שקאַפּע איז חאָטש גיזונד גיוואָרען: אַל קיין מאַכט אַכוסי און זייט פריילעך אום אירצע אַשעם זונטאָג וועל איך קומען און וועל אייך נאָך ברייננגען אַמאַטאָנע טייווע. איינע אַ תילצערנע שיסיל בישוויל זיגאָסכעם אַ איכאָרע צום צוואָ־גען“...

פאַר דעם „הומאָר“ פון דעם פּאַרפּאַסער פון „צווייטן אייזין באַנד“ איז כאַראַקטעריסטיש די פאָלגנדיגע שטעלע פון׳ם צווייטן טייל:

„...פ ל ט י א ל: קומט ר׳ אהרן לעמיל, קומט אַריין אין קאַנטאָר און לאָמיר טאַקע אַ קוק טאָן צום קאַנטאָרל, וואָס איר האָט פאַרשלאָסן.

זיי גייען אַריין אין קאַנטאָר; עס איז גוט פינסטער אין קאַנטאָר. זיי גייען גלייך צום טישל. אהרן לעמיל טוט אַ טאַפּ דעם שיפלאָד, ער איז אָפן.

א ה ר ן ל ע מ י ל: גוואַלד, גוואַלד מע האָט באַ׳גנב׳עט דעם קאַנטאָר!

א ל י ז י י ו ו י ל מ י ט ו ו י י ב: שאַט, וואָס שרייט איר אַזוי? וואָס איז פּאַר אַ געשריי? ווער גייט דען צו אייער שיפלאַד?

א ה ר ן ל ע מ י ל: יאָ, ביי אייך איז דאָס אַ שיפלאַד. איר ווייסט דאָך אַז ביי אונז איז דאָס דער גאַנצער קאַנטאָר.

א ל י ז י י ו ו י ל: זאָגט מיר שוין, וואָס האָט מען ביי אייך אַוועקגעגנב'עט פון אייער קאַנטאָר.

א ה ר ן ל ע מ י ל: וואָס זאָל איך אייך זאָגן, איך ווייס עפּעס אין דער פינסטער? דאָס שלעסל זע איך שוין, אַז עס גייט אָפּ. היינגט, לאָז מען נאָר אָנצינדן אַ ליכט, וועט מען שוין זען; ווער ווייס, אפשר האָט מען אַוועקגעגנב'עט דעם בוך, אָדער בילעטן?

פּלטיאל האָט געשווינד אָנגעצונדן אַ ליכט און מען זוכט אין שיפלאַד, זיי זוכן אַלע שטיקלאַך פּאַפּיר, עס פעלט זיי גאָרניט.

א ה ר ן ל ע מ י ל: שאַט גאָר, ציילט נאָר איבער די בי־לעטן.

פּ ל ט י א ל (ציילט איבער די בילעטן, עס גייט אָפּ אַ בילעט): אהא, אהא! מען האָט שוין אָנגעהויבן צו גנב'ענען בילעטן! נישט קשה, איר זאָלט ווּיסן ר' אלי זייוויל, עס איז אויף אייער קאָפּ. איר וועט אונז מוזן באַצאָלן צוויי רו"כ פאַר דעם בילעט.

א ל י ז י י ו ו י ל: שאַט, שרייט ניט, איך קאָן אייך אָפּגעבן אַ שטיקל פּאַפּיר.

א ה ר ן ל ע מ י ל: יאָ, איר מיינט איין אמת, א י י ן שטיקל פּאַפּיר. מיר איז דער עיקר דאָס שרייבן. עס קומט מיר אָן מיט'ן טויט איידער איך שרייב אָפּ אַ בילעט. עפּעס אַ קליי־ניגקייט, מע דאַרף שרייבן אפשר דריי שורות!

א ל י ז י י ו ו י ל: עס איז אויך ניט פון די גוואַלדן, איך וועל אַליין אָפּשרייבן אפילו צוויי בילעטן צו פיר שורות.

א ה ר ן ל ע מ י ל: איך וועל אייך זאָגן, צי איר מיינט אין אמת עס איז הפקר אַ וועלט? איר מאַכט זיך אַ געלעכטער? צוויי בילעטן אָפּשרייבן; וואו איז אָבער דאָס געלט? באַרעכנט

אליין, איר ווייסט דאָך, אַז מע האָט שוין דעם בילעט, קאָן זיך שוין ראָלן*) אפילו אַן פערד; און חוץ דעם, וואו איז דאָס שלעסל פונ׳ם שיפלאָד?

יענטל די דינסט: שאַט נאָר, ר׳ אהרן לעמיל. איך וועל אייך אויסזאָגן דעם אמת, נאָר איר זאָלט ניט זיין ברוגז.

אהרן לעמיל: הדרבה, הונדערט יאָר זאָלט איר לעבן, זאָגט מיר דעם אמת; פאַרקערט לאָמיר וויסן.

יענטל: איך בעט אייך איבער. איך האָב אליין אַראָפּ־גענומען דאָס שלעסל, איך האָב פאַרשלאָסן דעם מחילה... קיין מענטשן פון דער גאַס זאָלן אַהין ניט גיין, נאָר אַז איך האָב געעפנט דעם שיפלאָד, האָב איך גענומען אַ בילעט. איך האָב געמיינט, אַז עס איז עפּעס אַזוי איין שטיקל פּאַפּיר...

אהרן לעמיל (צו פלטיאל): ווי איז מיר, ווינד איז מיר, אויב זי האָט דעם בילעט אַוועקגעוואָרפן אין... קאָן נאָך דער... אַוועקראָלן. נעמט אַ ליכט און לאָמיר גיין זוכן דעם בילעט. וואָס דען, עס איז גאָר הפקר? כ׳לעבן, מע מוז גאָר דינגען אַן אַנדער קאַנטאָר. עס איז גאָר קיין תכלית: דאָס נעמט מען אונזער שלעסל צום... מחילה. דער שלעפּט אַרויס אַ בילעט, אַז עס האָט ניט קיין ווייך פּאַפּיר... עס איז טאַקע אַ גליק, וואָס מיר האָבן ניט קיין געלט אין קאַנטאָר, אַזוי ווי אין אַנדערע קאַנטאָרן,״ און אַז. וו.

ווי דער לעזער זעט, איז דער „הומאָר״ דאָ, ווי אין די איבעריגע טיילן פון ביכל, אַ גאַנץ ביליגער און אַ וואולגאַרער. פון דעם אמת׳ן, געלייטערטן, שלום־עליכם הומאָר איז עס ווייט ווי מזרח פון מערב. אָבער ניט דאָס איז וויכטיג אין דעם פאַל. וואָס איך בין אויסן געוועזן מיט די ביישפּילן, איז — צו ווייזן, אַז ביי דעם מחבר פון „צווייטן אייזין באַנד״ האָט שלום ראַבינאָוויטש, נאָך איידער ער האָט געטראַכט אפילו צו ווערן שלום עליכם, געזען, אַז מען קאָן מיט דער פען שטיפן

---

*) פאָרן.

און קונדייסעווען, ניט נאָר קנייטשן דעם שטערן און חקירה'ן זיך. ניט אומזיסט האָט אים עפּעס אַ אינסטינקט אונטערגעזאָגט גראַד דאַמאָלסט, ווען ער האָט געהערט זיין פאָטער לייענען אָט דעם מעשה־ביכל, אַז ווען „ער וועט אויסוואַקסן און ווערן אַ גרויסער, וועט ער אויך אָנשרייבן אַזאַ מין ביכעלע, וואָס אידן וועלן דאָס לייענען און לאַכן און וועלן אים שילטן אין גוטן מוט, גלאַט אַזוי זיך, „אין טאַטנ'ס טאַטן אריין"...

דער מחבר פון דעם „צווייטן אייזין באַנד" האָט שפּעטער אָפּגעדרוקט נאָך אַ הלצה־ביכל מיט'ן נאָמען „ברוך שפּטרני", און עס איז אַ סברה, אַז אויך דאָס ביכל איז שלום עליכם'ען באַקאַנט געווען. דאָס שער־בלאַט פונ'ם ביכל איז אַזאַ:

„ברוך שפּטרני

די שרעקלעכע נסיעה פון זאַרבינעיי קיין באַרישאַוו, אומיטען (אינמיטן) אַ קליין שטעטיל קליין סדום. ס"ת 5 מייל — האָט געוועהרט די נסיעה אַכט טעג רצוף.

דער, וואָס האָט געמאַכט דעם צווייטן אייזין באַנד, דער האָט דאָס ביכל אויך געשריבען מיט זיין האַנד, נאָר אַז איר ווילט וויסן, ווי אַזוי הייסט דער מחבר — ער הייסט ר' לייב דער שרייבער.

וואַרשאַ

ענה בדרך כחי קצר ימי לפ"ק. (1880)"

„ברוך שפּטרני" האָט דעם זעלביגן מאָטיוו, וואָס „דער צווייטער אייזין באַנד", אָבער עס איז געשריבן נאָך לעבעדיגער און פרייליכער, ווי יענעם ביכל.

„די נעמען פון די „חברה־לייט", ווי עס שטייט אויפ'ן ערשטן בלאַט, זיינען: ר' זיידל טראַסק, ר' שמואל פּלאַסק, ר' יעקל קאָזשאַק, איצי פּאַק, ברוך דריידל, אהרן ווײַדל, שמאַי האָז, בערל נאָז, בענדיט באַרימאַלע, איציק פּאַסאַליע, ברוך

בערדעלע, יצחק פערדעלע, יוסל הייער, בערל דרייער, שמאי טייוול, דוד זיידל, ייקל בעקער, אברהם לעקער, א אז. וו., א. אז. וו.

שוין די „נעמען פון די חברה־לייט" אליין ווייזן, אז „דער מחבר ר' לייב דער שרייבער" איז געווען א פריילאכער יונגערמאנטשיק. אבער נישט נאר אין די נעמען אליין ווייזט זיך ארויס זיין שטיפערישקייט. דאס גאנצע ביכל איז פול מיט „שקצ'ישע" איינפאלן. איך וועל דערמאנען נאר עטלאכע פון זיי. איינער פון די פארשוינען, אהרן ווארעניק, שרייבט צו זיין זון א בריוול אויף לשון קודש, וואו יעדעס ווארט ווערט גלייך איבערגעזעצט אויף אידיש. ער טוט עס צוליב דעם, וואס זיין פריינט איציק זאגט צו אים: „אז אך און ווי איז דיר מיט דיין שרייבן. טאמער קאן ער ניט לייענען קיין לשום קודש?" — „יע, ביזט אפשר גערעכט, ענטפערט אים אהרן ווארעניק, נאר וואס דען? איך וועל אים שרייבן א ווארט לשון קודש מיט דעם טייטש פון יעדן ווארט, וועט ער זיך דערוויייל אויסלערנען לייענען לשון קודש און וועט טאקע פשוט וויסן א טייטשווארט". און ער הויבט אן דעם בריוו אזוי: „לשמשי צוא מיין זון איאכאר דער טייערער ווי א נעהמאהד דער גלוסטיגער יאנקאוו נ"י, עסמול נעכטין כאבאלטי האב איך מיכאבייל געווען" א. אז. וו., א. אז. וו.

אדער אזא מין געשפרעך, וואס קומט פאר צווישן בערל גאז, דעם בעל עגלה, און די סוחרים, זיינע פאסאזשירן:

די סוחרים (באטראכטן דאס ביידל. עס איז פול מיט לעכער): וואס איז דאס עפעס, ר' בעריל, אייער ביידל איז גאר פול מיט לעכער?

בעריל: חס ושלום. די לעכער האב איך אומיסטן געמאכט. עס איז פון דער נ י י אן אזוי געמאכט געווארן.

די סוחרים (מיט א געלעכטער): וואס הייסט? נאך וואס טויג די לעכער אין בויד?

בעריל: חע, חע. פארשטייט איר, די לעכער האב איך אומיסטן געמאכט, בכדי עס זאל זיין ווינגאדנע די פארשוינען.

יעדער ווייס זיך אין זיין פרנסה. וואָס זאָל מען טאָן. מיר מוזן זיין וועזשליווע מיט די פארשוינען. פארשטייט איר, זור־מער אז די היצן ברענען, מוז זיין די לעבער, עס זאָל אריין א לופט, עס זאָל זיין קיל פאר די פארשוינען. און אז עס קומט ווינטער, אין די גרויסע פרעסט, גייט דער פראָסט אריין דורך איין לאָך און דורך דער אנדערער גייט ער ארויס. חוץ דעם מאכט זיך אמאָל, אז מען פאַרט ביינאכט און עס פאָרן חסידים, פרומע יונגע לייט, און ווילן מחדש זיין די לבנה און איך האָב קיין צייט ניט זיך צו שטעלן, זיצן זיי אין בויד און דורך די לעבער זיינען זיי מחדש די לבנה. און אז עס קומט ר״ח אלול, אז עס פאָרן פרומע יונגע לייט און ווילן בלאָזן שופר, שטעקן זיי ארויס דעם שופר דורך די לעבער און בלאָזן. פארשטייט איר, מיינע ליבע (למען שמיכם) ווי אזוי יעדער מענטש ווייס זיך טאקע אין זיין פרנסה.״

אן אנדער בעל עגלה, אהרן ווײַדל, טוט אָפּ נאָר א מאָדנעם שפיצל צווײ פון זיינע פאסאזשירן, פאר וועלכע ער האָט שוין קיין פלאַץ ניט געהאט אין בויד און געמוזט אוועקזעצן ערגעץ פון הינטן. ער גיט זיי „צוהאלטן״ (אויפ׳ן גאנצן וועג!) אן עמער מיט שמירעכץ... אָט ווי דער פארפאסער באשרייבט עס:

„...איציק: גיי זשע, אהרן, איך בעט דיך, באוואָרן מיר די מאזניצע. בינד זי גוט צו, וואָרום איך האָב ערשט גענומען אין איר פרישע סמאָלע.

אהרן (נעמט די מאזניצע און גייט גלייך צו די צוויי יונגע לייט וואָס זיצן פון אונטן): נאט אייך, זייט מוחל, האלט א ווײַלע די מאזניצע.

די יונגע לייט: וואָס רעדט איר, מיר וועלן זיך נאָך אויסשמירן מיט סמאָלע.

אהרן: חס ושלום: נעמט זי אויף א רגע. איך וועל נאָר אויסזוכן א שטריקל, וועל איך זי צובינדן. וואָס דען, איך וועל אייך הייסן האלטן א מאזניצע א גאנץ וועג? ניין, ניין, חס ושלום.

די יונגע לייט מיינען אין אמת, אַז ער וועט זי באַלד צו־נעמען. זיי נעמען ביי איִם די מאַזניצע און האַלטן זי אין די הענט.

אהרן (מיט אַ ווינק צו איציקן): הייד, הייד הלך!

איציק טוט אַ שמייס די פערד. זיי האָבן קוים גערירט פון׳ם אָרט. „הלך!" האָט אהרן אַ געשריי געטאָן און איז באַלד אריין אין שענק.

די יונגע לייט שרייען: „ר׳ איציק נעמט די מאַזניצע, מיר וועלן זיך נאָך אויסשמירן אין סמאָלע".

איציק ענטפערט זיי: „האַלט, האַלט, איך וועל פאָרן פאַ־מעלאַך, וועט אייך ניט טרייסלען, און איר וועט טאַקע ניט אויסגיסן די סמאָלע."

די יונגע לייט האָבן זיך אַזוי שוין טאַקע געמוזט האַלטן מיט דער מאַזניצע..."

אויף אַ באַזונדער בלאַט אין אָנהויב ביכל איז אויסגע־שריבן, אַזוי צו זאָגן, דער מאַרשרוט פון זארבעניץ קיין באַרישאָוו, און ער לייענט זיך אַזוי:

1. זארבעניצער קאַנטאָר, פאָר׳ן ארויספאָר — לחיים!
2. סמאָליאַנקע. דאָרט גיסט מען אָן די מאַזניצע און — אַביסל טאַקע אין מויל — לחיים!
3. סאָטיניאַקא. לעבן דער בריק אַ גוטע שטיק פיש — לחיים!
4. סאַמיראַק. אַ גוטע פאָר קנישעס פארבייסן — לחיים!
5. קליין סדום. אַ גרויסער וואָקזאַל. לאָקשן מיט יויך, אַז עס איז צעזעצט געוואָרן דער בויך (מיט אַביסל פעפער — לחיים. אדניאָווקע (אָן אָפּרו) אויף אַ פאָר טעג.
6. יאַנקיטשעווסקע. אַ פאָלסטאַניק. אַ טרוקענער לחיים!
7. ווערטיעווקע. דאָרט זיצט די אלמנה. פשוט אַ מצוה — לחיים!
8. דענבאָווקע (אַ קליין וואָקזאַליכען). אַ שטיק פלייש פארבייסן — לחיים!

9. רישקאָוו. אַ טרוקענער לחיים.
10. סינגער. אַ פֿאָלסטאַניק. אַ פשוט'ער לחיים!
באָרישאָוו. דער גרויסער וואָקזאַל.
קטאָ קאַרטשמע מיניאיע, טאָט טשאַסטיע ני מאַיע".

אַזוינע שטיפֿערייען זײַנען דאָך אַ סך אין ביכל, און מען וואונדערט זיך ניט, ווען מען לייענט עס, פֿאַרוואָס זײַן פֿאַרפֿאַסער האָט ביי שלום־עליכם'ען, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונג בחור'ל, אַזוי אויסגענומען.

איינציגע שטעלן אין „ברוך שפּטרני" דערמאָנען שפּראַכלאַך און סטיליסטיש אָן שלום עליכם'ען. צום ביישפּיל, די כאַראַקטעריזירונג פֿון בערל נאָז: „זייער אַ פֿיין מענטשל, קורץ און גראָב, דאָס פּנים איז רויט ווי אַ צוויק. אַ נאָז, ווי אַ טראָמבע. אַ פּאָר גרויסע אויגן, ווי די קעלבערנע אייער. צוויי ציין ווי אַ וואָלפֿצאָן שטעקן אים אַרויס פֿון פֿאָרנט. צוויי הענטלאַך ווי ביי אַ בער די לאַפּעס. פֿון איין אויג רינט אַביסל. ביידע אויערן פֿאַרשטעקט מיט וואַטע. אַ פּאָר צעקאָטשמעטע פּאות. אַ בערדעלע, ווי ביי אַ צאַפּ. אַ קיילעכדיגע היטל. אונטערן היטל אויפֿ'ן קאָפּ, מחילה, אַ... די שטיוול נאָר־וואָס אויסגעשמירט מיט פֿרישן דיאָהט (דזשעגאַכץ?). אויף דער באָרד ליגט עטלאַכע ברעקלאַך קעז פֿון דעם קניש. אויף די פּאות אַביסל אָנגעשיט אַזוי ווי גרייפּלאַך..."

אַ חוץ דעם, איז דאָס ביכל פֿול מיט טביה דעם מילכיגנ'ס פּסוקים:

„...באַדינגט זיך מיט מיר און גיט מיר אַ דערויף, איז עפר ואפר — איך שפּאָן שוין. אַבי איר זייט פֿאַרטיג, מידי תבקשנו — פֿאָר איך שוין."

„גלויבט מיר, אַז איך בין אַלט געווען פֿינעף יאָר, האָב איך שוין אויסגעריסען דעם רבי'ן די באָרד עד פּרוטה אחת און האָב אים דוקא געלאָזט שטיין בגלוי עריות — דווקא אָן דער יאַרמולקע."

„אל תפל דבר כאשר שברתי — אַ מויל איז ניט קיין כאַליווע".

„כאשר אבדתי אבדתי — גערעדט איז גערעדט.“

„טפוי, אזעלכע פארשווינען הללו כל צבאיו. — היינט זאָלן מיט זיי האנדלען, ניט איך, ר׳ יונה שלו (רבונו של עולם)...“

צי זיינען באַקאַנט געווען שלום עליכם׳ען אַלע דריי ביכלאַך פון ר׳ לייב דעם שרייבער (חיים יאַסעלים) אָדער נאָר איינס אָדער צוויי פון זיי — ווייסן מיר ניט. עס איז אָבער קלאָר, אַז אַקוראַט ערב שלום־עליכם׳ס באַווייזן זיך אין דער אידישער ליטעראַטור, האָבן אין דרום־רוסלאַנד צירקולירט מעשה־ביכלאַך, וואָס זיינען געווען פול מיט נעמען, ווערטלאַך, המצאות, שפּילערייען, איינפאַלן. שקצ׳ישע שטיק און כלערליי אַנדערע עלעמענטן, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון שלום עליכם׳ס הומאָריסטישן שאַפן. און עס איז אויך קלאָר, אַז דער פאַרפאַסער פון די דאָזיגע ביכלאַך, חיים יאַסעלים, איז מיט זיין שטייגער שרייבן געווען באַקאַנט שלום עליכם׳ען.

נאָר צי דען איז חיים יאַסעלים געווען דאַן דער איינציגער שרייבער פון אָט דעם מין? צי זיינען ניט געווען אויך אַנדערע, וואָס האָבן מקדים געווען אונזער גרויסן הומאָריסט מיט געוויסע עלעמענטן פון הומאָר?

עס זיינען געווים געווען אַזעלכע, און צווישן זיי איז, פריער ווי אַלץ, ווערט דערמאָנט צו ווערן דער אַנאָנימער פאַרפאַסער פון אַ פריילאַכן ביכל, אין צוויי טיילן, וואָס איז אַרויס אין וואַרשע, 1881. אַלזוי, אַרום יענער צייט, ווען שלום עליכם האָט זיך שוין געקליבן צו ווערן אַ שרייבער (ער האָט דאַן שוין געווען פאַרעפענטלאַכט אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן אין העברעאישע צייטונגען). דער נאָמען פון דעם ביכל איז: „הגדה פון יעקינא“ („הובא לבית הדפוס ע״י ר׳ פייביל מאַל־דאַווסקי מבארדיטשוב“). דער אַרויסגעבער האָט געוואָלט שאַפן דעם איינדרוק ביי דעם עולם, אַז עס איז אַ מוסר־ אָדער השכלה־ביכל, האָט ער געשריבן אויפ׳ן שער־בלאַט, אַז „דערפון קאָן זיך יעדער איין מוסר נעמען, ווי מען זאָל זען אַלעם צו טאָן קינדער צו לאָזן לערנען, מען זאָל ניכט אויף דער וועלט לעבן ווי אַ

בהמה". אין דער אמת'ן אָבער איז עס ניט אַזוי מוסר, ווי פּשוט'ער חוזק און שטיפעריי. עס ווערט דאָ אויפ'ן לצנות'דיגן אופן געוויזן די פאַרגרעבטקייט און עם הארצות פון די ישובניקעס. דער ישובניק איז פון תמיד אָן געווען אַ דאַנקבאַרער מאַטע־ריאַל פאַר'ן אידישן פאָלקס־וויץ, און א. מ. דיק האָט אַ גאַנצן ביכל אויף דער טעמע מיט'ן נאָמען „דער ישובניק" (ווילנע, 1867). אָבער א. מ. דיק, ווי אויך זיין הויפּט מקור, דער פאָלקס־וויץ, איז ניט געגאַנגען אַזוי ווייט אין פּאַראָדיע, שקאָצעריי און לצנות, ווי דער אַנאָנימער מחבר פון דער „הגדה פון יעקינא".

דער הויפּטהעלד פון דער „הגדה" איז יעקינא (יעקי־ניו), דעם ראַנדאַר'ס בן יחיד, אָבער עס ווערט דאָ געמאַכט חוכא וטלולא אויך פון די איבעריגע פּאַרשוינען: דעם ראַנדאַר, יעקיניו'ס טאַטע, חאַשע, זיין מאַמע, פּעסעלע, זיין שוועס־טער, גבריאל, זיין פעטער, דעם מלמד, דעם אורח, דעם הויפקנעכט סטאַק, דער „מלבה" יעפּקא, דעם מילנער ראַס־פּער (דאָס זיינען די פּאַרשוינען פון דעם ערשטן טייל „הגדה". אין דעם צווייטן טייל זיינען דאָ נאָך אַנדערע פּאַרשוינען). און כדי דער לעזער זאָל האָבן אַ השגה פון דעם כאַראַקטער און דעם סטיל פון דעם דאָזיגן הלצה־ביכל, וועל איך ברייננגען די ערשטע פּאָר זייטלאַך, ווי זיי שטייען און גייען. איך וועל נאָר אויסשטעלן לייטישער דעם טעקסט, צוגעבן די נויטיגע אָפּשטעל־צייכנס און באַנוצן די היינטיגע אָרטאָגראַפיע. דאָס ביכל הויבט זיך אָן מיט דער באַשרייבונג פון דעם ראַנדאַר'ס הכנות צום סדר און עס איז ביז'ן סוף געשריבן אין דער פאָרם פון געשפּרעכן:

ראַנדאַר (פּרעגט): וואָס פאַר אַ שמונה עשרה דאַוונט מען היינט?

מלמד (זאָגט): סטייטש, יעלה ויבא, אונזער יום טוב'דיגע שמונה עשרה, אתה בחרתנו.

ראַנדאַר: וואָס מאַכט מיך עפּעס דער ש... מלמד משוגע מיט אַן אתה בחרתנו? דאָס האָבן נאָר די שטאָט־לייט ליב די קלאָפּערלאַך, דען זיי האָבן ניט וואָס צו זאָרגן. אַ דאָרפסמאַן, נעבאַך, ער האָרעוועט, נעבאַך, שווער און ביטער, אים גיב אַ

מאמעליגע מיטברינזע, א קניש מיט קרויט און א שמונה עשרה ווי א גוי (די) גרויס. די קליינע משוגענע סידור'לאך, די פיצינקעלאך, זיינען ביי מיר גארניט ווערט. לאז דער אתה בחרתנו קומען אויף אנדערע הענט.

מלמד: נא, נא, לאז זיין ווי דו זאגסט: ווערגט אייך מיט אים.

רענדאר: פעסעלע, בעט דאס העסעבעט, איך זאל ניט עובר מנחה זיין.

פעסעלע: טאטע, וויפיל איבערבעטן דארף מען צום הע־סעבעט?

רענדאר (זאגט): יעקינא, נא, זוך ארויס דאס לוסע (?) סידור'ל. איך דארף נאכצוזוכן וויפיל איבערבעטן מען דארף. דאס יאר איז גרויס, פארגעסט מען, כ'לעבן.

יעקינא: טאטע, מיט דעם לוסע סידור'ל איז די זויע־רע מילך צוגעדעקט. כ'לעבן, אן עבירה. די קאץ וועט דער־ווײלע דאס טעפל אויפהויבן; דו קאנסט גוט די לאסוכע.

רענדאר (זאגט)): איך וועל דיר, מיין קינד, אן עצה געבן: גיי זוך ארום די מחילה פון תשעה באב. אפשר וועט שוין דאס יאר משיח קומען, וועלן מיר שוין פארשפארן יוצרות צו זאגן? עס קער צו שטעקן אונטער דעם גראגער לעבן דעם קוסט פשענדעס. גיי און דעק צו די זויערע מילך מיט דער מחילה און ברענג אהער דאס סידור'ל.

יעקינא: טאטע, וואס איז דער משיח — אויך א רענ־דאר?

רענדאר: פיש! אויב ער איז א רענדאר? אבער נאך פון די גרויסע רענדארס, וואס האלטן גאנצע דערפער מיט די מילכעדיגס. ער וועט קומען צו רייטן אויף א גרויסן קאשטאן און וועט טראשקען מיט דעם ראפניק, ער וועט נאר איין טראמבע געבן מיט דעם שופר, וועלן אלע רענדארס ווערן פאמעשטשיקעס און די פריצים וועלן ביי זיי הייצן אין הרובע, וואסער טראגן און מיר וועלן ביי זיי אלצדינג אוועקנעמען.

יעקינא: טאטע, איך האָב נאָך צייט איך לעב, ניט געזען קיין שופר.

רענדאר: מיין זון, געדענקסט ניט? אויף די ראָשע־שאנקעס נעמט א איד א ביין אין פיסק אריין און טראָמפּעט.

יעקינא: טאטע, אפשר אזוי ווי א הויף־פּאסטוך האָט, וואָס ער טראָמפּעט צו ווארמעס צו אויפרופן די פי.

רענדאר (זאָגט): יא, יא, אָבער יענער איז פון איין צאפ.

יעקינא: טאטע, כ׳לעבן עס זאָל אמת זיין, אז מיר וועלן זיך אלעס צונעמען פון פּריצים, ווייסטו, וואָס איך וועל מיר נעמען?

רענדאר: ווייס איך? אפשר די שאראָווארעס און די גלעקלאך פון די בליאנא לאָשיקלאך.

יעקינא: ניין, טאטע, די שאראָווארעס וועט זיך דער משיח אליין נעמען. איך האָב חשק צו האנעשען דאָס עלטערע שוועסטערל צו נעמען פאר א כלה.

רענדאר: יאָ, אז מען וועט אויף איר א שאלה פרעגן. פאר וואָס דען ניט? מיר דאכט זיך, אז אויף איין פּריציש שיקסל דארף מען אפילו ניט קיין שאלת צו פרעגן, נאָר מען דארף זיך מתיר נדר צו זיין, איז שוין כשר. און עס איז אָבער קיין מיוחס ניט? היינטיגע צייטן קוקט מען ניט אויף קיין יחוס.

יעקינא: יאָ, יאָ, טאטע, זאָג מיר צו. שווער מיר ביי דער באָרד און ביי דער מאמע׳ן. כ׳לעבן, טאטע וועל איך מיר שוין (מער) ניט באפּ... און וועל באגערן צו לערנען.

רענדאר (נעמט זיך אָן ביי דער באָרד מיט דער רעכטער האנט און חאַפּט׳ן מיט דער אנדער האנט און שווערט): ווי עס איז א באָרד מן השמים מיר זאָלן זוכה זיין אונזער איינציגן בן יחיד מיט האנעשען צו פאר׳קנס׳ן. זאָג אמן.

פּעסעלע (הערט פון וויטנס און כאפּט א טאָפּ און טראסק אָן דער ערד און שרייט): מזל טוב, מזל טוב! יאָקינא איז צו מזל א חתן געוואָרן מיט האנעשען (און טרעפט א שטיק שארבן דער מאמען אין קאָפּ אריין).

ח אַ ש ע (זאָגט): אַ שוואַרצן מאָרגן אויף אייך מיט אייערע תנאים שרייבן.

ר ע נ ד אַ ר: נאַ, גיב מיר שוין פּאָרט דאָס לוסע סידורל. די נאַכט שטייט ניט (יאַקינאַ גרייכט צום גראַגער און שלעפּט אַרויס אַן אַלטן צעריסענעם טלית — ווער ווייס ווי לאַנג דאָס ליגט דאָרט — און קומט אַריין): טאַטע, דאָס איז די מהילה!

ר ע נ ד אַ ר: וואָס האָסטו מיר עפּעס געבערענגט פאַר אַ שלימזל? ווער ווייס ווער דאָס האָט אַריינגעשטעלט? אודאי די כלב'טע די שבענערע, די טשערוואַניצע די קו די מילך אוועק־צונעמען. כאַפּ און וואַרף עס אין פייער אַריין. און זאָג: אַלעם ביין צו איר קאָפּ."

אין אָט דעם נוסח (און אָפט נאָך מיט מער חוזק, פּאַראָ־דיע און קאַריקאַטור) איז געשריבן דאָס גאַנצע ביכל. זיין פאַר־פאַסער איז געווען קענטיג נישט קיין קלענערער קונדס, ווי דער ס ט אָ ל ע ר מ ס א ק י ל ע ן, דער מחבר פון „צווייטן אייזין באַנד" און „ברוך שפּטרני".

נאָר אויב זיי זיינען געווען מער קונדסים ווי שרייבער, האָבן מיר אין דער עלטערער אידישער ליטעראַטור אמת'ע — און זיי־ער וויכטיגע — שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך פאַרגונען אמאָל אַ שפּיל צו טאָן און אַ שטיף צו טאָן, און צו זיי געהערט נישט קיין קלענערער, ווי דער ז י י ד ע, מענדעלע מוכר ספרים אַליין. מענדעלע'ס הומאָר (אפילו אין „קצור מסעות בנימין השלישי", דעם הומאָריסטישסטן פון אַלע זיינע ווערק) איז אַן איינגע־האַלטענער, אַ פאַרשטיקטער, אַ פאַרשלייערטער; מענדעלע האָט זיך נישט פאַרגונען די פרייקייט, די אָפנקייט און די „שקצ'יש־קייט" פון זיין שפּעטערדיגן אייניקל; אָבער מענדעלע איז דאָך געווען רייך אין הומאָר, ניט בלויז אין סאַטירע, און ער איז זיכער געווען אַ רבי שלום עליכם'ס נישט נאָר בנוגע צום סטיל, צו די טעמעס און אַ סך אַנדערע זאַכן, נאָר אויך אין שייכות צו קאַטאָוועס, פּאַראָדיע און וואָרט־שטיפעריי. אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.*)

*) זע פריער „שלום עליכם (אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק)".

דאָ וויל איך אויפמערקזאַם מאַכן דעם לעזער אויף אַנ־דערע עלטערע אידישע שרייבער, אחוץ מענדעלע'ן, וועלכע האָבן אין דעם אָדער יענעם פּרט, צוגעגרייט דעם באָדן, וואָס אויף אים האָט זיך שפּעטער צעוואַקסן און צעבליט די ליכטיגע שאַ־פונג פון אונזער הומאָריסט.

איך וויל פריער דערמאָנען יענע שרייבער, וואָס מיר מעגן מאַכן אַ זיכערע השערה, אַז שלום עליכם, ווען ער איז געווען נאָך יונג, האָט זיי געלייענט. דאָס זיינען: דר. שלמה עטינ־גער, אייזיק מאיר דיק, יצחק יואל לינעצקי און משה אהרן שאַצקעס. זייערע ווערק (אָדער אַ טייל פון זיי) האָבן זיך געפונען, לויט דער מיטטיילונג פון י. ד. בערקאָוויטש (דאָס שלום עליכם בוך, ז. 166), „אין דעם ספרים־אַלמער פון זיין שווער לאָיעוו", און מען דאַרף רעכענען, אַז ער האָט אין זיי אַריינגעקוקט. אגב וועגן א. מ. דיק'ן האָט שלום עליכם שפּעטער געשריבן און ער האָט זיך וועגן אים זייער וואַרעם אָפּגערופן: „די נאָוועלן פון ה' דיק, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן (ווי מען זאָגט) מער אַלס 200 שטיק, טראָגן אויף זיך עפּעס אַ מין צוי־בערלאַכקייט, אַ מין רייץ, אַז זיי לעזן זיך מיט פאַרגעניגן און זייער לייכט אפילו ביים וואַלינער לעזער, דאָס הייסט, ביי דעם ניט־ליטווישן לעזער." („דער אידישער דלות אין די בעסטע ווערקע פון אונזערע פאָלקסשריפטשטעלער", ביילאַגע צום „יודי־שען פאָלקסבלאַט" נומ. 40, 1888). וועגן יצחק יואל לינעצקי'ן און ספּעציעל וועגן זיין „פּוילישן אינגל", האָט שלום עליכם גע־שריבן אין דערזעלביגער סעריע אַרטיקלען אינ'ם „יודישן פאָלקס־בלאַט" (נומ. 42, 1888) און, אַז ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון לינעצקי'ן, זעט מען פון אַ רעצענזיע, וואָס ער האָט פאַר־פאַסט נאָך פריער, אין יאָר 1884, וועגן אַ ביכל פון מאַני דלור־גאַטש (זע שלום עליכם־בוך, ז. 326), און „עס איז גאָר קיין ספק ניט, שרייבט י. ד. בערקאָוויטש, אַז יצחק יואל לינעצקי, איינער פון די ערשטע קאָריפייען אין דער אידישער בעלעטריס־טיק, האָט געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אויף שלום עליכם'ען אין זיינע ערשטע ליטעראַרישע איבונגען." (דאָרט, ז. 179).

משה אהרן שאַצקעס'ן און זיין „אידישן פאַר פסח" האָט ער אויך אָפּגעגעבן אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער דערמאָנטער סעריע („יודישעס פאָלקסבלאַט", נומ. 44, 1888), און ער האָט אים, אַזוי ווי לינעצקי'ן, איינגעלאַדן מיטצואַרבייטען אין זיין „אידישער פאָלקסביבליאָטעק".

שאַצקעס איז געווען מער סאַטיריקער ווי הומאָריסט, אָבער איינציגע טראָפּנס הומאָר זיינען פאַראַן סיי אין זיינע העברע־אישע, סיי אין זיינע אידישע ווערק. איר פילט עפּעס פון שלום עליכם'ען נישט נאָר אין דעם ברייטן, צעגאָסענעם פאָלקס־דיאַלאָג (שאַצקעס האָט אַריינגעפירט אין דער אידישער ליטעראַטור דעם ליטווישן פאָלקס־געשפּרעך, אַזוי ווי ער שטייט און גייט. דאָס, וואָס לינעצקי, און דערהויפּט שלום עליכם, האָבן געטאָן מיט דעם וואָלינער פאָלקסטימלאַכן שמועסן). עפּעס פון שלום עליכם'ס שטייגער איז זיכער דאָ אויך אין אַזעלכע בילדער פון „אידישן פאַר פסח", ווי: „דאָס ווייב שטייט ביי'ם אויוון שוואַרץ ווי די סאַזשע. דער שלייער אָן אַ זייט. די סמאַהע אויף די ליפּן, די נאָז בעט זיך אויסשנייצן, נאָר עס איז ניטאָ קיין צייט, זי לייגט עס אָפּ צום סדר... קללה'ס ליגט ביי איר אין זאַפּאַס אונטער די ליפּן און נאָר וואָס זיי שיטן זיך ניט אויס... דעם מאַן האָט זיך געוואָלט אַביסל צו שמייכלען צו דער יפת תואר, מחמת ער האָט פּאַרט געוואָלט מאַכן אַ שמועס מכח קאַרטאָפל, און האָט געוואוסט, אַז ער שפּילט דאָ מיט'ן לעבן. דארום האָט ער גענומען אַביסל וויין אין אַ כוס און איז צוגעגאַנגען צו דער פּרינצעסין מיט די ווערטער: „אַנו, פאַרזוך נאָר אַביסל וויין, דאָס גאָלע זיסער..." — „טשעפּע זיך אָפּ פון מיר! ס'איז מיר שוין, ברוך־השם, זיס אָן דעם וויין!" א. אז. וו., א. אז. וו.

אַ שטילער, קילער הומאָר פאַר'גנב'עט זיך דאָ און דאָרטן אויך אין די שורות פון שלמה עטינגער (אין „סערקעלע", אין די עפּיגראַמען און דערהויפּט אין די פאַבלען).

ביי לינעצקי'ן זיינען די הומאָר־טראָפּנס פאַרביטערט, פאַר־גאַלט, אָבער זיי זיינען דאָך פאַראַן, און מיר דוכט, אַז לינעצקי האָט געווירקט, ניט בלויז „אויף די ערשטע סאַטיריש־פּובליציס־

טישע איבונגען" פון שלום עליכם (ווי עס זאָגט י. ד. בערקאָ־וויטש). עס איז מעגלאַך, אַז לינעצקי האָט איבערגעלאָזן שפּורן אויך אין געוויסע טיילן פון שלום עליכם'ס שפּעטערדיגן, ריין הומאָריסטישן שאַפן.

לינעצקי איז געווען צו פאַרביסן, צו פאַרביטערט צו קאָנען זיין ריין־הומאָריסטיש. מיט זיין אייביגער קריגערישקייט איז ער אין עצם געווען דער היפוך פון שלום עליכם'ען, אָבער דער לעצטער האָט דאָך געקאָנט געפינען אין זיין שפּראַך און אין זיין גאַנצן שטייגער שרייבן אַ סך „שקצ'ערײ", אַ סך פרייקייט און שפּילעוודיגקייט.

נעמט, אַ שטייגער, „די ווינבאָרעם" פון י. י. לינעצקי (זשיטאָמיר, 1875). שלום עליכם ברענגט גראָד די דאָזיגע זאַך פאַר אַ ביישפּיל אין זיין פריער דערמאָנטער רעצענזיע אויף דלוגאַטש'עס ביכל. לייענט דעם צעטל פון די פאַרשוינען: ר' שמעלקע באַשיינפּערלעך, פישקע מאַנקאַלעניק, חיים קערעבאַבע־צע, משה בולבע, מיכל קעבעבע, איציע כרכשתא, שמערל דראַל, שמחה קאַקאַריזע, טודרוס מעשטיינסגעזאָגט, זאוול וואַרעטענע, בערל מאַמעטליווע, מענדל עבברוש, שמחה געפלאָכטענער, מיכאל קוואשע, קלמן פּזר, צדוק מהיכי תיתי, שפּרינצע כאַפּלאַפּ א. ד. ג. אין דעם גייסט און גוסט פון די דאָזיגע „פרייליכע" נעמען איז געשריבן (אין דראַמאַטישער פאָרם) די גאַנצע זאַך...

ביי לינעצקי'ן האָט שלום עליכם דערהויפּט געקאָנט געפינען 'ענע נטיה צו איבערטרייבונג, פאַראָדיע און קאַריקאַטור, וועלכע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר סאַטיריקער און הומאָריסטן. אַ שטייגער, לינעצקי'ס באַשרייבונג פון די זעקס כלי־זמר אין דער „שיינער קאַפּעליע", וואָס האָט געשפּילט אויף דער חתונה פון דעם פּוילישן אינגל: — „איינער מיט אַ פּויק פון אַ ווייקשעפל מיט דריי העלצער. איינער מיט אַ פּאָר טאַצן פון צוויי געגלייזטע פאָקרעשקעס. דער דריטער מיט אַ פידל פון אַ הובל מיט אַ קאַטשעלקע. דער פערטער מיט אַ העלדזל פון אַ צעבראָכענער פלאַש פאַר אַ פלייט. דער פינפטער האָט געקלאַפּט דעם זעקסטן מיט די פינגער אין פלייצע אריין"...

אָבער נאָך מער — און נאָך עכטערן און ריינערן — הו־מאָר האָט שלום עליכם געקאָנט געפינען און האָט מסתמא גע־פונען אין די ווערק פון אייזיק מאיר דיק.

א. מ. דיק איז בטבע געווען אַ הומאָריסט, ניט קיין סאַטי־ריקער, און אויב עס איז אין דער עלטערער אידישער ליטעראַ־טור געווען איינער, וואָס האָט באמת ליב געהאַט צו שמייכלען, צו לאַכן, צו פֿראַווען המצאות און צו זאָגן וויצן פון די וויצן וועגן, נישט נאָר אָפּצולאַכן, איז עס געווען דער פֿאַרפֿאַסער פֿון „רב שמעיה גוט יום טוב ביטער״!

אַ לאַנגע צייט פאַר די ביכלאָך מיט חכמה׳ס פון מאַטקע חב״ד און שייקע פייפער, האָט דיק שוין געדרוקט זאַמלונגען פון כל׳ערליי וויצן, איינפאַלן און המצאות. עס איז גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע ביכלאָך זיינע, ווי „בליצענדע וויצן״ (ווילנע, 1867) אָדער „וויצן און שפּיצן״ (ווילנע, 1873). אָבער נישט נאָר מיט אָט די המצאה׳ס האָט ער אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר אַ מער פריילאַכן און לייכטן סאָרט שרייבן. ער האָט שוין אין די פּופּצינער יאָרן פאַרעפענטלאַכט דערציילונגען פול מיט הומאָר. צום ביישפּיל, „חייציקל אליין״ און „יעקעלע גאָלדשלעגער״, אין נאָך פריער האָט ער אויפגעשריבן אויף גמרא־לשון זיין וואונ־דערלאַכע פּאַראָדיע מיט׳ן נאָמען: „מסכת עניות״ (1848). אמת, ער האָט די דאָזיגע, ווי אַלע איבעריגע ווערק זיינע, באַזאַלצט מיט סאַטירע און פאַרפעפערט מיט אויפקלערונג, מיט מוסר; אָבער דאָס איז געווען נישט מער ווי צינז צו דעם גייסט פון דער השכלה־צייט. האָט דאָך שלום עליכם אליין אין די ערשטע יאָרן געמוזט צאָלן אָט דעם השכלה־צינז; האָט ער דאָך אליין נישט געוואַגט אין אָנהויב אַרויסצוגיין אָפן מיט זיין פרייען און פריילאַכן געלעכטער. איז וואָס דער וואונדער, וואָס דיק, וועל־כער האָט געהערט צו אַ פריערדיגן דור, האָט נישט געקאָנט זיך פאַרגינען צו לאַכן זיין קלוגן און קינדישן געלעכטער אָן קיין שום כוונות? אָבער פון אונטער דעם — איצט שוין אָפּגעקילטן — אַש פון משכיל׳ישע כוונות פינקלען אַרויס פונקען פון — נאָך איצט לעבעדיגן — הומאָר. נאָר א. מ. דיק׳ס הומאָר, ווי

בכלל זיינע אויפטואונגען אין דער אידישער ליטעראַטור, מוזן אַרומ־געדעדט ווערן אויספירלאַך, און איך וועל עס טאָן אין אַ באַזונדער אַרבעט.

דאָ וויל איך נאָך זאָגן, אַז די ווערק פון די דערמאָנטע השכלה־שרייבער זיינען נישט די איינציגע ווערק, וואו שלום עליכם האָט געקאָנט זאַמלען בלומענזאַפט פאַר זיין הומאָר. עפּעס פון אָט דעם שטילן און זיסן זאַפט איז געווען אין די דראַמעס און דערציילונגען פון ישראל אַקסענפעלד, אין דעם ריב"לס „הפקר־וועלט", אין די קלוגע, אײַדעלע, ביז איצט נאָך ניט אָפּגעשאַצטע אידישע ווערק (אין פּראָזע און אין פּערזן) פון אליעזר צבי הכהן צווייפל, אין די לידער פון וועלוול זבאַרזשער, מיכל גאָרדאָן און אברהם גאָלדפאַדען, אין א. ב. גאָטלאָבער'ס איבעראַרבעטונג פון יצחק ערטער'ס „גלגול" („הצופה לבית ישראל"*) — און דער, וואָס וועט שרייבן די געשיכטע פון דעם הומאָר אין דער אידישער ליטעראַטור פאַר שלום עליכם'ען, וועט ביי די אַלע שריפטשטעלער געפינען געוויס אַ סך מאַטעריאַל. עפּעס שלום־עליכם'דיגס וועט ער דערשפּירן אויך אין דעם — שוין הונדערט יאָר אַלטן — בריוונשטעלער, פון וועלכן יהודה עלזעט האָט אײַבערגעדרוקט דאָ ניט לאַנג גאַנצע שטיקער. אַ שטייגער, אין דעם בריוו, וואו אַ שדכן שרייבט: „...זי מוז גוויש האָבן באַהאַלטענע פופציג זעכציג גילדן בשתיקה די קינדר, איך האָב איר געפרעגט וועגן געלד האָט זי געשמייכילט זי האָט צו מיר איין וואונק גטאָן די קינדר זאָלן ניט הערן, און ווייטר איז זי נאָך איין יוגענד, וועט אַלט זיין איין יאָר פופציג, און אפשר נאָך וואַש וויינינגר, אמת זי הינקט עט וואַש צו אבר איין גרושע בריה, רעט רייסעם און ליטוועס אַז דו דאַרף לויט וואונדערן זיך, איך האָב איר אויף צו פליים געפרעגט ווי פירט זי דעם שיינק, האָט זי מיר געוויזן און קעלער איין פאַס שטייט מיט אונטר ביר און

---

*) אַ פּאָר פון אָט די ווערק, ווי, צום ביישפּיל, „די הפקר וועלט", זיינען פאַרעפנטלאַכט געוואָרן ערשט דאַן, ווען שלום עליכם איז שוין באַקאַנט געווען אין דער ליטעראַטור, אָבער אין האַנטשריפטלאַכע קאָפּיעס זיינען זיי געווען נאָך פריער פאַרשפּרייט.

די אנדרע מיט וואסר, ביי די הויפעשע בראנפין דעם גלייכען, איין זבאן מיט בראנפן און די אנדערע מיט וואסר, און מאכט מלאכות איך זאג אייך איין חכמה פון דר וועלט, קוילעצן באקט זי אליין, קומט זונטיג לייזט זי שיינה געלד, קומן אן ביי נאכט די דארף לייט, מיט איין פידל, זי נעמט זיי זוי ארענטליך צו טרינקט און טאנצט מיט זיי אין איינעם, און לעבט זיך זייער גליקליך איך האב איר אייך פר גשטעלט און האב ניט גזאגט אז איר האט אויך פיר פינף קינדר איז איר זייער גפעלן עס איז איין לאנד שדוך פר אייך קומט צו פארן וועלן מיר למזל טוב הין פארן און חופה שטעלן, איך ווייש אז איר וועט מיר דאנקען, נאר זאמט ניט דען עש וועט זי איין אנדערר אוועק חאפין אייער פריינד יהושע שבתי שדכן".

אדער אין דעם ענטפער אויף דעם דאזיגן בריוו, וואס לייענט זיך אזוי :

„יום ג' כיסליו תחפ"ת

„לההר' הרבני המפורסם כבוד מהו' יהושע שבתי נ"י,

„מיין פריינד ווען איך וואלט אייך ניט קענן, וואלט איר האבן ביי מיר דברים רעים, ווי קאנט איר מיר ריידן זוי איין שדוך, איינס מיט זוי איין ליבע יוגענד, איין קאליקע מיט זיבן קינדר, קען טרינקן און טאנצן מיט דארף לייט, די ליבע בגדי נגידים, די גרושע חכמה, אונ אז איך בין מיר יוא אקלויזנער פון דעסט וועגן לעב איך מיר מיט מיינע קינדר ארענטליך, איך בין ב"ה איין למדן, איך האב מיר צוויי תלמידים וואש איך לערן מיט זיי חומש מיט חבור נעם איך 30 גראשן איין וואך, איין האלבן גילדן האב איך הפסקה אין קלויז, אלע אין דר פרי האב איך מיר מיינע גריץ מיט פוטער, שבת בין איך איין בעל קריאה נעם איך אלע וואך אכט גראשן אפט טרעפט זיך ביי איין אבל ר"ל צו גיין צום מנין אגאנץ שבעה נעם איך אויך צוואנציג גראשן אויף מיין חלק, אפט טרעפט זיך אין קלויז פר איין קראנקן ר"ל מתפלל צו זיין פר דין איך אוך פיל ווייניג, שבת עס איך ביי דעם גבאי פון קלוז מיט'ן גרעסטן כבוד, מען גיט מיר נאך חלה אויף נאך שבת אויף איין פאר איבערבייסנס

מייני קינדער גיט מען פּלעטן און מען האַלט זיי גאָר ניט אויף, פון סליחות ביז יום כפור זיץ איך אויפן בית עלמין מיט איין פושקע, ביי איין נגיד אויף איין וואך נאכט האָב איך איין גוטע וועצערע און קריג נאָך עטליכע גראָשן, און נאָך פיל הכנסות, וואש דאַרף איך די הינקעדיגע אלמנה פון פופציג יאָר מיט זיבן קינדער און מי יודע ווי פיל איר פר לייקענט נאָך פון מיר, נאָך מיינע מעלות אונ הכנסות דאַרפט איר מיר ריידן איין שדוך איין יוגינט פון 1 יאָהר מיט פיל געלט און איין שיינע פארשון וואש צו זוכין און צו הערן אין לאַנד איז, אזוענע זאכן מאָגט איר מיר שרייבן, און ווייטר לעהב גזונד, פון אייער יהונתן שמריהו נ"י" (ציטירט לויט דער יובילעי־אויסגאַבע פון „קע־נעדער אָדלער", מאָנטרעאַל, 30טן אוגוסט, 1927).

דער וואָס וועט זוכן דעם היסטאָרישן אורקוואַל פון שלום עליכם'ס הומאָר, וועט זיך אָבער נישט קאָנען באַנוגענען בלויז מיט די פאָרשטייער פון דער ליטעראַטור. ער וועט מוזן גראָבן טיפער, און אַז ער וועט עס טאָן, וועט ער דער־גיין ביז די אוצרות פון דער אידישער פאָלקסשאַפונג. דאָרט, אין די פאָלקסווערטלאַך, וויצן און אַנעקדאָטן, אין די חדר־אינגלשע רעטענישן און המצאה'ס, אין די פורים־שפּילן און אין די פאַרשיידענע, מינדלאַכע, פּאַראָדיעס, (אויף פּסוקים, מאמרים, מנהגים) — דאָרט ערשט וועט ער דערשפּירן דעם אמת'ן קוואַל פון שלום עליכם'ס לעבעדיגן און לוסטיגן שרייב־נוסח...

און אַז איך האָב דערמאָנט פּאַראָדיעס וויל איך גאָר באַ־זונדער אויפמערקזאַם מאַכן, צום סוף, דעם קומענדיגן שרייבער פון דער פאַרגעשיכטע פון שלום עליכם'ס הומאָר אויף דעם „ספר הקונדס". דער „ספר הקונדס" איז ניט די איינציגע און ניט די ערשטע פּאַראָדיע אין דער העברעאישער און אידישער ליטעראַטור (זע איזראַעל דייווידסאָנ'ס: Parody in Jewish Literature, 1907, New York.) אָבער די דאָזיגע הומאָרפולע פּאַראָדיע אויפ'ן „שלחן ערוך" איז גאָר באַזונדערס געוואַגט און שטיפעריש. זי איז, אַ חוץ דעם, אינטערעסאַנט דערמיט,

וואָס זי איז, אין אַ געוויסן זינען, שוין אַ פּראָדוקט פון דער השכלה צייט. זי איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלאַכט געוואָרן (אַנאָנים) אין ווילנע, אין 1824. די ווילנער קהל'ס־לייט האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן די שקצ'עריי, האָבן זיי דעם ספר'ל פאַרברענט. בלויז איין עקזעמפּליאַר, אָדער, ריכטיגער, אַ גע־שריבענע קאָפּיע פון אַ געדרוקטן עקזעמפּליאַר איז אָפּגעהיט געוואָרן אין דעם ארכיוו פון דעם ווילנער ביבליאָגראַף הלל שטיינשניידער, און לויט אָט דער קאָפּיע איז דער „ספר הקונדס" אין 1914 איבערגעדרוקט געוואָרן אין „יעווריסקאַיאַ סטאַרי־נאַ"*). געשריבן איז דער „ספר הקונדס" אויפ'ן רבנישן לשון מיט אַ סך אידישע ווערטער אַריינגעמישט, און דאָס איז אין אַ געוויסן זינען דאָס שלום־עליכם'דיגסטע פון אַלע הומאָ־ריסטישע אידישע ווערק פאַר שלום עליכם'ען. עס איז געשריבן געוואָרן פון אַ קונדס און עס איז, אין תוך גענומען, דער שולחן ערוך פון קונדסעריי. „נאָך הונדערטער יאָרן" וויל איך זיך דערלויבן צו ציטירן, וואָס איך האָב געשריבן, ווען דער „ספר הקונדס" איז איבערגעדרוקט געוואָרן — „נאָך הונ־דערטער יאָרן פּלפּול און חריפות ווייזט זיך הומאָר אין דער ליטעראַטור. דורך שווערע, פינסטערע וואָלקנס פון ערנסטקייט ברעכט זיך דורך אַ לוסטיגער זונענשטראַל. עס גיבן זיך אַ גלייך־אויס אויף אַ מינוט די קנייטשן פון שטערן. די שטרענ־גע באַפעלנדיגע אותיות מרובעות הויבן אָן צו שמייכלען... דער קונדס ווערט אַ פּראָפעסער!" („דאָס לעבן", נומ. 39, וואַרשע, 1914). און דער אַלגעמיינער איינדרוק פון דעם טשיקאַוון „ספר הקונדס" איז געווען ביי מיר, אַז אין דער אַלטער פאָרם (פון שולחן ערוך) איז אַריינגעגאָסן געוואָרן אַ נייער אינהאַלט. די פאָרם, וואָס אין משך פון הונדערטער יאָרן האָט זי געדינט נאָר פאַר הייליגע צוועקן, אויב מען זאָל ניט רעכענען אַזעלכע פּאַראָדיעס ווי „מסכת פּורים" און אַנדערע, איז געוואָרן אַן אויסדרוק פאַר דעם וועלטלאַכן, עולם־הזה'דיגן, אַרטיסטישן

---

*) לויט דייווידסאָן איז עס נאָך פריער איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַ באַזונדער ביכל.

געמיט פון ק ו נ ד ס ... עס איז געווען אַן אָנזאָג, אַביסל אַ צופֿרי־ געקומענער, אָבער — דאָך אַן אָנזאָג אויף שלום עליכם'ען, אויף אַט דעם ערשטן און גרעסטן ריין־הומאָריסטישן אידישן שריפֿט־ שטעלער.